STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00858

GEZAMELTE LIDER

Yehoash

Permanent preservation of this book was made possible by
Leon & Dvora Fajerman
in memory of
Berl & Sheive Fajerman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהואש

געזאמעלטע לידער

פֿאַרלאַג „אויפגאַנג“
ניו-יאָרק

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co

MADE IN U. S. A.

אינהאלטס-פערצייכניס.

פּראָלאָג.

ווי ס׳ווערען ליעדער פערפאַסט 3

פון ביבעל און תלמוד.

אַ קאַפּיטעל פון יחזקאל 11
לא ברעש ה׳ 15
דוד׳ס האַרף 19
ויהי למטה 21
איוב 23
יפתח׳ס טאָכטער 26
בית שני 28
עלי און שמואל 32
פון תהלים 38
די נאַכט פאַר מתן תורה 40
צפורה 43
מזמור שיר ליום השבת 46
שבת נחמו 48
רבי מתיא 51
הורדוס 56
דעם נביא׳ס בלוט 58
דעם תנא׳ס קללה 63
טיטוס׳עס מוק 69
שטראָף 71

אידישע לעגענדען.

דעם שוסטער'ס מויזעל 75
דעם חתן'ס טויט 77
די גע'גנב'עטע כלה 80
פון א'ן אלטען פנקס 83
הינטער'ן פארקאן 86
דער גלגול 87
דער דערטרונקענער 88
דער קמצן 89
דאס וואנדער־קינד 91
די עגונה 93
דער ארגעל 95
רחל'ס קבר 99
אהן תכריכים 100
די אלטע שוהל 102
דער צעהנטער צום מנין 105
דאס פארלאשענע ליכט 107
די ריינינקייט 109
די קליינע קינדער 111
צוויי יאהרצייט־ליכט 112
א גהעטטא־לעגענדע 113
דער הרוג 114
די עלית 116
דער תקון 118
די טויטע קהלה 120
מעשה שטן 123

לירישע ליעדער.

נאַקעטע נשמות 127
וועגוס און שולמית 130
צוויי תפלות 133
דער געפאַלענער מלאך 134
פאַגאַניני 135
צוויי בלוממען 139
כביכול'ס טעות 140
ראש השנה לאילנות 142
דער שטערבענדער דיכטער 145
די רויז 147
שברי לוחות 148
נאַטור און לעבען 150
הערץ און מח 152
אַמאָל און איצט 153
גוף און נשמה 154
ביי'ם קבר'ס ראַנד 155
קבר־פעדעם 156
די פאָעזיע פון יאוש 157
דער סך הכל 159
די אייביגע פראַגע 161
אַ'ן עגיפטישע געשיכטע 163
דער צווייטער מבול 165
ויתרוצצו 166
פאַר מיר איז די נאַכט 169

בלוממען און דערנער.

1) זאָל איך פון דופטיגע בלומען 173
2) דו פרעגסט מיך פאר וואָס איך בין טרויריג 174

3) איך גלויב דיר די שעהנע הבטחות 175
4) פיעללייכט איז עס בעסער, געליעבטע 176
5) איך קענן ניט דיין פנים פארמיידען 177
6) כ׳וואלט געווים שוין שבעים לשון 178
7) לאנג געזוכט פאנס־דע־לעאן האט 179
8) נו ביסטו געקומען, דו חכם, דו קאלטער 180
9) מיר האט זיך גע׳חלומ׳ט 181
10) פון קינדהווייז נאך האט זיך 182
11) עס איז נאר פון אנהייב א שפיעלכעל געוועזען 183
12) איך האב גאר אליין ניט פארשטאנען 184
13) ארום אין דער פיגסטער גערעדט האט דער וואלד 186
14) קומם מיט מיר אוועק פון מענשען 187
15) א, קומם, מיין געליעבטע, איך גיב דיר מיין צוזאג 188
16) עס קלינגען די פערזען, עס גראמט אזוי גוט 189
17) עס טראגט זיך צום הימעל א פויגעל 190
18) דערזעה איך דיך ווילט זיך מיר וויינען 191
19) די א י נ ע איז גוט ווי א מלאך 192
20) עס ציהט א כשוף דעם מאגנעט 193
21) עס לאכען נאאיוו נאך די אויגען 193
22) מיין ליעבע צו דיר האט א ווילע געשלומערט 194
23) זי איז נאך צו־מאל ניט פארשוואונדען 195
24) אפט טרוים איך ווי גוט וואללט געוועזען 196
25) אין דעם וויטען לאנד מצרים 197
26) די אלטע פארצייטיגע גריעכען 198
27) איך האב ניט צו דיר קיין פרעטענזיעס 199
28) דו האסט מיר צו וויינען פערבאטען 200
29) איך בין אזא׳ן עושר געוועזען 201
30) כ׳האב פארקויפט איהר מיין נשמה 202

31) זי לאַכט ניט און שמייכעלט גאָר זעלטען............ 203
32) דו גיסט מיר אַ הארץ נאָר אַ גאַנצע............... 204
33) אויסגעפלאַקערט איז דאָס פייער.............. 205
34) איך האָב עס געשוואָרען........................ 206
35) שוין האָב איך צובראָכען די קייטען............. 207
36) איך האָב דיר אַ קבר געגראָבען............ 208
37) באַלד וועט אויסברענען דאָס פייער........... 209
38) די ברענענדע פלאַממען פון ליעבע........... 210
39) מעכטיגער פון גאָטט יופיטער................. 211
40) אַריבער איז דאָס קריינקעניסס............... 212
41) חאָסט צו שנעלל אַוועקגעשאָנקען.......... 213
42) אויב דו וואָלסט געשטאָרבען דאמאלס........ 214
43) איך בין דיר דיין גוטסקייט איצט מוחל....... 215
44) איך האָב דיך לאַנג געזוג באַדאַרפט........... 216
45) עס איז געווען אַ ליכט־מאָמענט............... 217

שיממער און שאטטען.

פריהלינג: 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7........................ 221
פריהלינגס נאַכט 230
זוממער־מאָרגען: 1, 2........................ 231
זונען אונטערגאַנג: 1, 2, 3, 4, 5.................. 233
אבענד: 1, 2............................. 237
זוממער־נעכט: 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7, 8, 9, 10, 11, 12, 13.. 239
די ערסטע פליעג............................ 252
די ביהן.................................... 254
אָסיען: 1, 2.............................. 256
אָסיען־נאַכט................................ 259
אויפ'ן ים 260

שניי : 1, 2 262
שליטטען-גלעקלעך 264

נאציאנאלע און צייט ליעדער.

דער פאלקסגייסט 269
דער לעצטער שלום 272
דער בלוממענשטאק 274
שעהן דעקלאמירט, אבער... 275
אלימפוס און חורב 277
זכר לחורבן 280
די בלוטיגע אייבוויעהונג 282
די העלדען פון זשיטאמיר 285
נאך דער לויה 287
וויסטע צייטען 288
דאס נייע ליעד 290
פיעדעל און שלאכט-טראמפייט 292
זיין הערץ 293
וויים פון פאלק 294
נאציאנאל געפיהל 296
מאי אין גלות 297

א תפלה 300
חלום, פריינד 302
בלוממען - אפפער 303
צווילינג נאטורען 304
אין טאג פון לוין 305
די בערען און די שעפסעלע 306
דער קאמפף-מענש : 1, 2, 3 309

פערשיעדענע ליעדער.

עמיגראַציאָנס פּלענער 315
דער הייליגער באָק 318
דער פייגעלשער שמשון 321
גלייכהייט, אָבער ניט די ריכטיגע 323
שמח בחור בילדותך 325
ווילסטו נוצען ברינגען 326
לויטער הכנות 328
צייט און געדולד 329
חבוט הקבר 330
אַ פאַמיליען-לעבען 331
דעם שניידער'ס מיידעל 332
בירושה 333
מאַשינאָווע פּערזען 334
אמת זוכען 336

שפּעטערע ליעדער.

אויפן'ן עמיגראַנטען-שיף 339
ספרדי'שע טרייהייט 340
די פּעולה פון טרעהרען 343
דעם לעבענס בשמים 346
דאָס ערגסטע פון דער תוכחה 348
אַ טויטעס לעבען 350
דאָס לעצטע וואָרט 351
וואָס מעהר שאַטען 353
אַ יום כפּור מעשה'לע 355
סוף זוממער 357

כי תצא למלחמה ! 359
שומר מה מליל. 361
אַלטע פסוקים — ניי פערטייטשט. 363
דעם נביא׳ס גורל. 368
אַ וויסטער טרוים. 371
פריהלינג 374
צו עשו׳ן. 376
ממעמקים קראָתיך ה׳. 378
הנרות הללו. 380
דער ליכט־כאָר. 383
פערגענגליכקייט 387

געזאמעלטע לידער

פון

יהואש

פּראלאג

ווי ס'ווערען ליעדער פערפאסט...

איך האט א באקאנטער געפרעגט,
ווי ס'ווערען די ליעדער געמאכט?—
ווי ס'פּאססט זיך און קלעפּט זיך,
ווי ס'וויקעלט און וועבט זיך,
און ס'פּאָרט זיך צוזאממען,
דאס וואָרט מיט די גראממען,
און יעדער געדאנק,
געפינט אזוי לייכט זיך,
דעם פּאססענדען קלאנג
און ס'בינדט אזוי גלייך זיך,
צום זינן דאס געזאנג,
ביז אלסדינג אין איינעם באוועגט,
דאס הערץ מיט א זעלטענער מאכט.

איך ווייסס ניט — האב איך איהם ערקלערט —
פון וואנען עס נעהמט זיך די קראפט,
וואס גראממען און ווערטער באשאפט,
נאר דער וועמען גאט האט באשערט.

די שעהנע געדאַנקען אין זיננען,
וועט גרינג שוין דעם מלבוש געפינען,
מיט וועלכען ער זאָל זיי באַקליידען,
ער ווייססט שוין דעם אויסדרוק דעם רעכטען,
אין קלינגענדע גראַממען צו פלעכטען,
און קונציג זיין מעטער צו וועבען,
ביז ס'הויבט אָן צו אטהמען און לעבען,
און וואָרט און געדאַנקען זיי פליססען
צונויף אין אַ זיווג אַ זיססען,
ביז יענער וואָס לעזט קען ניט וויססען,
דער שעהנסטער ווער ס'איז פון זייביידען—

אַזוי ווי דער אויסדרוק פון מיידעלשע אויגען,
וואָס ווערט פלוצלינג פריילִיך און פלוצלינג פאַרצויגען,
מיט וואָלקענס פון קוממער;
אַט לייכט ער און לאַכט ער,
ווי ליכטיגער זוממער,
אַט ווערט ער פאַרטראַכטער,
אַט ווערט ער אַ ווייכער אַ מילדער,
אַט ווערט ער אַ הייסער אַ ווילדער,
אַט קוסט ער אַט שטויסט ער צוריק—
אַזוי ווען דאָס טהעמאַ באַנייט זיך,
פאַרענדערט זיך תמיד און בייט זיך,
דעם אמת'ן דיכטער'ס מוזיק...

אַט לאָזט ער לאַנגזאַם און האַלב ווי אין חלום זיך ציהען די
ווערטער,

לאָזט די געדאַנקען זיך וויעגען אין ווייכע און גלייכע
דאַקטילען,
פּונקט ווי עס פלוידערט אַ קוועלכעל אין שטילע פערבאָרגענע
ערטער
אונטער דעם שאָטען פון בוימען געגלעט פון אַ ווינטעל אַ
שטיללען,
אָדער ווי ס׳שיפט זיך אַ לאָדקע אַמאָל אין אַ׳ן אבענד אום
זוממער,
שיין פון לבנה פון אויבען און שלאָפענדע וועלען ארום איהר...

אָט לאָזט ער גאָר פלוצלינג אַרוים אַ געוויטטער,
פון ווערטער מיט אייזערנער מאַכט,
און שיקט זיינע שטאָלצע געדאַנקען ווי ריטטער,
וואס רייטען געפּאַנצערט אין שלאַכט,
אָט זיינען די פּראַזען קאַנאָנען געוואָרען,
וואָס טוממלען און בריללען מיט פינסטערען צאָרען,
און ברעכען פאַנאַנדער די מעכטיגע צאַממען,
און פיללען דעם אויר מיט פולווער און פלאַממען...

דאַן גיט ער זיינע ליעדער אָפּט,
דעם בלויען שיממער פון די שטערען,
די רוהע פון אַ קינד וואָס שלאָפט,
דעם זיסען גלאַנץ פון פריידענ־טרעהרען,
דעם דופט פון מאָרגענטהוי, וואָס פאַללט
אויף יעדע בלום און בוים אין וואַלד,
ווענן ס׳הייבט אָן זוממער טאָג צו ווערען...

אָפטמאָל רייהט ער זיינע קלאַנגען,
אין אַ פריילין־שנעללען מעטטער,
אין אַ לוסטיג־ווילדען כאָר—
ווי אַ מאָל פאַרצייטען פלעגען,
זיך די טענצערקעס באַוועגען,
טאַנצענדיג מיט קרענץ באַהאַנגען,
און מיט גרינע לאָרבער־בלעטטער
אין די שעהן־צולאָזטע האָאר,
מיט מוזיק און מיט געזאַנגען,
אויף דעם יום־טוב פון די געטטער,
און לכבוד גאָט — אַמאָר...

און אָפט אין דעם קלאַנג קענט איהר הערען,
אַ שטיללען געוויין,
איהר זעהט נאָר פערשוויגענע טרעהרען,
אַליין...
איהר הערט ווי עס צאַפּעלט און ציטטערט,
דעם דיכטער'ס געמיטה
עס זיפצט אַזוי קלעגליך פאַרביטטערט,
זיין ליעד...

אַזוי מוז ער שטענדיג פאַססען,
חתן־כלה'דיג פערקנאַססען,
די באַפוצונג און באַשעהנונג,
צו דעם עיקר צו דער מיינונג,
מיט אַ לייכטער צויבער־האַנד—

דען געדאַנקען גרויסע שלעפּען
קוים מיט מיה זיך אויף די טרעפּען
פון'ם זינען און פארשטאַנד,
ווענן זיי זיינען ניט באַהאַלטען,
אין געהעריגע געשטאַלטען
אין אַ פּאַססענדען געוואַנד...

אבער ווערטער אָהן א זיננען,
אָדער ווענן איהר קענט געפינען,
דעם געדאַנקען־פונק דעם דינעם,
בלויז איהם זוכענדיג מיט ליכט,
רייצען קיצלען דעם געשמאַק נאָר,
ס'איז אַ ליידיגער טיק־טאַק נאָר,
שעהנער פודער אויף דער באַק נאָר,
פון א בר־מנן'ם געזיכט..
שעהנע פאַרבען וועלכע בלאַנקען
קענן קיינמאל שטאַט געדאַנקען,
ניט בעשאַפען אַ געדיכט...

אַזוי האָב איך דאמאלס געענטפערט מיין גאַסט
זיין פראגע „ווי ס'ווערען די ליעדער פערפאַססט...".

פון ביבעל און תלמוד

א קאַפּיטעל פון יחזקאל

השביע הקב"ה את ישראל
שלא ידחקו את הקץ.
(כתובות.)

ווען גאָט וועקט דעם נביא יחזקאל ביי נאַכט אויף,
און פיהרט איהם אַוועק מיט געוואַלדיגער מאַכט אויף
אַ וויסטען פערוואָגעלטען טהאל—
אַרום און ארום וואו די אויגען נאָר קוקען,
ליגען הויפענס מיט ביינער פערדאַרטע און טרוקען,
צוזייהט און צושפּרייט אָהן אַ צאָהל...

און פּלוצלינג... די שטיללקייט פון נאַכט ווערט געבראָכען,
עס הויבען אָן רוישען און קלאַפּען די קנאָכען,
און ס'קלינגט ווי אַ מענשליכער קול:

. . . .

„די ביינער, זיי זיינען אַמאָל געווען גליעדער,
פון קעמפּפער פאַר פרייהייט פון זייערע ברידער...

„הער צו וואָס פּאַסירט האָט אַמאָל—

דרייסיג טויזענד שטאַרקע מענער,
שטאָלצע קינדער פון אפרים,
האָבען זיך צונויפגעקליבען;
ווילען ס'אידיש פאָלק בעפרייען,

פון די שווערע שקלאַפּענקייטען,
פון דעם גלות אין מצרים.

אָנגעפּיללט איז איטליך ברוסט
מיט אַ פייערדיגע לוסט
פרייהייט פאר דאָס פאָלק צו ברינגען,
יעדער איינער האָט דעם מוטה,
יבצוגעבען מאַרך און בלוט,
ס'הייליג ווערק זאָל נאָר געלינגען...

אַלטע לייט מיט קלאָרע מוחות,
מ ע ה ר ע ר קאָפּ כאָטש קנאַפּער כחות,
צווייפלען שטילערהייד און ברומען:
„ס'איז צו גיך און ס'איז צו פריה נאָך,
און אומזיסט איז יעדע מיה נאָך,
איידער ס'איז די שעה געקומען"...

דאָך די יוגענד וויל ניט הערען,
צו דעם חשבונ'ען דעם קאַלטען,
פון דעם קלוגען דור דעם אַלטען,
קענן ניט אויסשטעהן מעהר די טרעהרען,
און דיא קרעכצען האַלב־פערשטיקטע,
פון די מאַסען די געדריקטע,
פון די שקלאַפען וועלכע ווערען
טעגליך שפּל'ערע שקלאַפען,
העלפען נאָך אַלליין באַשאַפען,

פעסטונג רעמסס, פעסטונג פתום,
תפסות פאַר'ן פאָלקס־געוויסען...

* * *

און אַרוים אויף די שלאַכט איז דער שבט אפרים,
מיט פאַנצער און שילד און מיט בלאַנקע כלי־זיין,
אַנטקעגען דעם מעכטיגען חיל פון פרעה'ן—
שוין שטראַהלט אין די אויגען דער גלאַנץ פון נצחון,
דער קלאַנג פון די קייטען וואָס ווערען צובראָכען,
פאַרטומעלט דאס הערץ און פאַרדעקט די געפאַהרען—

און טאַפּפער געקעמפּפט האָט די מחנה פון ריעזען,
און יעדער האָט גבורות און גרויסקייט באַוויעזען,
דער שונא האָט קיינעם געפאַנגען גענוממען,
דאָך...
...טויט זיינען אַללע געפאַללען די העלדען,
די נאַכריכט פון זייער מפּלה צו מעלדען,
איז קיינער פון שלאַכטפעלד צוריק ניט געקוממען...

* * *

דער לויתן פון דער צייט, שלינגט
דורות איינעם נאָכ'ען צווייטען,
שוין פערגעסען האָט דאָס פאָלק לאַנג,
פרעה'ס יאָך און פרעה'ס קייטען...

האָט שוין פרייהייט זיך ערוואָרבען,
האָט זי ווידער שוין פאַרלאָרען,

דאָך די ווייס־פאַרדאַרטע ביינער
ליעגען אַלס נאָך, אַ זכרון

פון די דרייסיג טויזענד מענער,
שטאָלצע קינדער פון אפרים
וואָס געלוסט האָט פאר דער צייט זיך
מיט געוואַלט דאָס פאָלק בעפרייען...

* * *

עס קלאַפּען די ריפּען די האַרטע פאַרדאַרטע,
פון האָפנונגען פאַלשע און הערצער פאַרנאַרטע,
עס רוישען די ביינער אַ מוסר אַ שטוממען:
„מיר האָבען געאיילט זיך און האָבען געליטטען
די שטראָף, ווייל מיר האָבען פאַר פרייהייט געשטריטטען
נאָך איידער די צייט איז צו שטרייטען געקוממען...“

לא ברעש ה׳

ורוח גדולה וחזק מפרק הרים
ומשבר סלעים... לא ברוח ה׳.
ואחר הרוח רעש, לא ברעש ה׳.
ואחר הרעש אש, לא באש ה׳.
ואחר האש קול דממה דקה...
והנה אליו קול מה לך פה
אליהו.
(מלכים, א, י״ט.)

צוערשט האָט אַ שטורעם געבלאָזן...
ער האָט זיך פאַנאַנדער געלאָזן,
מיט ווילדער און שטענדיג אלם ווילדערער מאַכט,
עס האָט דער לבנון דער אַלטער געקראַכט,
און בוימען וואס האָבען דורך הונדערטער יאהרען,
קיין איינציגען וואָרצעל קיין צווייג ניט פאַרלאָרען,
זיי האָבען געבויגען זיך שוואַך און געציטטערט,
זיי זיינען אויף שפּענער געוואָרען צושפּליטטערט...

אַ פילדער אַ ווילדער פאַרטומעלט די אויערן,
אַ שפּראַך קריגען פּלוצלינג די קרעפטען די שטומע.
אַ בריללען, אַ ברוממען... עס וואַכסט די מהומה,
אַזוי ווי עס וואָלטען פון גיהנום די טויערן,
געוואָרען פון העללערהייד אָפען,

און ס'וואָלטען באַפרייט פון די קייטען
פון דאָרטען די שדים אַנטלאָפען,
די וועלט מיט אכזריות צו טייטען...

עס בוקט זיך דער נביא און פרעגט:
„אָ גאָט פון ישראל אַנטפלעק צו דיין קנעכט,
ביסט דו אין דעם שטורעם וואָס טוממעלט און ברעכט,
ביסט דו אין דער ווילדער מהומה וואָס שרעקט?
אָ זאָג מיר, ביסט דו עס אַלליין?..."
און ס'ענטפערט אַ שטיממע איהם: „ניין!"...

דאַנן האָבען זיך לאַנגזאַם די היממלען פאַרדעקט,
דאָס ליכט פון דער זונן איז געוואָרען פאַרמעקט,
און ס'האָבען זיך פינסטערע כמאַרעס געקליבען,
ווי מחנות פון רוחות פון שטורעם געטריבען...
די דונקעלע לופט ווערט געשטיקטער און שווערער,
עס לאָזט זיך דער הימעל אַרונטער אַלס מעהרער,
אַזוי ווי די ערד וואָלט צ' קבר געוואָרען,
און אויבען די וואָלקענס דער דעק פונעם ארון...

און פלוצלינג... מיט ליאַרעם דער דוננער קוממט אָן,
עס פלאַטטערט פון בליצען געפלאַכטען, זיין פאָהן,
דורך נאַכטיגע מאַססען באַוועגען זיך פלאַממען,
עס מישט זיך דער תהום מיטען גיהנום צוזאַממען,
פון פחד די ריעזענבערג פיהלען זיך קלענער,
און חזר'ען איבער אין עכאָס די טענער...

עס בליצט און געוויטטערט,
עס ציטטערט פֿאַרביטטערט,
און וואַקעלט און וויעגט זיך די ערד,
עס דאַכט זיך אַט ווערען,
די זונן און די שטערען
און אלע פלאַנעטען צושטערט...

און וויעדער זיך וואַלגערט דער נביא אין שטויב:
„אָ גאָטט פון צבאות אין וועלכען איך גלויב,
ביסט דו אין די וואָלקען'ס פֿאַר'חשכ'טע מאַכט,
וואס בייט העללען טאָג אום אין דונקעלע נאַכט?
ביסט דו אין דעם דוננער וואָס מורא'דיג קנאַללט?
ביסט דו אין דעם בליץ וועלכער פעלזען צושפּאַלט?
אַנטפּלעק מיר, ביסט דו עס אַלליין?"
און ס'ענטפערט אַ שטיממע איהם: —„ניין!"

דאַנן זיינען די וואָלקענס און שטורעם פֿאַרגאַנגען,
דער טיעף־בלויער היממעל איז רוהיג געהאַנגען,
אַזוי ווי אין גרויסע מחשבות פֿאַרזונקען...
דער וואַלד האָט מיט דורסטיגע וואָרצלען געטרונקען,
די זאַפט פון דער פעטט־פייכטער ערד שטיללערהייד,
און האָט אָהן געריוש זיינע בלעטטער פֿאַרשפּרייט...
עס האָט נאָר אַ דופטיגעס ווינטעל געבלאָזען,
געגלעט און געלאַסטשעט די קרייטער און גראזען...
די זונן האָט איהר אָפענעם אוצר פון לעבען,
אין שטראַהלענדע הויפענס פאַנאַנדערגעגעבען...

געוועזן איז אלס רוהיג, עס האָט נאָר געפיהלט זיך,
אַז אונטען פון לעבען דעם וואַכסענדען שפּיעלט זיך,
דאס גרויססע און הייליגע דראַמאַ פאַרבאָרגען,
און דאָס וואָס היינט טויט איז וועט בליהען אויף—
מאָרגען...

מיט ריחות באַלאָדען,
און שטראַהלען געבאָדען
אין הייליגען שווייגען,
זיך שפּרייטען די צווייגען,
און אַלסדינג זיך שטאַרקט און פאַרמעהרט,
די קראַפט לאַנג באַהאַלטען—
אין טויזענד געשטאַלטען,
ערשיינט און באַווייזט זיך,
און היממעל־צו רייסט זיך—
קיין קול אבער ווערט ניט געהערט...

עס שטראַהלט שוין און שיממערט דאָס אויג פון פּראָפעט,
עס פיללט זיך זיין גייסט מיט אַ זעלטענעם ליכט,
ער בייגט צו דער ערד זיין בעגייסטערט געזיכט,
און האָרכט צו דער שטיממע וואָס רעדט:
„די הייליגע שטילקייט די רוהיגע קראַפט
איז גאָטט— יענע מאַכט וועלכע שווייגט און
באַשאפט.“

דוד'ס האַרף

וו‎ענן די וועלט איז אין חלום פאַרזונקען,
ווענן ס'שפּאַלט איבער העלפּט זיך די נאַכט,
שטעהט אויף פון געלעגער דער קיניג,
זיין הייליגע האַרפּע ערוואַכט...

מע זעהט ניט קיין פינגער וואָס שפּיעלען:
עס גיססט זיך מעלאָדיש אַ קלאַנג,
און וועקט אין דער ברוסט פונעם מלך
די סטרונעס פון זיססען געזאַנג...

דורכ'ן פענסטער פון פּאַלאַץ באַקוקט ער,
די שטיללע באַשטערענטע וועלט,
פאַרגעסט אָן זיין טהראָן און זיין צעפּטער,
מיט נייע געפיהלען באַזעעלט.

עס מאָלט זיך איהם אויס פאַר די אויגען,
אַ גרינע און רוהיגע פעלד,
און ע ר איז אַ פּאַסטוך פון שעפּסען,
זיין איינציגער פּאַלאַץ — אַ צעלט...

זיין איינציגער צעפּטער — אַ פּייפעל
געשניטטען פון צעדערענהאָלץ,
זיין איינציג עשירות אויף דער־וועלט,
דעם דיכטער'ס בעגייסטערטער שטאָלץ...

דאַנן זינגט ער צום טאַקט פון דער האַרפּע,
און דיכטעט אַ מזמור־געבעט,
דער ג ר י י ז ־ ג ר אָ ע ר קיניג פון יהודה,
איז ווידער אַ יונגער פּאָעט.

ויהי למטה

ויאמר ה׳ אל משה שלח ידך
ואחז בזנבו, וישלח ידו ויחזק
בו ויהי למטה.
(שמות, ד.)

'האָט משה'ן אָנגעכאַפּט אַ גרויל: —
געפלאָכטען אין אַ גרינעם קנויל,
פאַר איהם געלעגען איז א שלאַנג,
משונה גראָב און ברייט און לאַנג,
וואָס האָט אַקעגען איהם געציעלט,
אַ פייערבליק מיט סם געפיללט,
און גיפטיג האָט אַרויסגעשטעקט,
איהר שאַרפע צונג מיט בלוט באַדעקט.

פון שרעקען פינסטערע באַצוואונגען,
איז משה האַסטיג אָבגעשפרונגען.

נאָר שנעלל פאַרגאַנגען איז זיין מורא,
איהם האָט דערגרייכט דער קול פון בורא:
„וואָס לויפסטו, נביא, געה צוריק,

די גרינע שלאַנג מיט פייערבליק,
וואָס פילט דיין הערץ מיט שרעקען,
דו האָסט זי אויף דער וועלט געבראַכט,
דו ביסט דער מקור פון איהר מאַכט—
די שלאַנג איז בלויז דיין שטעקען.
און ציטטערסטו ווענן דו דערזעהסט,
די שוואַרצע גבורה וואָס זי האָט—
דו נעהם נאָר אָן אויף גאָטט'ס באַראָט
די שלאַנג אין דיינע פינגער פעסט,
און וואָס דיך האָט צום טויט געשראָקען,
וועט פאַללען צו דער ערד — אַ פלאָקען...״

איוב

מה אפעל לך נצר האדם,
למה שמתני למפגע לך,
העלה נדף תערוץ,
ואת קש יבש תרדוף.
(איוב, ז, י"ד.)

אונענדליכע מאַכט, דו טיראַן פון די וועלטען,
די ערד און די זוננען, פּלאַנעטען און שטערען,
זיי זיינען דאָך אַללע אַ שפּילכעל ביי דיר נאַר,
דיין צייט צו פערטרייבען און קירצער צו מאַכען,
די לאַנגע און לאַנגזאַמע רייהע פון יאהרען,
פון וועלכע דו קענסט זיך אַליין ניט באַפרייען...

און האָסטו צושפּרייט זיי צושליידערט אין רוימען,
וואו קיינער חוץ דיר קען דעם מרחק ניט מעסטען,
דאָך זיינען זיי אַלע ווי שקלאַפען געבונדען,
געקייט צו דיין ווילען און דיינע קאַפּריזען...
און זיכער און פעסט זיינען אייביג די צייטען,
וואָס טראָגען דיין איינזאַם דעספּאָטישען טהראָן־שטוהל,
דו דאַרפסט ניט קיין וועכטער די שקלאַפען צו היטען,
דיין אויג עס באַגלייט זיי דורך מיילען ביליאָנען,
און איטליכען ריהר וואָס זיי טהוען, דו האָסט איהם,
פאָראויס שוין געזעהן און פאָראויס שוין באַרעכענט.

און דאַנן ווענן דיין אויג האָט געגנוג זיך געזעטיגט,
מיט וועלטען און שטערען און זוננען־סיסטעמען,
וואָס האָבען דעם רייץ פון אַ נייס שוין פאַרלאָרען,
צוברעכסטו מיט דוננער און בליצען דעם בנין—
אזוי ווי עס בויט זיך אַ אינגעל פיגורען
און הייזלעך פון זאַמד און צו־וואַרפט זיי גאָר פלוצלינג.

דאַן זיצסטו אַלליין אין דעם תהו־ובהו,
און קלעהרסט נייע פלענער ווי ווידער צו שאַפען,
פון טויזענדער וועלטען אַ שפּאָגעל־ניי שפּיעלצייג,
דיין מעכטיגען געטטער־קאַפּריז צו געפעללען...

און דיר איז דאָס אַלדינג געגוג ניט געוועזען...
די מורא׳דיג גרויססע סיסטעמען וואָס דו האָסט
געבויט און געשאַפפען אום באַלד צו פערניכטען,
זיי האָבען דיר אַללע דערעססען און דו האָסט
דיין גרויססען אונענדליכען שאַרפזינן פאַרווענדעט,
אַ קליינצינקע בריאה—אַ מענש צו באַשאַפען...

איצט שפּיעלסטו מיט איהם זיך און שמייכעלסט דאָרט אויבען
פון תענוג, ווען ס׳פלאָגט זיך דאָס שוואַכינקע מילבעל,
ווענן ס׳צאַפפעלט זיך מאַכטלאָז דאָס אָרעמע פליעגעל,
פאַרוועבט אין אַ שפּינוועבס פון לייד און יסורים
מיט וועלכע דו האָסט זיינע גליעדער פאַרפלאָנטערט.
דו ווייסט שוין פאַראויס אַז ער קענן ניט אַנטרינגען,
דאַך האָסטו הנאה צו זעהן ווי די כחות,

איהם שטאַרבען אָב לאַנגזאַם, דעם נאַרישען קעמפּפער,
וואָס האָפט ביז דער לעצטער מינוט צו באַזיעגען,
ווענן דו האָסט שוין לאַנג זיין מפּלה באַשלאָססען.

דאַנן קוממסטו פון איהם נאָך קרבנות פאַרלאַנגען,
און ווילּלסט אַז דיין גרויסקייט און מאַכט זאָלל ער לויבען,
און שבחים דיר זינגען ביי איטליכען טראָפּען
פון בלוט וואָס דו פייניגסט אַרויס פון זיין הערצען,
און לאַבסט זיך, דו שטאַרקער פלאַנעטען־באַשעפער,
וואָס קענן מיט אַ הויך אַללע וועלטען פאַרניכטען,
ווענן ס'ריהמט דיך דער קליינער צוקראַכענער וואָרעם.

און פאָדערסט נאָך חשבון פאַר זינד און עבירות,
וואָס ער האָט דאָך נאָר דורך דיין ווילען באַגאַנגען,
און שטראַפסט איהם פאַר יענע פאַרברעכען וואָס ער האָט
אָהן דיר, דיין באַשלוסס, און דיין וויססען באַגעהן ניט
געקענט, און פאַרגאַללסט נאָך זיין עלענדעס לעבען,
מיט שרעקען פון אייביגע פלאַממען אין גיהנום'ס
וואָס כפל'ען די ליידען פון זיינע פאַר יאהרען,
מיט בילדער פון י ע נ ע וואָס קומען ערשט ש פּ ע ט ע ר.

אונענדיליכע מאַכט דו טיראַן פון די וועלטען,
ווענן וועט דיר דער מענש אלס אַ שפּיעלצייג דערעסען,
ווענן וועט שוין דיין געטטער־פאַנטאַזיע געפינען,
אַ מיטטעל אַ נייעם דיין צייט צו פאַרטרייבען.

יפתח׳ס טאכטער

מימים ימימה תלכנה בנות
ישראל לתנות לבת יפתח
הגלעדי ארבעת ימים בשנה.
(שופטים, י״א.)

ס׳איז דאָ אַ הויכער ווייסטער באַרג
אַ קללה ליעגט אויף איהם,
מע זעהט אויף איהם קיין גרעזעל ניט,
מע הערט קיין פויגעל שטימם...

נאָר קאַלטע פעלזען שטעהען שטומם
ווי ריעזען אָהן א שפּראַך,
יאהר איין יאהר אוים, דורך ווינד און שניי
דורך בליץ און דונערקראַך...

אויף יענעם קאַהלען וויסטען באַרג,
וואו איטליכען ווערט באַנג,
דאָרט שטעהט אַ קבר אויפגעבויט,
פון יאהרען יאהרען לאַנג.

און אין דעם קבר שלאָפט דאָס קינד—
ישראל׳ס שענסטע בלום—

געבראַכט צום אָפּפער פאַר איהר לאַנד
אונ פאַר איהר פאטער'ס רוהם...

עס רוהט די טאָכטער יפתח'ס דאָ,
פון אַללע מענשען ווייט—
נאָר פיער טעג ווערט אין יעדען יאהר
געשטערט די איינזאַמקייט...

דאַנן קוממען גלעד'ס טעכטער אָן,
מיט טרויריגען געזאַנג,
און אַללע פעלזען גיבען אָב,
א דומפּפען ווידער־קלאַנג.

זיי קלאָגען הויך, זיי קלאָגען לאַנג
און לעגען דאָרט אַ קראַנץ,
און טאַנצען אויף דעם שטוממען בארג,
אַ וויסטען קבר־טאַנץ...

און ווי זיי זינגען דאַכט זיך זיי,
עס זינגט נאָך איינע מיט,
און ס'טאַנצט די טויטע צווישען זיי
מיט אונזיכטבאַרע טריטט...

בית שני

פֿאַרטיג איז דער בית שני
נאָך דער מיה פון יאהרען לאַנג,
פרייליך זינגען די לוים,
און עס קוויקט דער האַרפענקלאַנג.

און פאַרגעססען איז דער גלות,
און פאַרשוואונדען אַללע צרות,
פולל מיט מענשען גליקליך־פרייע
רוישען ווימלען די עזרות...

און די העללע זוננענשטראַהלען,
אין אַ שטראָם פון גאָלד און ליכט
פאַללען אויפ'ן בית המקדש,
און אויף איטליכענס געזיכט...

* * *

עס קלינגען די האַרפען, די גאָלדנע טראָמפייטען,
עס פליהען די זילבערנע טענער,
די פרויען און קינדער זיי וויינען פון שמחה
עס פיהלען זיך שטאָלצער די מענער...

און אַללע וואָס האָבען נאָר טרעהרען פאַרגאָססען
אויף ציון די וויסטע אלמנה,
און אַללע וואָס האָבען פון האַנד ניט געלאָזען,
קיין רגע די אידישע פאָהנע;

און אַללע וואָס האָבען קיין נעכט ניט געשלאָפען,
דעם הייליגען טעמפּעל צו בויען,
און האָבען ניט אויפגעהערט קיינמאָל צו האָפען,
און קיינמאָל — אויף גאָטט צו פאַרטרויען;

זיי מעגען מיט גאוה באַקוקען דעם בנין
וואָס שיינט אַזוי פּרעכטיג און הייליג,
דענן יעדער פון זיי האָט מיט מח און מוסקעל,
גענוממען אין בויען א חלק.

* * *

עס זינגען לוים און ס'שפּיעלען די האַרפען,
עס הילכען די גאָלדנע טראָמפּייטען,
עס טאַנצען די טענער ווי שקלאַפען וואס האָבען
ניט לאַנג ערשט צושמעטטערט די קייטען—

און טויזענדער קרעפטיגע שטיממען צוזאַממען,
לוים און האַרפען באַגלייטען,
און איטליכער פיהלט זיך אַ טהייל פון דער אומה
און פיהלט זיך געבונדען צום צווייטען...

* * *

דאָך אין ווינקעל פון עזרה,
שטעהען זקנים טיעף געבויגען,
און עס פליססען גרויססע טרעהרען
פון די אַלטע מאַטטע אויגען...

ניט פון נחת, ניט פון תענוג
וויינען יענע אַלטע אידען,
ניין, זיי זיינען מיט דעם צווייטען
בית המקדש ניט צופריעדען...

ניין, זיי זיינען ניט צופריעדען
וויל דורך לאַנגע לאַנגע יאהרען,
איז דער אַלטער בית המקדש,
זיי געבליבען אין זכרון...

און די אַלטע ליפּפּען קרעכצען:
„אַלסדינג האָבען מיר פאַרלאָרען,
אין דעם בית שני זעהט מען
ניט קיין לוחות ניט קיין ארון...

„און פאַרגעססען שוין געוואָרען,
איז דער סוד צו מאַכען קטורת
און עס שטעהען ניט קיין כרובים
אויף אַ גאָלדענעם כפּורת...

„ניט צו־מאָל אַ שטיקעל מופת,
ניט צו־מאָל אַ נס אַ קליינער...

נ י ט מ ל א כ י ם — מ ע נ ש ע ן ה אָ ב ע ן
אויסגעבויט דאָס הויז פון ש ט י י נ ע ר....״

אַנדערס האָבען זיי פאַרשטאַנען,
ד י ה ב ט ח ו ת פ ו ן פ ר אָ פ ע ט ע ן
ניט אזא מין בית שני,
האָבען זיי ביי גאָט געבעטען...

*   *   *

עס וויינען דיא אַלטע און ווילען ניט הערען,
די מוטהיגע לוסטיגע טענער,
און ס׳קוקען מיט שטאָלץ אויפען פרעכטיגען בנין,
ד י ב ו י ע ר ס די קרעפטיגע מענער.

עס זיפצען די אַלטע און ס׳לאַכען די יונגע,
עס הילכען מיט פרייד די טראָמפּייטען,
עס טאַנצען די טענער ווי שקלאַפען וואָס האָבען
צוהאַקט און צושמעטערט די קייטען...

עלי און שמואל

דור הולך ודור בא... עד שלא
באה שמשו של עלי זרחה
שמשו של שמואל—

טיללע נאַכט מיט זיידען־פליגלען,
איז אויף שלה'ם באַרג ארונטער,
האָט אין זילבערשיין און שאָטענס
איינגעדעקט דעם אהל מועד—

איינגעשלוממערט איז דער משכן,
דער לבנה'ס ליכט פאַנטאַסטיש,
דורך די ליינוואַנד־שפאַלטען שיממערט,
ווי א'ן אָבגלאַנץ פון דער שכינה...

איינגעטוליעט אין אַ ווינקעל
אין זיין דינעם פריסטער־מאַנטעל
שלאָפט דער אַלטער כהן עלי,
נעבען איהם דאָס אינגעל שמואל.

ס'שלוממערט זיסס דער גראָער פריסטער,
טרוימט פון אָקסען און פון שטיערען,

וועלכע זיינען צום מזבח
דורכען טאג געבראַכט געוואָרען...

דאָך דעם קליינעם שמואל פלוצלינג,
אין דער פינסטער וועקט אַ שטיממע,
און מיט שרעק־געפאַרבטען פנים,
וועקט ער זיין ערציהער עלי:

„האָסטו, פאטער, מיך גערופען?—
דורכען משכן דרינגט דיין קול מיר,
טרייסעלט מיך פון שלאָף דעם טיעפען:
שמואל, שמואל כ'דאַרף דיך האָבען.“

אַלטער עלי רייבט די אויגען,
און ער מורמעלט אונגעדולדיג:
„לאָז געמאַך, מיין קינד, געה שלאָפען,
ס'האָט זיך דיר נאָר בלויז גע'חלומ'ט...“

אין זיין קינדערש־קליינעם מאַנטעל,
קאָרצעט זיך דער יונגער שמואל,
אָבער ווייעדער פון געלעגער,
מינטערט איהם די זעלבע שטיממע.

„האָסטו איצטער מיך גערופען?
פאטער עלי, זאָג, עס שרעקט מיך,

דורך די שאטטענס פונעם משכן
קלינגט מיר ווי דיין קול אין אויער...."

בייז דערצאָרענט ברוממט דער זקן,
טרייבט פון זיך דעם יונגען תלמיד:
„באַלד שוין ברעכט דער טאג, געה שלאָפען,
ס'האָט זיך דיר נאָר בלויז גע'חלומ'ט."

דאָך צום דריטען מאָל די שטימם באַלד
חזר'ט זיך אין משכן איבער,
וועקט דאָס אינגעל פון געלעגער,
מיט פאַרדאָפּעלט שטאַרקען כח...

ווייסס זיך קאַלכט דער יונגער שטערען,
און מיט קאַלטען שווייסס באַטהויט ווערט:
„האָסטו, פאטער, מיך גערופען?
זאָג, עס גרוילט מיך גאָר אַ'ן אימה..."

ס'כאַפּט זיך אויף דער אַלטער כהן,
איז אַלליין שוין פול מיט שרעקען,
ס'פאָרשט זיין בליק דעם רוים ארום איהם,
און ער טרייבט ניט מעהר דאָס אינגעל.

זיינע אויסגעדאַרטע פינגער,
לעגט ער אויף דעם קינדערש-שטערען

דריקט צום איינגעשרומפפטען הערצען,
שטילל, ענטציקט, דעם יונגען נביא...

„יענער קול וואָס רופט און וועקט דיך,
איז ניט מיינער. גאָטטעס שטיממע
האָט אין מענשענקלאַנג פאַרקליידט זיך,
דיך צו וועהלען פאַר אַ נביא.

„אַט שוין וואַרט אויף מיך דער קבר,
באַלד מיר שליססט דער טויט די אויגען,
דו וועסט זיין מיין שטעלל־פערטרעטער,
דו וועסט זיין ישראל׳ס נביא.

„פון דעם פאטער צו די קינדער,
זעלטען וואַנדערט די נבואה,
מיינע האָבען זיך פערזינדיגט,
און נאָר דו וועסט זיין מיין יורש...

„ווי דער טהוי וואס לאבט די בלוממען
פונעם שרון, אין פריה־מאָרגען,
וועט דיין וואָרט די הערצער קוויקען
און דעם גייסט פון פאָלק דערפרישען...

„אבער מעכטיגער פון דוננער,
ווענן ער טוממעלט אין לבנון,

ווען דיין שאַרפער מוסר דרינגען,
אין די מחות פון די הערער...

„ביסט דער גאָט־געזאַלבטער נביא,
ביסט דער אנגעבריי טער פיהרער
פונעם פאָלק, ניט מעהר מיין תלמיד,
נאָר מיין יונגער שטעללפערטרעטער.

„איידער ס'וועט דער זילבערשטערען
פונעם מאָרגען זיך באַווייזען
וועט דער וואונדערבאַרער בת־קול
פון דאָס נייַ דיין נאָמען רופען...

„ווען דו וועסט דעם אויפרוף הערען,
ענטפער פעסט און ענטפער מוטהיג:
רייד, מיין גאָטט, איך וועלל דיר האָרכען,
כ'בין בערייט אויף דיין שליחות...

„שווער מיר אבער ביי דעם ארון,
ביים כפרת, ביי די לוחות,
אַז דו וועסט דיין אַלטען רבי'ן,
איבערגעבען גאָטטעס ווערטער...“

* * *

ס'וואַרט דער יונגער נביא שמואל,
ס'שטראַהלט זיין פנים פון ערוואַרטונג,

אַלע חושים אנגעצויגען,
ווי די סטרונעס פון אַ האַרפע,

ווענן זיי האַררען אויף די פינגער
פון דעם גרויססען מייסטער שפּיעלער,
וואָס פון זיי מיט הענד פון כשוף,
וועט די שעהנע טענער ציהען...

* * *

נאַכט מיט ווייכע זיידענ־פליעגלען,
וויקקעלט איין דעם אוהל מועד,
דורך די ליינוואַנד־שפּאַלטען פאַללען,
דער לבנה׳ס זילבער־פלעקקען,

אויף דאס אלט־פאַרקנייטשטע פנים,
פון דעם אָ ב ג ע ל ע ב ט ע ן פּריסטער,
אויף די יוגענד פרישע ליפּפּען,
פון דעם קוממענדיגען נביא...

פון תהלים

(קאפּ. י״ח.)

אויף די פליגלען פון דעם ווינד
רייט דער גרויסער העלד,
גאָט צבאות יאגט געשווינד,
איבער אונזער וועלט...

און דער דוננער לויפט פאָראויס
זאָגט זיין קוממען אן,
און די בערג זיי הערען אויס :
ציטטערן פאַר דעם טאָן...

און דעם גרויססען ים־אוקינוס,
שלאָגט א שוים פון מויל
און די ווילדע וועללען שפרינגען
אָנגעפיללט מיט גרויל...

עס ציטטערן די בערג און די טהאלען,
עס ווערען די טייכען געשוואָלען,
עס וואַרפען זיך היממעל און ערד,
זיי וויללען פון שדי אַנטריננען,
און קעננען קיין אָרט ניט געפינען,
ווייל אומעטום זעהט ער און הערט...

און עס שיסםען פייער־פלאַמען,
העללע בליצען פון זיין נאָז,
און עס פּלאַצט אַ מבול־וואָלקען,
פון זיין שטאַרקען שטורעם־בלאָז.

און די זונן ווערט פלוצלינג חשך,
און אין מורא׳דיגע סטאַדעס,
יאגען זיך געדיכטע כמאַרעס,
לויפען פונעם צאָרן שדי׳ס...

פינסטער און חשך, דאָס ליכט איז פאַרשטעלט,
די דונגערן קייקלען זיך איבער דער וועלט,
עס וואָיעט און יאממערט דער ווינד,
גאָטט פליהט דורך די פינסטערע וואָלקענס אַלליין,
עס פרייהען זיך אַללע וואָס פיהלען זיך ריין,
עס שרעקען זיך פאַלשקייט און זינד...

די נאכט פאר מתן תורה

ווי א דונקעל בלויע חופה,
אויסגעשטיקט מיט זילבערקוויטען,
היינגט דער הימעל אויסגעשטערנט,
אויף דעם זאמדיג־שטיללען מדבר...

אונטען ליגען די געצעלטען,
טויזענד־ווייז אין טהאל צו־ווארפען—
ווייססע פלעקען אין דער פינסטער,
ווי א מחנה מדבר־גייסטער.

אין די ווייסע צעלטען שלאפען,
ווילדע קינדער פון דער וויסטע,
ששים רבוא פרייע שקלאפען,
וועלכע טראגען מעהר קיין קייטען

אויף די פיסס און אויף די הענד ניט,
טראגען אבער אין די הערצער,
טראגען אבער אין די מחות,
אלטע צייכענס פון פארשקלאפט־זיין...

זעכס מאל הונדערט טויזענד שקלאפען,
אהן א גאטט און אהן א גלויבען,

אָהן א באַנד וואָס קיים צוזאַממען
אַללע גליעדער אין א י י ן אומה...

רוקענס צוגעוועהנט צו ריטטער,
צוגעוועהנט נאָר ליים צו שלעפּפּען,
האָבען נאָך ניט אויסגעגליכען
זיך, אין שטאָלצען זעלבסטבעוואוסטזיין...

* * *

קעגען בלאָען גרונד פון היממעל,
לעהנט זיין פעלזענקאָפּ בארג־סני,
הערט די סודות פון די שטערען,
ווארט מיט פרייד און שטאָלץ אויף מאָרגען...

ווענן די גאָלד און זילבערפונקען,
וועללען אויסגעהן אויפען היממעל,
און די וואַנד פון מזרח וועט מיט
לויטער גאָלד זיך נעהמען פאַרבען,

וועט דער אויסערוועהלטער סני
זיך באַקליידען מיט אַ נעבעל,
זיך פאַרגאַרטלען מיט אַ וואָלקען,
און מיט פייער זיך באַקרוינען...

שטאַרקע דוננערס וועללען הילכען,
דורך דעם וייטען וויסטען מדבר,
און אין נעבעל וועט דער גרויססער
גאָטט פון אידען זיך באַווייזען...

און די הערצער און די מוחות,
פון די ששים רבוא שקלאַפען,
וועללען טובל'ען זיך און טונקען
אין דעם שיממער פון זיין פנים.

אַבגעווישט די שקלאַפען־פלעקען,
יעדער איינער וועט זיך פיהלען,
שטאָלץ אַלס מענש און שטאָלץ אַלס אבר
פון אַ גאָטט־געוועהלטער אומה...

* * *

ווי די בלויע סאַמעט־חופה,
אויף די קעפּ פון חתן־כלה,
הענגט דער הימעל אויסגעשטערענט
אויף די ששים רבוא אידען...

און אין טויזענדער געצעלטען,
שפינט דער חלום שטיללע פעדעם,
וועלכע ציהען זיך און קניפּען
צו דעם הייליגען באַרג סני...

צפורה

(דראַמאַטישעס פראַגמענט.)

יתרו:

דאָס ווערט דיין פּנים בלייכער יעדען טאָג, מיין קינד,
אין אויף דיין שווארצען ברעהם א טהרער זיך אָפט געפינט?
א שטוממער קוממער אקערט אויף דיין יונגען שטערען,
די טיעפע קנייטשען וואָס דער זקנה בלויז געהערען;
איך זעה, אַ'ן אונטערדריקטער שמערץ דיין ברוסט באַקלעמט,
און מיין רחמנות־בליק שטויסט אָב דיין אויג פאַרשעמט...
דאָך דאַרף דיין לעבען ליכטיג זיין ווי זוננענשיין,
געפילט מיט שטאָלצער פרייד דיין הערץ געזאָלט האָט זיין:
דער מאַנן, מעהר גאָטט ווי מענש, וואָס פּרעה'ס שטאָלצען טהראָן,
האָט ציטטערען געמאַכט, באַפרייט האָט אַ נאַציאָן,
און זעכס מאל הונדערט טויזענד שקלאפען האט
פאַרוואַנדעלט אין דאס אויסערוועהלטע פאָלק פון גאָטט,
דער מאַנן, ער רופט דיך אָן זיין ווייב, די שטראַהלען פון
זיין גרויסקייט פאַלען אויך אויף דיר, ווי ס'גיט די זונן,
איהר ליכט און העללקייט דער לבנה— מיט זיין רוהם
צוגלייך דיין נאָמען אויף די ליפּפּען טראָגט מען אום...
דער שענסטער גורל וואָס א פרוי ווינשט אויף דער ערד,
איז דיר, דער גליקליכער, פון גרויסען גאָטט באשערט...

צפורה :

עס וואָגט מיין מויל ניט, דיר מיין קוממער צו פאַרטרויען,
דו ביסט אַ מאַנן און ווייניג קענסט דאָס האַרץ פון פרויען ;
דאָס העכסטע אידעאַל אין לעבען איז ביי אייך,
צו האָבען אונטער זיך אַ פאָלק, אַ קיניגרייך...
צו ווערען אַפּלאָדירט, זיך לאָבען מיט דעם קלונג
פון אייער רוהם געטראָגען אויף דעם פעבעלס צונג...
נאָר ריעזענהאַפטע גרויסקייט איז ביי אייך דער ציעל,
מיר זיינען בלוממען וואָס געראַטען אין דער שטילל,
גענעהרט פון ליעבע נאָר, פון צערטליכקייט געשפּייזט,
און אונזער העכסטער גליק אין לעבען איז, ווען ס'ווייזט
זיך, אונזער ליעבע אָבגעשפּיעגעלט אין דעם בליק,
פון ד ע ם וואָס אונזער פרויען־הערץ האָט אויסגעוועהלט,
און אַללע שמערצען, אַללע פריידען מיט איהם טהיילט...
זיך שאַפּפען א י י ן טריי הערץ איז אונזער גרעסטער זיעג,
און זיין ג ע ל י ע ב ט אין אונזער קליינעם צעלט,
וועגט איבער די ב ע ו ו א ו נ ד ע ר ו נ ג פון אַ וועלט...

יתרו :

די ווערטער דיינע זיינען נעבעלדיג, פערשטעהן
קען האַלב מיין שכל בלויז, פון דיין געשפּרעך דעם מיין ;
דו רעדסט פון דיין געשלעכט, דאָך ווייניג פון דעם שמערץ
וואָס וואָלקענט ד י י ן געזיכט און נאָגט ד י י ן א י י ג ע ן הערץ...

צפורה :

צניעות איז די שענסטע צירונג פון געשלעכט
צו וועלכען איך געהער, דאָך ס'איז דיין הייליג רעכט,

אלס פאטער צו פארלאנגען, כ'זאל דערצעהלען
פאר דיר דעם שמערץ וואס קיינער קען ניט היילען...
הער צו דענן...

היים־געליעבט האט משה מיך און טריי,
ווענן ער איז יונג געווען און נאך ניט גרויס; פארביי
איז יענע צייט, די הייססע ליעבע וועלכע פלעגט
זיין ברוסט צופלאממען, לאנג געווארען איז פארדעקט
פון ל י ע ב ע פאר א ג א נ צ ע ם פ א ל ק, א ג א נ צ ע ו ו ע ל ט...
ער געהט אין פאלק ארום, א נ א ט ט, אלס מענש פארשטעלט,
זיין גייסט איז ג ע ט ט ל י ך ג ר ו י ס, זיין הערץ איז ג ע ט ט ל י ך
ק א ל ט...

און וויזט ער ליעבע מיר, עס איז א גאטט וואס ליעבט
א גאנצע וועלט ע ג א ל, צו קיינעם ניט געקניפט...
בעוואונדערנדיג ווער א י ך צו איהם אלס מעהר געבונדען,
ווענן זיין געפיהל צו מיר ווערט ביסלעכווייז פערשוואונדען.
מיין ליעבע פון ענטציקונג ווערט אלס מעהר צופלאממט,
דאך צווישען שטאלצען גרויססען בארג און קליינעם זאמד,
וואס פאר א שייכות קענן אין לעבען עקזיסטירען?...
נו, ווילסטו, פאטער, כ'זאל זיך פרייהען און שטאלצירען,
איך זאל זיך מיט זיין ריעזענגרויסקייט לאבען,
ווענן אין זיין גרויסקייט ליעגט מיין ה ע ר ץ, מיין א י ך באגראבען?
איך האב דיך אפט דערצעהלענדיג געהע"ט,
ווי ס'האט זיך אין א גאטט, א טאכטער פון דער ערד
פארליעבט... און האט פון שמערץ זיך ביז צום טויט פארקלאגט,
ד א ס א י ז דער וועהטאג וואס מיך פייניגט און מיך נאגט,
דענן צווישען מענש און גאטט ווי קענן זיין א פארבאנד,
און וועמענס חכמה, וועמענס שארפזינן איז אים שטאנד,
צו פאארען ג ע ט ט ע ר ־ פ ר א ס ט מיט פרויענליעבעם ב ר א נ ד?...

מזמור שיר ליום השבת

„מזמור שיר ליום השבת!“
ווי עס גיססט זיך דורכען הערצען,
אַזוי יום טוב׳דיג און פריילידך,
אין אַ כאָר פון זיססע קלאַנגען:
„מזמור שיר ליום השבת!“

„מזמור שיר ליום השבת!“—
ס׳שטאַממט דאָס ליעד ניט פון קיין מענשען,
נאָר מלאכים ווייססע האָבען
דאָס געזונגען אין גן־עדן,
אין דעם ערסטען הויכען שבת,
נאָך דער גרויססער וועלט־בעשאַפונג,
און די זוננען און די שטערען,
אַללע האָבען מיטגעזונגען:
„מזמור שיר ליום השבת.“

יא, די זוננען, און די שטערען,
(וועלכע האָבען נאָך קיין טהרערען
ניט געזעהן אויף אונזער וועלטעל)
האָבען שטראַהלענדיג געזונגען,
מיט די שנעע־ווייססע מלאכים:
„מזמור שיר ליום השבת!“

און די פייגלעך פון גן־עדן,
אינ׳עם כאָר ארייננעשאָססען
האָבען אַ פאָנטאַן מיט טרעללען,
און געסוויסטשעט און געטריללערט :
„מזמור שיר ליום השבת!“

און די בלוממען פון גן־עדן,
האָבען שעמעדיג געוויגט זיך,
האָבען אויפען פאַרביג־דופטיג
בלומען־לשון מיטגעזונגען :
„מזמור שיר ליום השבת!“

און די גרויססע ריעזענבוימער,
האָבען צוגעלעגט דעם אויער,
איינגעבויגען זיך מיט ערנסט,
און געשאָרשקעט און געשושקעט
„מזמור שיר ליום השבת!“—

אויף זיין כסא כבוד דאַמאלס,
מיט אַ געטטליך־גוטען שמייכעל,
האָט דער בורא מיטגעזונגען :
„מזמור שיר ליום השבת.“

שבת נחמו

נחמו, נחמו עמי יאמר אלהיכם.
(ישעיה, קאפ. מ')

פון די אַלטע קינדער־יאהרען,
זיך פאַרטראַגט צו מיר אַ ריח,
און אַ בינטעל שטראַהלען גנב'עט
זיך אַריין אין די נשמה,

און פאַרשיינט מיט ליכט און העללקייט,
יעדען ווינקעל פונעם מח,
וואו די אַלטע מרה שחורה,
ווי אַ גרויססע שפינן אַ שוואַרצע,

יאהרען נאָכאַנאַנד געשפונען
האָט איהר מיאוס גרויעס שפינוועבס...
ניין, מיר דאַכט די שפינן געוואָרען,
איז אַ זינג־פויגעל גאָר פלוצלינג;

און זי שפרינגט און זינגט און טריללערט,
און פאַרטרינקט מיין קאָפּ מיט ליעדער,
פרייהייטס־ליעדער, פרייד־געזאַנגען,
וואו עס מישען זיך צוזאַממען

זיססע טענער פונעם עבר,
הייליג מילד און פרומם און צערטליך,
מיט דעם הילכען פון טראָמפּייטען,
וועלכע זאָגען אָן די צוקונפט...

* * *

ווידער בליהט פאַר מיינע אויגען
יענעם בילד, וואָס קינדווייז מאָלען
פלעגט מיין דמיון, ווען כ'פלעג הערען
שבת נחמו די הפטורה...

פון דער קינדערשער פאַנטאַזיע,
שווימט אַרויס אַ באַרג אַ הויכער,
גרויס און איינזאַם און מיט גאוה
אָנגעלעהנט אַקעגען הימעל,

אויפען באַרג ביי'ן סאַמע אויבען,
ווי אַ צעדערבוים אַ שטאָלצער,
ווי פון גרויסען באַרג א חלק,
שטעהט דער נביא ישעיהו...

גלייך צום שנעע וואָס דעקט די פעלזען,
פאַללט זיין ווייססע באָרד אַרונטער,
און ווי אדלער־פליגלען פלאַטטערן,
זיינע לאָקקען אין דער לופטען...

פון זיין שטערען שיינט די חכמה,
און די רוהיג־גרויסע אויגען,

גלאַנצען ווי צוויי העללע זוננען,
פולל מיט ליעבשאַפט, פולל מיט גבורה...

און ער רעדט... זיין שטים איז ווייכער,
פונעם אבענד־ווינטעל׳ס אטהעם,
דאָך עס קלינגט און קנאַללט פון וויטען,
ווי אַ וואַססערפאַלל אַ שטאַרקער:

„נחמו, נחמו..." גאָטט באַפוילען
האָט מיר, אייך אַ טרייסט צו ברינגען,
אויף די דורות־אַלטע וואונדען,
אייך אַ זיססען באַלזאַם לייגען.

„וואָרף אראָב די טרויער־קליידער,
אָרעם פאָלק, האָסט אָבגעליטטען,
ביסט געוועזען די כפרה
פאַר די זינד פון אַללע פעלקער...

„שטאָלץ גלייך אוים דעם רוקען דיינעם,
אָפען איז דעם לעבען׳ס אוצר,
קיינער זאָלל ניט מעהר באַרויבען
דיר, דיין שווער פאַרדיענטען חלק..."

און די פעלזען ווידערהאַלען,
זאָגען נאָך אין ווידערקלאַנגען:
„נחמו, נחמו... גאָטט באַפוילען
האָט מיר אייך אַ טרייסט צו ברינגען."

רבי מתיא

(אַ תלמודישע לעגענדע.)

פרומם און ריין און אָבגעזונדערט
פון דער וועלט און איהר געטימעל
לעבט רב מתיא; זיין געדאַנקען
איז פון גאָטט נאָר און פון הימעל...

ווי פון יענע הויכע וועלטען,
איז זי דאָ אראָבגעקומען,
ווי פון אוצר הנשמות
האָט דער בורא זי גענוממען—

איז נאָך איצטער זיין נשמה
אָהן א פלעק און אָהן אַ שאטטען,
ניט אַ הויך פון זינד געאטהעמט
האט אויף איהר דער שלעכטער שטן...

ניט די מינדעסטע עבירה
ניט צו־מאָל א שלעכטער רעיון,
האָט דעם תנא׳ס גייסט פאַרדונקעלט,
און זיין זינן דעם פרוממען, פרייען...

לערנענדיג און דאַווענענדיג נאָר,
זיצט ער תמיד אין זיין צימער,
זוכט אַלס הייליגער צו ווערען,
און אַלס ריינער און אַלס פרימער

ווי אַ מלאך, ווי אַ שרף,
ווי צדיקים דאָרטען אויבען,
לעבט רב מתיא דאַ אויף דער וועלט,
מיט זיין תורה, מיט זיין גלויבען...

דאָך דער שטן, דער מתקנא,
קוקט אויף איהם מיט בייזע אויגען,
יעדע מצוה פון דעם תנא,
טרעפט איהם ווי אַ פייל פון בויגען,

יעדע הייליגע מחשבה
וואס רב מתיא טראַכט אין הערצען,
שטעכט איהם ווי מיט טויזענד שפּיזען,
פילט זיין טייפעל־ברוסט מיט שמערצען...

און עס קאָכט אין איהם די שנאה,
און עס פלאַקערט די נקמה,
אין זיין נעץ צו פאַנגען זוכט ער
מתיא׳ס הייליגע נשמה...

און ער קוממט צו גאָטט־כביכול,
בעט ער זאָל רשות איהם געבען,
און עס וועט איהם לאַנג ניט נעהמען,
פלעקען מתיא׳ס זינן און שטרעבען.

און דעם שטן מיט אַ שמייכעל
ענטפערט גאָטט אויף זיין בקשה:
„געה פאַרפיהר איהם אויב דו קענסט נאָר,
פּרוב איהם מאַכען פאַר אַ רשע...“

איצטער האָט דער שטן שליטה,
האָט רשות און מאַכט געקריגען,
און ער געהט אראָב פון הימעל
מתיא׳ם אונשולד צו באַזיעגען...

צו דעם הייליג־פרוממען תנא
קוממט ער אין זיין שטיללען צימער,
אבער ניט אַלס שוואַרצער שטן
נאָר אַלס שעהנע פרויענצימער...

פרישע באַקקען, ליפּפּען—רויזען,
מיט אַ שמייכעלע אַ זיססען...
שוואַרצע לאָקקען ווילד צופלאָכטען,
אויגען וואָס מיט פייער שיססען...

יעדער אבר חן־באַגאָססען,
יעדער ריהר אַ רייץ אַ שטוממער
און פון זיססע זינד דער צויבער,
שפּרייטענדיג אַ דופט ארום איהר...

און דאָס מיידעל מיט איהר שעהנקייט
זוכט רב מתיא׳ם הערץ צו ריהרען,
זוכט איהם פון דעם גלייכען גוטען,
אויף דעם קרוממען וועג פאַרפיהרען...

וואו רב מתיא קערט און ווענדט זיך,
וואו ער געהט אויף אַללע וועגען,
רק איהר שעהנער קלאָרער פּנים,
רק זי קוממט איהם אָן אַנטקעגען...

ס'העלפט ניט דאַווענען, ס'העלפט ניט לערנען,
אומעטום די זיססע בליקקען,
און ער שפירט אַרום זיין הערצען
שוין די נעצען וואָס זיי שטריקקען...

אין סכנה שוועבט זיין פרוממקייט,
אויף אַ האָרעלע קוים האַלט זיך,
און דאָ אונטען ליעגט אַ'ן אבגרונד
און אַ שוואַרצער גיהנום שפּאַלט זיך...

און זיין ריינעם קלאָרעם לעבען,
בייגט זיך, וויעגט זיך, האַלט ביין פאַללען
אָט, אָט, ווערט ער דאָ אויף דער־וועלט
און אויף יענער וועלט פאַרפאַללען...

נאָר איין עצה איז געבליעבען,
פון איהר כשוף זיך צו וועהרען,
נאָר איין עצה, פון עבירות
און פון גיהנום נצול ווערען...

מורא'דיג איז יענעם מיטטעל
וואס רב מתיא'ן איז געבליעבען
דאָך דער פרוממער תנא האט ניט
לאַנג געצווייפעלט און געקליבען:

איידער אַלץ זאָלל ער פאַרליערען,
וואָס זיין גייסט זיך האָט דערוואָרבען,
אָפּפערט ער די אויגען זיינע,
גיט זיי אָב צו גאָטט אַ קרבן...

* * *

אויבען, אויבען אין דער לופטען,
פליהט אַ מלאך, פליהט געשווינד,
זיינע ווייססע ברייטע פליגלען
זיינען שנעללער פאַר דעם ווינד...

העללע פונקען פון דער שכינה
און אַ שפּריץ פון יענעם שיין,
וועלכען גאָטט טהיילט אין גן־עדן
זיינע אויסערוועהלטע איין—

טראָפּפענס וואונדער־טהוי געזאַממעלט,
פון מלאכים שטיללערהייט,
און אַ דופטיג הויך, וואָס דורך די
בייטען פון גן־עדן וויהט—

דאס אַלס טראָגט דער פלינקער מלאך,
איינגעבונדען און פאַרשטעלט,
און ער איילט זיך אויסצופיהרען
זיין שליחות אויף דער וועלט..

רפאל איז דעם מלאך׳ס נאָמען
אַללע קראַנקע היילט ער אויס,
און ער פליהט צום בלינדען תנא,
צו רב מתיא׳ס שטיללען הויז.

הורדוס

עס וואַרטען אויף הורדוס דעם קיניג׳ס בעפעהל
צעהן טויזענד באַוואָפּענטע קריגער,
אַ וואונק פון זיין אויג און זיי ריהרען זיך שנעלל
צו טהון דעם באַגעהר פונעם זיעגער...

עס בוקט זיך דאָס פֿאָלק און באַזיעגט איז דאָס לאַנד,
נאָך שווערע מלחמות באַצוואונגען,
עס וואַגט ניט קיין שונא מעהר הייבען אַ האַנד,
אַקעגען דעם גבור דעם יונגען.

דאָך אונטער די גאָלדענע קרוין וואָס ער טראגט,
זיך רונצעלט און וואָלקענט זיין שטערען,
אוי אונטער זיין פּורפּורנעם מאַנטעל זיך פּלאגט
די ברוסט פון אַ קוממער אַ שווערען...

ווענן ס׳ליעגען די נאַכטיגע שאטטענס ארום,
איהם וויכט פון די אויגען דער שלוממער,
אַלליין דורכען מאַרמאָר־שלאָסס וואַנדערט ער אום
אַ בלייכער, פּאַרטראַכטער און שטוממער...

ער וואַנדערט און וואַנדעלט פאַר ליינג און פאַר ברייט,
ער קען זיך קיין רוה ניט געפינען;
די בילד־שעהנע מרים מכבי איהם געהט
אַ רגע אַרויס ניט פון זינען...

דורך וואפפען און גיפט איז דער הייליגער שטאמם,
פון שטאלצע מכבים פארשוואונדען,
געבליבען נאר מרים... איהר ליעבע א פלאמם
אין הורדוס'עס ברוסט האט געצונדען...

דאך האט זי פארשטויסען זיין צעפטער פון גאלד,
זיין מאכט ניט געקענט האט זי נייטהען,
דאנן האט זי דעם פרייז פאר איהר גאוה באצאהלט,—
ס'האט הורדוס געהייססען זי טייטען...

און ס'ברענט איהם פון דאמאלס איהר בליק וועלכער האט
באקוקט אזוי שטאלץ און פאראכט איהם,
עס פייניגט און פלאגט איהם דער שמייכעל פון שפאטט,
וואס האט אזוי שפל געמאכט איהם.

נאך הערט ער דעם קעניגליך־קינדערשען קול,
קאן קיינמאל דעם טאן ניט פערגעססען,
דערביי שטעהט דער תליון... דאך פעסט איז ווי שטאל
די שטימם פון דער יונגער פרינצעססין...

„איך האסס דיך, דיין רוהם און דיין מאכט און דיין מוטה,
„מעגסט פעלקער און לענדער באצווינגען,
„דאך קיינמאל דיר וועט ניט צו פלעקען דאס בלוט,
„פון שטאמם פון מכבי געלינגען...“

* * *

עס געהט אום דער שלאפלאזער קיניג פארטראכט,
ווערט שטענדיג פארצאגטער באטריעבטער,
איהם דאכט זיך עס חוזק'ט פון איהם און זיין מאכט,
דאס בילד פון דער טויטער געליעבטער...

דעם נביא'ס בלוט

אין מיטען עזרה, פון מאַרמאָרנעם פלאַסטער
אַ טייכעל פון בלוט שפריצט זייט יאהרען,
דאָס בלוט פון פראָפעט וואָס אין מיטטען נבואה
פון פאָלק איז דער'הרג'עט געוואָרען...

דער הייליגער נביא ער האָט זיי געוואָרענט,
גע'מוסר'ט מיט פינסטערע שטראפען,
און פלוצלינג איהם האָבען פון אללע פיער עקען
די שפיציגע שטיינער געטראָפען...

דאָס בלוט איז געפלאָססען, דאָס בלוט איז גערונען,
אַראָב אויף די מאַרמאָרנע שטיינער,
דאָך איהם איז צו העלפען, צו שטיללען די וואונדען
ניט אונטערגעקומען קיין איינער...

דאס בלוט איז געפלאָססען, נאָר האָט עס דער נביא,
מיט גוסס'ע קללות באַשוואָרען,
ס'זאָל קאָכען און זידען און תמיד דערמאָנען,
פון טויטען פראָפעט דעם זכרון...

און יאהרען און דורות און יובלות פאַרגעהען,
שוין הונדערטער יאהרען פאַרגאַנגען,
די פעסטונג פון יהודה איז חרוב געוואָרען,
דאָס פאָלק איז געוואָרען געפאַנגען...

און ס'זיינען געקומען די מחנות פון בבל,
און ס'לאַנד מיט אַ בלוט־טייך פאַרשוואומען,
מיט זיי איז דער גרויזאַמער העלד נבוזראדן,
דער פיהרער פון חיל געקוממען.

דאָך קאָכט נאָך ווי פריהער דאָס רויטינקע טייכעל,
ווי אונטען וואָללט פייער געלעגען,
עס וואונדערט מיט שרעק זיך דער העלד, נבוזראדן,
ער טהוט ביי די כהנים זיך פרעגען:

„וואָס קאָכט דאָ און מורמעלט דאָס רויטינקע טייכעל,
עס שפריצט און עס זידט און עס רוהט ניט,
עס איז ניט פון אָקסען דאָס בלוט וואָס איך זעה דאָ,
עס איז אויך קיין פייגעלשע בלוט ניט..."

עס טרייסעלט די כהנים פון אימה און פחד,
זיי שטעהען און שווייגען ווי שטוממע,
זיי ווילּלען דעם שענדליכען אמת ניט זאגען,
ניט וואַרפען אַ פלעק אויף די אומה...

„וואָס שווייגט איהר צושראָקען, אייך ציטערט די קערפּער,
די פּנים'ער ווערען אייך בלאַססער?—
וואָס פליסט דאָ דאָס רויטינקע טייכעל און קאָכט זיך,
ווי הייססע ווי זודיגע וואַססער?—"

עס דונערט די שטימס פון דעם ווילדען רוצח,
די אויגען מיט גרימצאָרען בליצען,
און שטאַרקער האָט פלוצלינג גענוממען דאס טײַכעל
צו שוימען און שפּרינגען און שפּריצען....

און איינער אַ׳ן אַלטער און גרייז־גראָער כהן,
מיט האָאַר ווי לבנון־שנעע ווייססע,
געהט צו צו דעם פיהרער פון חיל און נעהמט איהם
דערצעהלען די טרויריגע מעשה:

„ביי אונז איז פאַרצייטען אַ נביא געוועזען,
וואָס האָט ניט דעם אמת פאַרשוויגען,
וואָס האָט ניט אַ׳ן עולה ביי אידען געליטטען,
און פיינט געהאָט פאַלשקייט און ליגען...

„ער האָט זיינע ברידער געוואָרענט, גע׳מוסר׳ט,
געבעטען זיין פרוממער און רײַנער,
און ס׳פאָלק האָט צום נביא אַ שנאה געקריגען,
און האָט איהם פאַרוואָרפען מיט שטיינער...

„זיין בלוט איז געלאָפען פון צעהנדליגע וואונדען,
דאָך האָט עס דער נביא באַשוואָרען,
דאָס בלוט זאָלל ניט רוהען און זאָלל ניט פאַרשווייגען
וואָס ער איז גע׳הרג׳עט געוואָרען...

„פון דאמאלס אָן קאָכט עס און לאָזט זיך ניט שטיללען
עס העלפט ניט קיין ווישען, קיין רייבען,
דאָס בלוטיגע טייכעל איז תמיד פאַרבליבען,
און לאָזט זיך פון אָרט ניט פאַרטרייבען...“

נאָך שטאַרקער צו קאָכען, נאָך ווילדער צו זידען,
אוּן ווערען נאָך ברייטער אוּן רויטער,
האָט פּלוצלינג דאָס רויטינקע טייכעל געֿנומען,
ווי אוּנטען וואָלט ליעגען דער טויטער...

מיט כעס זעהט דער פּיהרער פון בבל'ס ארמייען,
ווי ס'שווייגט ניט אוּן שטייגט נאָך דאס זידען,
ער הייסט זיינע מחנות זיי זאָללען איהם ברענגען,
די זקנים, די פּער פון די אידען...

מע ברענגט די סנהדרין, חכמים אוּן פיהרער,
אוּן לעהרער פון תורה אוּן זיטטען,
אוּן אַללע זיי ווערען ווי לעממער געשאָכטען,
ווי אָקסען אָהן מיטלייד געשניטטען...

אוּן ס'ווארעמע בלוט פון די זקנים געגאָססען
זיך האָט ווי דאָס וואססער פון ברוננען,
עס האָט מיט דעם בלוט זיך צוזאַמענגעגאָססען
וואָס האָט פון דעם נביא געֿרוּנען...

דאָך וואַרפט זיך דאָס בלוט פון דעם פינסטערען נביא,
עס העלפט ניט דער בלוטיגער קרבן,
עס וואַרפט זיך אוּן העבט זיך אוּן רוהט ניט אַרגע
ווי דאַמאלס ווען ער איז געשטאָרבען...

אוּן מיידלעך אוּן בחורים יונגע אוּן פרישע
פון ציון, איצט ווערען געֿנוממען,
זיי זיינען ווי צעדער אוּן פּאַלמען געוואַקסען,
ווי דופטיגע מירטען אוּן בלוממען...

און טויזענדער ווערען אָהן מיטלייד געקוילעט,
עס גוסס'ען די צאַרט־יונגע גליעדער,
עס מישט זיך צונויף מיט דעם בלוט פונעם נביא
דאָס בלוט פון די אייגענע ברידער.

דאָך וויל זיך דאָס קליינינקע טייכעל ניט שטיללען,
עס לעבען פון גוסס די קללות,
און ס'בלוט פונעם נביא נאָך וואַרעם און זודיג,
געבליבען אַזוי ווי אַ מאָל איז.

איצט ברענגט מען שוין קינדער און עופה'לעך קליינע
די עדעלסטע שעהנסטע פון ציון,
זיי זיינען ווי פרישע און גרינענקע צווייגען,
פון איילבערטענבוימער וואָס בליהען...

און צעהנדליג־ווייז האָט מען די קינדער גע'הרג'עט
געקוילעט, געשניטטען, געשטאָכען—
און שוואַכער האָט פלוצלינג גענומען דאָס טייכעל,
דאָס רויטינקע טייכעל צו קאָכען...

אלס שוואַכער און שוואַכער און שטילער און שטילער
שוין איז עס אנטשוויגען געוואָרען :
געשטיללט איז דער כעס פון דעם שרעקליכען נביא,
זיין לאַנגער און פינסטערער צאָרען...

דעם תנא'ס קללה

I

דער הייליגער תנא, רב יוסי פון יוקרות,
ער ווילל ניט דאָס לעבען געניססען;
פון יוגענד און ליעבע מיט ביטטערע קללות,
פאַרשילט ער דעם תענוג דעם זיססען.
נאָר בילדער פון שוואַרצע מדבריות אָהן שטראַהלען,
פון פעסטיגע זומפּען און פעכיגע קוואַללען,
געפּיללטע מיט גיפטיגע שלאַנגען,
און טייכען פון זודיגען בליי וואו זיך בראָטען,
די זינדער וואָס האָבען געבוקט זיך צום שטן,
אין נעץ פון עבירות געפאַנגען—
נאָר בילדער אַזעלכע איהם האָבען בעשעפטיגט,
און וואָס אַ טאָג מעהר אין זיין גלויבען באַקרעפטיגט.

דער תנא וואָס עלטער
ווערט פרימער און קעלטער,
דאָס מענשליכע הערץ איז פאַרפראָרען,
אין דאַוונען אַלליין נאָר
געבעט און געוויין נאָר
פאַרברייננגט ער די טעג און די יאהרען...

II

און גרויס און באַריהמט איז געוואָרען דער תנא,
מע פלעגט זיך די נסים דערצעהלען,

ווי דעם מיט אַ'ן איינציגען וואָרט פלעגט ער העלפען,
אין דעם מיט אַ ברכה בלויז היילען;
ער האָט נאָר געדאַרפט זיינע אויגען די שטיללע,
אַ קעהר טהון צום הימעל באַטריבט מיט אַ תפלה,
ערדייכט האָט ער באַלד זיין פערלאַנגען...
אַ בלינדער פלעגט זעהן און אַ לאַמער שפּאַציערען,
פלעגט זיי נאָר די האַנד פונעם תנא באַריהרען,
און איטליכער שמערץ איז פאַרגאַנגען...
דאָך ווען דער תנא פלעגט געבען אַ קללה,
האָט זיכער ערוואַרטען געמעגט זיין מפּלה,
דער פלוך פלעגט זיך תמיד ערפילען,
אַזוי ווי אין הימעל אַ מחנה מלאכים,
דער תנא געהאַט וואָללט פאַר זיך משולחים
צו טהון זיין באַגעהר און זיין ווילען...
באַריהמט איז דער תנא, פון יעדען באַוואונדערט,
דאָך וויכט ער פון מענשען און לעבט אבגעזונדערט,

די וועלט איז איהם נמאס,
דאס לעבען ביי איהם איז,
אַ'ן עונש געמאַכט צו פראָבירען
דעם צדיק'ס נשמה,
וואָס שטענדיג מלחמה
מיט לוסט און תענוגים מוז פיהרען...

III

אריינגעמישט האָט זיך צום אונגליק דער שטן,
געהאַט האָט אַ טאָכטער דער תנא,
און איטליכעס מיידעל ארום אין דער סביבה
געווען איז איהר שעהנקייט מקנא.

מע פלעגט איהרע אויגען פאַרגלייכען צו זוננען,
די ליפּפּען צו רויזען, דאָך האָט ניט געפונען
קיין איינער דעם אויסדרוק דעם רעכטען,
צו מאָלען דעם חן פון די נאַכט־שוואַרצע אויגען,
וואָס האָבען גע׳כשופ׳ט און האָבען געצויגען
מיט בליקען וואָס פלעגען זיך פלעכטען
אַרום אַללע הערצער ווי פעדעמלעך זיססע,
און האבען גענומען געפאנגען אין תפיסה,
דעם קאָפּ מיט׳ן וויללען צוזאַממען—
די ליפּפּען וואָס זיינען געוועזען צוויי געזאַנגען
פון ליעד שיר השירים, אָהן ווערטער און קלאַנגען,
צוויי דופטיגע פאַרביגע גראַממען,
צוויי שטוממע פראָטעסטען אַקעגען דעם טאַטען,
זיין דאַוונען און פאַסטען און הייליגע טהאַטען.

זי וויל גאָר דעם גיהנום,
ניט וויססען ניט קענען,
דאָך גלויבט זי גאָר פעסט אין גן־עדן,
און וויל איהם שוין האבען
אויף דער וועלט, און לאבען
מיט לוסט זיך און אַלערליי פריידען...

IV

און מעהר ווי דער הייליגער תנא רב יוסי,
באַקאַנט איז זיין טאָכטער געוואָרען,
מע האָט איהר אין בבל אַ נאָמען געגעבען,
די בליהענדע רויז פונעם שרון...
און איטליכען טאָג פלעגען אָנקוממען מעננער,
פון נאָהנטען און ווייטען איהר פנים צו זעהן נאָר,

אונ זעהן האָט געמיינט זיך פאַרליבען,
און האָבען די הערצער געמעגט זיין פון אייזען,
פלעגט זי נאָר אַ'ן איינציגען שמייכעל זיי ווייזען,
זיי זיינען איהר שקלאַפען פאַרבליבען...
און ס'פלעגען ווי שאטטענס ארומגעהן פאַרליבטע,
מיט בלייכע געזיכטער מיט אויגען באַטריבטע,
ניט קענען מעהר שלאָפען ניט עססען—
דאָס מיידעל פלעגט אבער נאָר שטיפען און שפּיעלען,
און לייכטזינניג לאַכען פון הערץ און געפיהלען,
און איהרע געליעבטע פערגעססען,
זיי פלעגען זיך שלעפּען פאַרצווייפעלט פאַרטרויערט,
און זי האָט צו־מאָל מיט אַ זיפץ ניט באַדויערט.

פון מענשען דערווייטערט,
זיך פייניגט און לייטערט
דער הייליגער תנא דער פרוממער—
און איהם ווי אויף להכעיס,
די טאָכטער קלייבט נחת
פון איהרע געליעבטע ארום איהר...

V

לאַנג טויב איז דער אויער און בלינדע די אויגען
געוועזען פון תנא רב יוסי,
עס ווילען ניט וויססען וואָס טהוט זיך אויף דער וועלט,
דעם צדיק'ס רעיונות די גרויססע...
נאָר ענדליך דערגרייכט האָט צום תנא די מעשה,
קאַפּויר געשטעלט האָבען די האָר זיך די ווייססע,
איהם האָט ווי אַ דונער צובראָכען;

זיין טאָכטער, אַ מהייל פון זיין אייגענעם לעבען,
אַ פונק פון זיין גייסט וואָס אין היממעל פלעגט שוועבען,
איז טיעף אין עברות פאַרקראָכען...
און וואָכען תעניתים געפאַסטט האָט דער פאטער,
און מעהר נאָך געדאַוועגט געפייניגט זיך האָט ער,
און טייכען פון טהרערען פאַרגאָססען,
און פאַרטיג געוואָרען אין הייליגען תנא׳ם
פאַרבאָרגענעם מח אַ שרעקליכער פלאַן איז:
דער נזיר האָט גרויזאַם באַשלאָססען,
זיין אייגענע טאָכטער אַ קללה צו געבען,
און בעטען ביי גאָטט איהר צו נעהמען דאס לעבען..

די טאָכטער מוז שטאַרבען,
זי זאָל ניט פאַרדאַרבען
די וועלט, און די הערצער פאַר׳סם׳ען,
זי זאָל ניט מעהר קענען
נשמות פאַרברענען
מיטליידענשאַפט׳ס זינדיגע פלאַממען...

VI

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳איז נאַכט און עס שלוממערט דעם תנא׳ס קליין הייזעל,
אין פינסטערע שאַטטענס פארזונקען,
עס שלוממערט דאָס לוסטיגע מיידעל און חלומ׳ט,
פון די וואָס איהר חן האָט באַטרונקען...
דאָך איבער איהר בעטט שטעהט דער תנא געבויגען,
איהם בליאַסקעט אַ שרעקליכער פונק פון די אויגען,
און ס׳מורמלען די ליפּפּען האַלב־אָפּפען:

„קיין שמייכעל זאָלל מעהר ניט די לעפּצען פאַרציהען,
קיין לעבען זאָלל מעהר אויף דיין פּנים ניט גליהען,
זאָלסט ווערען אויף אייביג אַנטשלאָפען..."
דאָס מיידעל אַ זיפץ האָט געגעבען אַ לאַנגען,
און שטילל איז דער הויך פון איהר לעבען פאַרגאַנגען...

ביי די גליעדער די קיהלע,
דער תנא טהוט תפלה,
און בעט פאַר די יונגע נשמה,
אַז גאָטט זאָלל פאַרצייהען
איהר זינד, און באַפרייען
פון פינסטערען שטן'ס נקמה...

טיטוס'עס מוק

צוריק פון מלחמה איז טיטוס געקוממען,
פון זיגער דער שטערען באַקראַנצט איז מיט בלוממען,
עס פאַללט צו די פיסס איהם גאַנץ רוים,
און קוססט פון זיין טאגא דעם זוים,
די שטאָלצע פאַטריציער ערוואַרטען ביין טהויער,
־ער פעבעל פאַרהילכט מיט געשרייען זיין אויער:
„לאַנג לעבען זאָלל טיטוס דער העלד
וואָס קוממט פון באַצווינגען אַ וועלט...“

פון אַללע מדינות געבראַכט—
צו ווייזען זיין זיעגענדע מאַכט—
זיין רייט־וואַגען נאַקעט באַגלייטען,
אַ מחנה פון שקלאַפען אין קייטען...
זיין בלוטיגע האַנד
זי האַט ניט קיין לעבענס געשוינט,
אין איטליכען לאַנד,
ווערט טיטוס מיט קללות באַלוינט,
דאַך רוים איז דערצו שוין געוואוינט
רחמנות איז ווייבעריש און פאַססט זיך ניט גוט
פאַר טאַפפערע מעננער, געפאַרבען מיט בלוט
מוז זיין דער גירלאַנד וואָס דעם גבור באַקרוינט...

אויף טיטוס' געזיכט אבער שוועבט
אַ'ן אויסדרוק פון וועהטאג וואָס קלעבט

זיך ניט צום פּאַראַד און די פרייד,
וואָס איבער דעם פאָלק איז פאַרשפּרייט...
אין מח פון טיטום וואו קיינער ניט זעהט,
אַ קליינצינקע מוק איז פאַרקראָכען און שפּעטט
פון גאַנצען פּאַראַד וועלכען רוים איהם באַווייזט,
און בויערט זיין שאַרבען און עגבערט און רייסט...

אַרום זיינען שטאַרקע לעגיאָנען באַרייט,
דעם וויללען פון זיעגער צו טהאָן,
דאָך קיינער די מוק ריהרט ניט אָן,
וואָס לעכערט זיין קאָפּ שטיללערהייד...
אַ קליינציגע שוואַכע פאַרבאָרגענע פליעג,
פאַרדאַרבט איהם די שמחה,פאַרביטערט זיין זיעג...

ביי טאָג און ביי נאַכט
זי גריבעלט מיט מאַכט
און פּיקט איהם ארויף אין זכרון,
די לעבענס וואָס זיינען פאַרלאָרען,
די לענדער וואָס זיינען צושטערט
געוואָרען דורך איהם און זיין שווערד...

עס העלפט ניט קיין דאָקטאָר
די מוק ווערט אַלס שטאַרקער און גרעססער,
דער העלד דער געפּלאַגטער,
געביטטען זיין גורל וואָללט בעססער,
מיט זיינע געפאַנגענע שקלאַפען,
אבי נאָר די פּלאַג אבצושאַפּפען ;
וואָלט גערען געשאָנקען זיין טהראָן און זיין רוהם,
אַבי נאָר די מוק אין זיין קאָפּ זאָלל זיין שטומם...

שטראָף

אַף הוא ראה גלגלת אחת
שצפה על פני המים ואמר
על דאטפט אטפוך וסוף
מטיפיך יטופון. (אבות.)

ביים ברעג פונעם ים שטעהט דער תנא פאַרטראַכט,
די וועללען זיך יאָגען מיט האַסטיגער מאַכט,
די כוואַליעס זיך שלאָגען און שוימען און שוממען...
אַהער פון ווייטען, קוממט פלוצלינג געשוואומען,
אַ בר־מנן־קאָפּ וואָס פון מאָרד קלאָרע צייכען
נאָך טראָגט אויף דעם וועכסענעם פּנים דעם בלייכען.
דאָס פינסטערע וואַססער אַרויף און אַראָב,
וואַרפט אום ווי פאַרערגערט פון הרוג דעם קאָפּ,
עס בייטשען די כוואַליעס די האָר,
פאַרקלעבט אין אַ בלוטיגען קאָלטען,
אַזוי ווי געפלוכט און געשאָלטען,
דעם אָרעמען טויטען זיי וואָללטען,
אין בייזען און טייפעלשען כאָר...

דער תנא באַקוקט עס, פאַרקלעהרט,
און מורמעלט: „דער עונש ער ווערט
„ניט קיינעם געשאָנקען און וועט עס אָפט דויערן
„און וועט זיך די שטראָף אויף אַ ווײלע פאַרלויערן,
„וואָס ד׳אויביגע מאַכט האָט באַשעערט,
„מוז קוממען און מוז זיך באַווייזען,
„מיט וואַססער מיט פייער מיט אייזען...

„דער צייכען פון קין ער גרוילט אויף דיין שטערען,
„דיין ברודער מענש האָסטו דערטרונקען,
„איצט האָסטו ערמאָרדעט אַליין געמוזט ווערען—
„אַ הרוג אין וואַסער פאַרזונקען...

„און דער וואָס געמאַכט האט דיין לעבען אַ'ן ענד,
„וועט שטאַרבען דער'הרג'עט פון אַנדערע הענד,
„איין מאָרד מיט אַ צווייטען מוז ווערען באַלוינט,
„עס ווערט קיין פערברעכער פון שטראָף ניט פאַרשוינט."

עס רוישען די פינסטערע וועללען און שומען,
אַזוי ווי זיי וואָלטען פון תנא פערנוממען,
דאָס וואָרט,
און איבער'ן מעער,
אַהין און אַהער,
זיי וואָלטען אַ'ן עכאָ פאַרשפרייטען:
„איין מאָרד—
„מוז ווערען באַצאָהלט מיט אַ צווייטען..."

אידישע לעגענדען

דעם שוסטער'ס מיידעל

עלעבט האָט אין שטעדטיל אַ'ן עושר,
א יחסן דערצו אַ באַוואוסטער,
ניט ווייט פון דעם רייכען מאַנ'ס מויער,
געוואָהנט האָט אַ'ן אָרעמער שוסטער...

דער גביר האָט געהאַט אַ בן יחיד
א זיידענעם בחור א'ן עלוי,
דער שוסטער געהאַט האט אַ טאָכטער,
אַ זיססע באַ'חנ'טע און שטיללע...

און האָבען זיךביידע באַגעגענט,
זיי פלעגען זיך שעהמען צו ריידען,
געשפיעגעלט אין ד'אויגען נאָר האָט זיך
דיזעלביגע ליעבע ביי ביידען...

פאַר'שדכנ'ט דער גביר האָט זיין עלוי
פאַר קעסט און צעהן טויזענד מזומן,
געשטאָרבען דאָס מיידעל... געפּלאַצט האט
איהר הערץ פון אַ וועהטאָג א שטוממען...

זינט דאַמאָלס אין מיטטען דער נאַכט, ווענן
עס שלאָפט שוין דער גביר אין זיין מויער,
פון אונטער די פענסטער דערהערט ער,
אַזוי ווי א שטיממע פון טרויער...

עס כליפּעט... אַזוי ווי דאָס מיידעל
דאָס טויטע וואָללט אונטען געוועזען...
איהם דאַכט זיך אַזוי ווי זי וואָללט איהם,
געשלעפּט און גערופען צו בית־דין:

„קומם מיט צו פמליא של מעלה,
דאָרט זאָללסטו א חשבון מיר געבען,
פאַר איטליכען טאָג וואָס דורך דיר איז,
געוואָרען געקירצט פון מיין לעבען..."

שוין צעהן מאָל איז בעטען מחילה,
דער גביר אויף איהר קבר געגאַנגען,
דאָך וועקען איהם אַלס נאָך פון שלוממער,
די זעלביגע ביטטערע קלאַנגען...

דעם חתן׳ס טויט

אוועג די כלי־זמרים, דער עולם צוגאַנגען,
אונ חתן און כלה מיט שטיללע פֿאַרלאַנגען,
באַקוקען זיך ביידע פֿאַרשעמט—
וואָס האָט זיך גאָר פּלוצלונג דערשראָקען דער חתן ?—
די כלה אַ שווייסס האט אַ קאַלטער באַגאָססען,
דאָס הערץ ווערט זיי ביידען פֿאַרקלעממט...

אין אַ ווינקעל פֿאַררוקט,
זיצט אַ פרעמדער און קוקט
מיט שטאַררע און פינסטערע אויגען,
אַזוי ווי זיין בליק,
מיט מכשף׳שע שטריק,
צו זיך וואָללט דעם חתן געצויגען.

די ליכט געהען אויס אין די מעשענע לייכטער,
דאָס צימער ווערט דונקלער, די נאַכטלופט ווערט פייכטער,
עס קריכען די שאַטטענס אַרום אויף די ווענד—
דער כלה פֿון שרעק האָט דעם אטהעם פֿאַרנוממען,
דער חתן האָט פּלוצלינג אין אורח אין שטוממען,
דעם מלאך המות דערקענט...

„אַ פינסטערע מאַכט
לאָז די איינציגע נאַכט,
לאָז די איינציגע נאַכט נאָך מיך לעבען;
ווענן ס'ברעכט אויף דער שטערען
פון מאָרגען, דאַן גערען
וועלל איך מיין נשמה דיר געבען...“

ע- בעט זיך דער חתן... דער בלייכער לבנה'ס
פאַראומטערט געזיכט מיט אַ בליק פון רחמנות,
דורכען פענסטער זיך גנב'עט אַריין...
די געשטאַלט אינעם ווינקעל ווערט העכער און גרעססער,
און רוקט זיך אַלס נעהנטער... עס גיט פון אַ מעססער
אין דונקעלען צימטער אַ שיין...

עס טראָגט זיך אין שטוב,
דער גערוך פון אַ גרוב,
דער קלאַפּ פון קברנ'ישע כלים,
און ס'טראַמפלען פון טריט,
פון א'ן עולם וואָס ציהט,
אַ מחנה פון שטוממע אבלים...

עס קוממט ווי פון קבר... „צוריק נאָך מיט יאהרען
פאַרזינדיגט זיך האָסטו, פאַרשריבען געוואָרען,
אין פינסטערען בוך איז דיין חטא,
באַשלאָסען דיין טויט האָט פמליא של מעלה,
און וואו זיי באַשליססען דאָרט פרעגט מען קיין שאלה,
דאָרט העלפט ניט קיין קלאָג און געבעט...“

דער חתן דערפיהלט,
ווי זיין בלוט ווערט פאַרקיהלט,
פאַרלאָשען די ליכט זיינען אַללע—
אין צימער אַלליין,
אין אַ ביטטער געוויין,
ברעכט אוים די אלמנה די כלה...

די גע'גנב'עטע כלה

ס'איז נאָך שלש סעודות און ס'דונקעלט דערויסען,
דער שבת איז באַלד שוין פאַרגאַנגען:
„אַ באבעניו זיססע דערצעהל פון די שדים,
וואָס האָבען אַ כלה געפאַנגען.“

די באבע זי קוקט דורכען פענסטער צום שולהויף,
און זאָגט: „עס איז קענטיג ניט שפעט נאָך,
מע האָט נאָך קיין ליכט אין דער שוהל ניט געצונדען,
דער מגיד מסתמא, ער רעדט נאָך.“

זי זיפצט און זי נעהמט די שפּאַקולען אַרונטער—
„דער אויבערשטער זאָלל אונז באַהיטען,
ס'וואָלט אַלסדינג כשורה געגאַנגען, ווענן שדים
זיך דרעהען ניט אונטער אין מיטטען.

„פון יענער זייט גראבען געוואָהנט האט רב יואל,
אין כבוד, אין עושר און גדולה,
צעהן קופּפערטען —זאָגט מען— מיט גילדערנע רענדלעך
געשטאַנען ביי איהם זיינען פוללע.

„און שעהן איז געוועזען זיין טאָכטער מאַריאַשע,
וואו זעהט איהר עס היינטיגע צייטען?—
די אויגען איהר האָבען פון פּנים געלויכטען,
אזוי ווי מנורות פון וייטען.

„און קלוג, און אַ בריה... איהר נעהען און שטריקען,
איהר העפטען געווען איז אַ חידוש,
גערעדט ווי אַ פריצטע אויף פויליש, געשריעבען
אַזוי ווי אַ מאַנספערשוין אידיש..

„כף אלף דוקאַטען און אייביגע קעסט האט,
דער רייכער רב יואל געבאָטען,
אַבי פאַר זיין טאָכטער צו קריגען אַ חתן
מיט אַלערליי מעלות געראָטען...

„נו קענט איהר זיך מעלדען... עס האָבען שדכנים
אַ לאַז געטהון זיך פון דער סביבה,
געזוכט און גע'בדק'ט אַוואו אַ בית מדרש,
געאַקערט אַוואו אַ ישיבה...

„ביז ס'האָט זיך געפונען אַ תכשיט אַ בחור,
אַ'ן אוצר פון גאָלדענע מעלות,
עס פלעגען זיך אַלטע רבנים ניט שעהמען
ביי איהם קוממען אָנפרעגען שאלות.

„מע האָט איהם געטיטעלט „דער אַלמער מיט ספרים"
גערופען דער „אייזערנער באַרג" איהם,
נאָר וואָס איז דער חידוש?... דער יחוס־בריעף זיינער,
געצויגען זיך האָט ביז'ן „תרגום"...

„געהאַט האָט קיין גבול ניט די שמחה ר' יואל'ס,
וואָס האָט אַזאַ'ן אײדעם געפונען—
אַ ציערונג אויף דער וועלט, אַ נחת אויף יענער—
נאָר לילית... זי האָט ניט פאַרגונען...

„דער טאָג פון דער חופּה איז נאָהענט געקומען,
מע האָט שוין גענומען זיך ריכטען,
מיט באַקען און פּרעגלען און שמאָרען און בראָטען,
און צוגרייטען רייכע געריכטען—

„נאָר האָט מען צו היטען די כלה פערגעססען,
מיט חתונה־זאַכען פערנומען,
אַמאָל בין השמשות אַרוים איז די כלה,
און איז שוין צוריק ניט געקומען...

„געקלאָגט האָט דער קצין, געקלאָגט האָט דער חתן,
וואָס האָט געזאָלט ווערען זיין איידים,
אין וואַלד אבער האָבען אין זעלביגען אבענד,
אַ חופּה געפּראַוועט די שדים...

„און ס'האָבען טייוואָלים־כלי־זמרים געצימבעלט
און שדים חזנים געזונגען,
די אָרעמע כלה די שעהנע מושלמת,
א שד האָט גענומען אַ יונגען.

„און יאהרען נאָך דעם ווי די מעשה פּאַססירט האט,
ביי נאַכט ווענן ס'פּלעגט וועהען אַ שטורעם,
געקענט האָט מען הערען ווי ס'רייסט זיך די כלה
און יאממערט פון טיעפע יסורים...“

פון אַ'ן אלטען פנקס

פאַרזאַממעלט אין שוהל זיינען פרויען און מענער,
דער חזן צולאָזט זיך אין קונציגע טענער,
ווי ס'פּאַססט זיך פאַר פסח פריהמאָרגען—
און יום טוב'דיג זיינען די גהעטטאָ־פיגורען,
פאַרשוואונדען פון גלות די פינסטערע שפורען,
די קנייטשען פון אויביגען זאָרגען.

עס גאָרגעלט דער חזן און דרעהדעלט די טרעללען,
די מאַנסביללען שפּאַלטען פון מחזור די וועללען,
עס שווימען אין תחינות די ווייבער—
ווער עפּענט די אייזערנע שול־טהיר מיט גבורה?—
עס מאָלט זיך אַ טויט־שרעק אויף איטליכע צורה,
אַ סקרוך געהט אריבער די לייבער.

עס שפּאַרט זיך אַ הויפען אַ שוואַרצער געדיכטער,
א מחנה פון מענשען מיט טייפעל־געזיכטער,
מיט שטיינער און שטעקענס און וואַפען : —
„אַ קריסטליכעס קינד איז פאַרפאַללען זינט נעכטען,
איהר האָט עס גע'גנב'עט, ווי תמיד, צו שעכטען
אויף פסח זיך בלוט צו פאַרשאַפען...“

אין שוהל פאַללט אַ פינסטערע אימה אַ'ן אומעט,
פון פעבעל געהט פלוצלינג ארוים א משומד,
צום ארון הקדש דעם אַלטען :—
מיט אברים פאַרגליווערט און גאָרגעל צושניטטען,
דאָרט האַסטיג אַנטדעקט ער אַ טויטען אין מיטטען
פון הייליגע ספרים באַהאַלטען...

עס קלאַפּט זיך דער עולם אין הערצען על־חטא שוין,
און איטליכער פּרעפּעלט זיין לעצטען געבעט שוין,
מע האָפט שוין ניט מעהר אויף רחמנות,
אויסען שטאָדט ליגען פעלדער מיט קברים פאַרשפּרייטע,
פון טאַטעס און זיידעס און קרובים געטיידטע,
פון בלוטיגען בלבול קרבנות...

, ווינקעל פון מזרח דער רב שטעהט און דאַווענט,
דער גרויססער רב זאב, אין קבלה בעהאווענט,
ער קעהרט זיך איצט אום צו דעם עולם,
מיט רוהיגער שטיממע די שטיללקט צוברעכט ער :
„דער גאָטט פון ישראל, דער גרויססער גערעכטער,
קענן וועקען אַ מת פון בית עולם"...

דעם רב פון די אויגען ארוים שטראַהלט די שכינה,
ער קוקט און ער וואַרט מיט פראָפעטישער מינע,
עס זאָל זיך דאָס וואונדער באַווייזען :—
און באַלד האָט דער טויטער גענומען זיך וועקען,
די אייז־קאַלטע אברים זיך ריהרען און שטרעקען,
די פיסס זיינע לעבעדיג שפרייזען...

נו געה איצט, און ווייז וועך דעם מאָרד האָט באַגאַנגען,
'ו שטיללען זיין האַסס און רוצח־פאַרלאַנגען
און אונשולד מיט בלוט צו באַשמירען..."
און איידער עס איז נאָך אַ רגע פאַרגאַנגען,
דער מת האַלט דעם מסור אַזוי ווי מיט צוואַנגען,
און ברייננט צום בעל מופת צו פיהרען...

דאַנן זיינען די גליעדער צוזאַמענגעזונקען,
פאַרלאָשען זיך האָבען פון לעבען די פונקען,
דער מת האָט זיין אַרבייט פאַררכט שוין—
דער רב שטעהט שוין וויעדער אין ווינקעל געבויגען,
עס פאַללט איהם דער טלית אראָב אויף די אויגען,
אַוועק איז דער שטראַהל פון געזיכט שוין...

דער עולם נעהמט וויעדער זיך מחזור צו זאָגען,
ס'איז שפּעט און מען האָט נאָך אַ סך צו דעריאָגען,
מע טאָר ניט דעם מוסף פאַרזאַממען...

* * *

אין פנקס פון שטאַדט איז די מעשה פאַרבליבען,
דער סופר רב צבי האָט דעם מופת באַשריבען,
מיט הויכע מליצה און גראַממען...

הינטער'ן פארקאן

ם רוישען די בוימען פון אַלטען בית עולם,
די לבנה קוקט בלייך און פאַרקלערט,
איצט קוממען די מתים, סיי יונגע סיי אַלטע,
ארוים פון דער פינסטערער ערד...

זיי געהען איצט אונטער די בוימען שפּאַציערען,
אין ווייסע תכריכים געקליידט,
זיי געהען און רעדען אויף בר מנן לשון
ביז ערגעץ אַ האָהן זיך צוקרייהט...

די מאַנסביללען טענה'ן פון חבוט הקבר
פון גיהנום און מדת הדין
די ווייבער באַטאַפּען די שעהנע תכריכים,
און פרעגען: וואָס קאָסט אַ'ן ארשין?...

און הינטערן פּאַרקאַן פּאַרלאָזען און איינזאַם,
שטעהט איינער אַ בר מנן שטומם,
מקנא די מתים וואָס אויפען בית עולם,
מיט גאוה שפּאַציערען ארום...

דער גלגול

ביי די טהירען פון בית מדרש,
ליגט אַ הונד פאַרוואַקסען ווילד,
קיינער ווייסם ניט ווער דער הונד איז
אַללע הערען ווי ער ביללט...

הערט מען זיינע וויסטע וואָיעם
קלעמט משונה'דיג דאָס הערץ,
עפּעס שפּירט מען אין זיין ביללען,
מענשען־יאממער, מענשענשמערץ,

און דער עולם באַלד דערקענט האט
וואָס דער הונד דער שוואַרצער וויל,
און מע האָט זיך צוגעוואונקען,
און געשושקעט אין דער שטילל:

ס'איז אַ'ן אונגליקליכער גלגול,
איז געשטאָרבען אָהן אַ קינד,
און ער זוכט אַ פרעמדען קדיש
און ער ביללט ביז ער געפינט...

דער דערטרונקענער

אונטען פליסט דאָס שוואַרצע וואַססער
אויבען הייִנגט אַ בריק פון אייזען,
אויף דער בריק זיך פלעגט בעווייזען
יעדע נאַכט אַ גייסט אַ נאַססער...

קאַלטע טראָפּענס פלעגען טריעפען,
פון זיין מת־געזיכט דעם שטוממען
ווי ער וואָללט אַרויסגעשוואומען,
פון דעם וועללען־תהום דעם טיעפען...

פלעגט אַרומגעהן גאַנצע שטונדען,
מיט אַ האַממער זעג און פיילען,
פלעגט באַטאַפּען אַללע זיילען,
און געוואָרען דאַנן פערשוואונדען...

מ׳זאָגט, אַז ביים צוזאַממענשטעללען
פון דער בריק צוריק מיט יאהרען,
האָט ער ס׳גלייכגעוויכט פאַרלאָרען
און פאַרזונקען אין די וועללען...

דער קמצן

ער האָט ניט קיין זאַך זיך פאַרגונען
וועגן ער האָט געלעבט אויף דער וועלט,
האָט פיינד געהאַט זיך און דעם צווייטען,
נאָר האָלד געהאַט האָט ער זיין געלד.

געהאַט האָט ער קיינמאָל קיין קינד ניט,
האָט קיינמאָל קיין ווייב ניט געהאט,
איז שטענדיג געגאַנגען צוריססען,
קיין מאָל ניט געגעססען ביז זאַט...

געוואָהנט אין אַ הייזעל אַ חורבה,
אין באָד־געססעל ערגעץ פאַררוקט,
און דאָרטען געצעהלט זיינע רענדלעך
און צעהן מאָל אַ טאָג זיי באַקוקט...

און ווענן ס׳איז דער קמצן געשטאָרבען,
האָט קיינער ניט גלויבען געקענט
אז איבערגעלאָזען נאָר האָט ער
אַ בעטטעל און פוסטע פיער וועגד...

עס האָט ניט קיין מענש וואו עס ליגען
די אוצרות פאַרבאָרגען געוואוסט

און אָנטהון אין פרעמדע תכריכים
האָט חברה קדישא געמוזט...

און וויסט איז פון דאַמאלס די חורבה
עס וואָהנט ניט קיין נפש אין איהר...
נאָר שלאָגט עס ביי נאַכט צוועלף אַ זייגער,
דאַנן עפענט זיך פלוצלינג די טהיר...

דאַנן קוממט אין תכריכים דער קמצן,
און זוכט מיט דער ביינערנער האַנד,
ער זוכט און ער קראַצט און ער גראַבעלט
און עפענט אַ לאָך אין דער וואַנד...

דאַנן בליסטשען די גאָלדענע רענדלעך
אַרויס מיט אַ געלבליכען שיין—
ער צייהלט זיי און צייהלט אין דער פינסטער
און לעגט זיי דאַנן ווידער אַריין...

דאס וואונדער־קינד

אויפען וואונדער לויפען אַללע,
ס׳קינד איז קוים אַ רגע אַלט
און עס קנייטשט שוין קלוג דעם שטערען,
און זיין אויג מיט חכמה שטראַהלט...

אויפען צווייטען טאָג שוין רעדט עס—
ס׳נעהמט די הייבאַם אָן אַ גרויל—
מאַכט שהכל ווענן די מוטטער
לעגט איהם צו די ברוסט צום מויל...

ווענן עס קוממט דער דריטטער מאָרגען,
זאָגט ער עברי מיט׳ן טראָפּ—
און צום פיערטען טאָג זיך בעט ער
תפלין אויף זיין קליינעם קאָפּ...

נאָך אַ טאָג און זיינע ליפּפּען,
מורמלען אויסווייניג תנ״ך,
באַלד שוין קעהרט ער ש״ס און פּוסקים
יורה דעה מיט׳ן שך...

און מיט ווייסע בערד רבנים
קוממען פון דער וויים אַהער,
יעדער פרעגט איהם שאלות־תשובות—
אַללע, אַללע ענטפערט ער...

דאָך דער נגלה איז איהם ווייניג,
און ער זאָגט שוין זוהר באַלד,
וואַנדערט ווי אַ שטאָלצער יעגער,
דורך קבלה'ס טיעפען וואַלד...

טיעפער העכער אַלס פאַרגעהט ער,
האַלט שוין ביי משיח'ס סוד...
און אין הוילע שרעק געקוממען
איז דער צדיק פון דער שטאדט...

האט דאס וואונדער־קינד באַשוואָרען,
ווערען אויפען אָרט פאַרשטוממט,
ס'זאָלל חלילה ניט אַנטפּלעקען,
ווענן און ווי משיח קוממט...

שטאַרק געוועזען איז די שבועה,
ס'האט גע'פועל'ט דער בעל־שם,
שטומם געוואָרען איז דאָס קינד גלייך,
און געשטאָרבען באַלד נאָך דעם...

די עגונה

אויפן וויסטען בערגעל פאַללען
דער לבנה'ס שטראַהלען קאַלטע,
איינגעהויקערט איינגעדרעהט זיצט
אַ ציגיינערקע א'ן אַלטע...

האַלט אין האַנד אַ בינטעל קרייטער
און ציגיינער־לשון פלוידערט,
נעבען איהר אַ יונגע ווייבעל,
איינגעדעקט אין שוואַרצען שוידערט...

„ווען איך האָב דעם שפּרוך געענדיגט
„קומען וועט דיין מאַן געפלויגען,
„טויט צי לעבעדיג דו וועסט איהם,
„בולט זעהן פאַר דיינע אויגען:

„היגעל־פליגעל, הענדום־פּענדום,
„קומם צו פאָהרען, קומם צו רייטען,
„לעבסטו נאָך, צי ביסט געשטאָרבען
„קומם פון נאָהנטען, קומט פון ווייטען.“

אַזוי שעפּטשעט שטיל די אַלטע,
ס'זיפצט אַ'ן ענטפער די עגונה,

קוקט אין מזרח, קוקט אין מערב
שפּיאַנט און וואַרט מיט גרוים אמונה...

לאַנג ניט דויערט פון דער וויטען
זיך באַווייזט ער, קוממט אַלץ נעהנטער,
ערסט דערזעהט זיך זיין פיגור נאַר,
דאַנן דער פּנים דער באַקענטער...

אבער צוגעמאַכט די אויגען
דאַס געזיכט איז געלל געפּארבען...
און די אַלטע זאַגט: „דיין מאַנן איז,
„קענטיג שוין אַ צייט געשטאָרבען..."

ס'ב לד ווערט נעלם... דער לבנה'ס
שטראַהלען גיבען שטילל אַ ציטער,
ס'פּרעפּעלט אונטער די מכשפה,
די עגונה כליפּעט ביטטער...

דער ארגעל

אַהנט פון אונזער שוהל געשטאַנען
איז אַ'ן אַלטער געלער קלויסטער,
אינעם קלויסטער איז געווען
אַ פאַר'כשופ'ט־זיססער אָרגעל.

בין השמשות, ווענן דער עולם
האָט געקליבען זיך צו מנחה,
און די מגן־דוד־שויבען
פון די שוהל־פענסטער די הויכע,

אין די לעצטע זוננענשטראַהלען
פלעגען רויט ווי פלאַממען גליהען,
דורכ'ען געססעל זיך צוטראָגען
פלעגט דאָס שפילען פונעם אָרגעל...

דונקעל־ווייך ווי שוואַרצע סאַמעט
זיך געראָללט אין גרויען אויר,
און פאַרפלייצט די הערצער אַללע
מיט אַ קלעמעניסס אַ זיססען...

און אַ׳ן אימה פלעגט באַפאַללען,
אַלע קינדער אין דער שכונה,
און די מאַמע פלעגט אונז טוליען
צו איהר הערצען און פלעגט זאָגען :

„יענער אָרגעל וואָס זיין שפיעלען,
קוויקט און קלעמט אַזוי משונה,
שטאַמט ניט אַנדערס, ווי פון אונזער
אַלטען הייליגען בית מקדש...

„אויסגעבויט פון גאָלד און זילבער,
פון בורשטין און אַלאַבאַסטער
און מיט מירמעלשטיין געפלאַסטערט,
איז געוועזען דער בית מקדש...

„און פאַרנאַכט אַזוי ווי איצטער,
ווענן די מעריב־שטראַהלען פלעגען,
בליסטשען אויף די הויכע טהורעמס,
ווי אַ גילדערנע עטרה,

„ווענן דער אבענד־ווינד פלעגט וועהען,
אָנגעזאַפּט מיט מירטען־ריחות
מיט דעם דופט פון טויזענד בשמים,
טויזענד מינים ווילדע בלוממען,

„וועלכע זיינען בלויז געוואַקסען
אויף דעם שעהנעם באַרג מוריה—
דאַמאלס פלעגען יונגע כהנים,
מקריב זיין דעם אבענד־קרבן.

„און קאַפּעליעס פון לוים,
שטעהענדיג אַרום מזבח,
פלעגען שפּיעלען אויף טראָמפּייטען,
און אויף האַרפען און אויף פידלען,

„און אויף אַלערליי כלי זמר,
ביז עס פלעגט דאָס הערץ צושמעלצען
און פאַרגאַנגען אַללע חושים
זיינען איטליכען פון תענוג...

„און פון ווייטע לענדער קוממען
פלעגען פרינצען און מלכים,
זעהן די קונציגע כלי זמר
הערען זייער וואונדער־שפּיעלען...

„און געקליגט זיך יעדער איינער
האָט די כלים נאָכצומאַכען,
דאָך געהאַלטען די לוים
האָבען זייער סוד פאַרשלאָססען...

„און פון איין דור צום דעם צווייטען,
פלעגט זיך ירש'ן דאָס געהיימניסס,
ניט פאַרפרעמדט געוואָרען זיינען
פון בית מקדש די כלי זמר...

„דאַנן געקוממען איז דער חורבן...
הויפענס אַש און ערד געבליבען
זיינען, וואו אַ מאָל געשטאַנען
איז דער גאָלד־און־זילבער פּאַלאַץ....

„און צושלעפּט אין אַלע לענדער
האָט מען די כלי זמר אַללע
ווי דאָס אידיש פֿאָלק, אין גלות
האָבען זיי זיך אומגעטריבען...

„נע־ונד אַרומגעוואַנדערט
ווייט פֿון הייליגען מזבח,
וואו אַ קירכע וואו א קלויסטער—
און געשפּיעלט פֿאַר פרעמדע אומות...

„הערט איהר וואו אַ'ן אָרגעל שפּילען,
און אייך קלעמט אַ זיססער וועהטאָג,
קעננט איהר שווערען פֿון בית מקדש
קוממט דאָס טהייערע כלי זמר..."

רחלים קבר

(פון העברעאיש.)

אויף די פעלדער פון בית לחם
וואו די וועג אין אפרת געהט,
שוין פון יאהרען און פון דורות
אויפגעבויט א קבר שטעהט...

און ווענן אַלם אַרום איז רוהיג
און עס קוממט אָן האַלבע נאַכט
קוממט ארוים אַ פרויענצימּמער
פון דער קבר־גרוב, פאַרטואַכט

צו דעם טייך פון ירדן געהט זי,
קוקט זיך אויף די וועללען איין,
און פון איהרע שעהנע אויגען,
דאָרטען פאַללט אַ טהרער אריין...

שטילל פליססט איין טהרער נאָך דער צווייטער
אָהן אַ קרעכץ אָהן יאממערשטימם
פאַללט אַראָפּ אין ירדן־וואַססער
און צומישט זיך שטילל מיט איהם...

אָהן תכריכים

דער אַלטינקער קברן האָט קריאת־שמע געלייענט,
און שלאָפט שוין גאַנץ רוהיג אין בעטט,
ווער קלאַפט און ווער סטוקעט אין פענסטער און טהירען,
ווער וועקט איהם פון שלאָף אַזוי שפעט ?...

עס כאַפט זיך דער אַלטינקער אויף פון געלעגער,
ער רייבט זיך די אויגען און שילט :
„עס רייסט זיי דער טייפעל, זיי וואַרטען צו־מאָל ניט,
ביז ס'האָט זיך דער טויטער פאַרקיהלט...“

דאַנן טאַפענדיג האָט ער דעם רידעל געפונען,
און עפענט די טהיר מיט אַ ברום,
און ווי נאָר ער עפענט באַלד קומען און רינגלען
איהם נאַקעטע מתים ארום :—

„מע האָט אונז גע'גנב'עט פון לייב די תכריכים,
מיר זיינען איצט נאַקעט און בלויז
מיר קענען ניט דאַוונען אין שול מיט די מתים,
עס איז אונז די חרפה צו גרויסס...

„און קענען שפּאַציערען ניט אומגעהן ווי תמיד
און הערען די מתים־וועלט נײַס,
(דענן לאַנגווייליג ווערט דאָך צו ליגען אין קבר,
און זיין פאַר די ווערים אַ שפּייז).

„און וועסטו אונז נייע תכריכים צו שאַפען,
ניט שווערען ביי פּאות און באָרד,
דאַנן קענסטו פון אונזערע הענד ניט אַנטרינען,
און ווערסט דאַ דערשטיקט אויפען אָרט...“

דעם אַלטינקען קברות־מאַן נעהמט אָן א שוידער,
ער נעהמט באָרד און פּאות און שווערט,
דאַנן ווערען די נאַקעטע מתים פאַרפאַללען,
און שפּרינגען אריין אין דער ערד...

די אלטע שול

דער אַלטער קוקט מיך אָן און זאגט: —
איהר וועט אודאי לאַכען,
איהר זייט חכמים און איהר גלויבט
ניט מעהר אזוינע זאַכען.

נאָר איך בין ווי איהר זעהט אַ איד—
דעם אויבערשטען צו לויבען—
וואָס גלויבט אין וואָס מיין טאַטע און
מיין זיידע פלעגען גלויבען...

און וואָס מיין זיידע האָט דערצעהלט
פון עבר׳דיגע דורות,
דאָס מעגט איהר הערען כאָטש איהר זייט
אַ וויסטער אפיקורוס...

עס איז געוועזן אין גזירת—ת״ח
ווענן אידיש בלוט גערונען,
איז פראַנק און פריי און ס׳האָט זיך גאָר
קיין גואל ניט געפונען...

וואו איצטער זעהט איהר אונזער שול
פון זקנה געלל, צובראָכען,
אַ גאַנצע עדה אידען איז
געוואָרען אויסגעשטאָכען...

די ערד געוועהנט צו אידיש בלוט
האָט זייערם אויסגעזויגען,
און ס'זיינען יאהרען, דורות לאַנג
זינט דאַן אַוועקגעפלויגען...

פון גזרת ת"ח אַ זכר איז
אין פנקס נאָר געבליעבען,
און נייע אידען האָבען זיך
אין שטאדט אַריינגעקליבען—

די נייע קהלה וואָס אַ טאָג,
פלעגט וואַקסען און זיך מעהרען
און ווי דער שטייגער, פון אַ שול
גענוממען האָט מען קלערען.

דאַנן צו דעם פרנס פון דער שטאדט
באַוויזען אין אַ חלום
זיך האָבען די דער'הרג'טע,
און אַללע מיט אַ מאָל איהם,

געבעטען האָבען וויינענדיג
און הייליג איהם באַשוואָרען,
די שול זאָל שטעהן וואו זייער בלוט
פאַרגאָססען איז געוואָרען.

אָ'ן עדה מתים... געה זאָג אָב
אַזאַ פערלאַנג איז קודש
און טאַקי דאָרטען האָט די שול,
געבויט דער פרנס־חודש...

זינט דאמאלס געהען ניט ארויס,
פון אונזער שול גאָטטס ווערטער,
דאָ דאַוונענדיג דאָ לערנענדיג
סיי טאָג סיי נאַכט דאָרט הערט איהר...

און טרעפט זיך אז אַ מאָל ביינאַכט
דער משמור כאַפּט אַ דרעמעל,
דאַנן הויבט אָן רוישען פון דער ערד
אזוי ווי אַ געזעממעל...

דאַנן הערט מען ווי אַ מחנה, פון
די אויסגעשלאַכטע אידען
פון אונטער דער פאָדלאָגע קלאַפּט,
און פילדערט אונצופריעדען...

ביז ס'כאַפּט זיך אויף אין הוילע שרעק
דער יונגערמאַנן דער מיעדער,
און הויבט אָן לערנען אויפ'ן קול—
דאַנן ווערט עס רוהיג וויעדער...

דער צעהנטער צום מנין

די נאַכט פון יום כפור קוקט הייליג ארונטער
מיט טויזענדער גאָלדענע אויגען,
אַזוי ווי א יום טוב'דיג סאַמעט פרוכת,
דער הימעל די וועלט האָט באַצויגען...
די גאָלדענע אויגען זיך מעהרען און מעהרען...
עס שטעהען נ י י ן אידען און קנייטשען דעם שטערן,
צום דאַוונען די צייט רוקט זיך נעהנטער,
דאָך קענן זיך דער חזן ניט שטעללען צום עמוד,
און זינגען „כל נדרי" און „יעלה" ווי תמיד,
עס פעהלט זיי צום מנין א צעהנטער...

באַקלעמט איז דאָס הערץ זיי, שוין דאַוונען ביחידות
וועט מוזען די קליינע קהלה
מע וועט צו־מאָל קדיש ניט קענען היינט זאָגען
ניט ענטפערען אמן אפילו...
אָ גאָטט צו ניט קענסטו אַ וואונדער באַווייזען ?—
און פלוצלינג... באַמערקט נאָר... מיט האַסטיגע שפרייזען,
אַ גרייז־גראָער איד איז געקוממען ;
אַוועק שוין די מורא, אַ דאַנק צו זיין נאָמען,
מ'עט קדיש שוין זאָגען און ענטפערען אמן—
און שנעלל זיך צום דאַוונען גענוממען...

דער גרייז־גראָער גאַסט שטעהט אַלליין אין אַ ווינקעל,
ער רעדט מיט קיין מענשען אַ וואָרט ניט,
ער קוקט אין זיין מחזור אַ גאַנצען מעת־לעת נאָר,
ער ריהרט זיך צו־מאָל פון זיין אָרט ניט,
אַזוי ווי ער וואָללט ניט געהערען צום צבור...
דאָך ווי נאָר דער הייליגער טאָג איז אריבער
און אַללע אַ היים זיך געקליעבען,
האָט פלוצלינג דער אורח באַדעקט זיך מיט שטראַהלען,
פאַר אַללעמענס אויגען געוואָרען פאַרפאַללען,
קיין שפור איז פון איהם ניט געבליעבען.

דאס פארלאשענע ליכט

הײנטיגס יאהר אזוי ווי תמיד
ווען יום כפור קומט, ביין עמוד,
שטעללט די פרומע חנה לאה,
זיבען וואַקס־ליכט אין איין רייהע,
זיבען ליכט פאַר זיבען קינדער,
אום עס זאָל פון זיי ניט מינדער,
חס חלילה קיינער ווערען...
הײנטיגס יאהר געוויינט אין טהרערען,
שטעהט זי אין דער שול צוביטטערט,
און איהר הערץ פון שרעקען ציטערט,
און זי כליפּעט אויף איהר מחזור:
„גאָטט, צי ווערסט אַזאַ'ן אכזר
זיין, און מיין געבעט פאַרשעמען,
און מיין עופה'לע מיר נעהמען,
מיין מיזיניקעל דעם ליעבען,
וואָס דערהיים איז קראַנק געבליבען...“

אין דער שוהל די מאַמע כליפּעט,
אין דער שטוב דאָס קינד איהרר כריפּעט,
זיך מיט לעצטע כחות מאַטטערט,
צווישען טויט און לעבען פלאַטטערט,
דאָך די אויגען פון דער מאַמען,
קוקען אויף די זיעבען פלאַממען,
און זי צעהלט זיי: „זיעבען... ריכטיג...
„אַללע ברענען קלאָר און ליכטיג,

„העלל פון יעדען קנויט דער גלאַנץ נאָך,
„אַללע קינדער זיינען גאַנץ נאָך...
ווענן די זיעבען פלאַממען שטיללע,
וועללען ציהען איבער נעילה,
וועט זי קלאָר און זיכער וויססען,
אַז מע האָט דעם גזר צוריססען...

אבער פלוצלינג... וואָס באַמערקט זי?—
און אַ שוואַרצער פחד ווערגט זי
איינער פון די קנויטען פונקעלט
שוואַכער, שוואַכער... ווערט פאַרדונקעלט
צאַנקט און ציטטערט און זיך ראַנגעלט
ווי עס וואָלט איהם לופט געמאַנגעלט,
ווי די נוצלאָזע מלחמה,
פון אַ׳ן אָרעמער נשמה
ווענן דער טויט מיט שוואַרצע פליגלען,
קוממט איהר גורל צו פאַרזיגלען...

שרעק פאַרפרירט דאָס הערצענסבלוט איהר,
און די וויינענדיגע מוטטער,
לויפט אַ היים צום קינד אָהן אטהעם,
דאָך דער מלאך המות האָט איהם,
איידער נאָך זי איז געקוממען,
ס׳יונגע לעבען צוגענוממען...

ס׳קלאגט די מוטטער אויפען טויטען...
אין דער שול פון זיעבען קנויטען,
ברענען זיינען זעקס געבליעבען—
ש ו ו אַ ר ץ איז איינער פון די זיבען...

די רייניגקייט

אין ווינקעל בית הקבֿרות שטעהט
אַ קבר ווילד פאַרלאָזען,
עס פלאָנטערען אין קאָלטענס זיך
יאהר איין יאהר אוים די גראָזען.

איהר זוכט אומזיסט „פה נקבר'ס" דאָרט
ס'שטעהט קיין מצבה־שטיין ניט,
דענן אונטען ליעגט קיין בר־מנן
קיין מענשליכע געביין ניט...

און פרעגענדיג דערוויססט איהר זיך,
פון קברות־מאַן דעם אַלטען,
דאָ האָט מען יאהרענלאַנג צוריק
אַ „רייניגקייט" באַהאַלטען.

ז'האָט גאַנצע דורות דורכגעלעבט,
גאָטט ווייסס ווי פיעל עליות,
ביז פסול זיינען מיט דער צייט,
געוואָרען די יריעות...

און ס׳פוילט דער פאַרמעט אין דער ערד
דאָך גאַנץ די אותיות זיינען,
און ווענן דאָס פעלד אין נאַכט זיך קליידט
און שטערען נעהמען שיינען...

דאַנן איינציגווייז די אותיות׳לעך
אַרוים פון קבר קריכען,
און טאַנצען אום אין גרינעם גראָז
ווי פייערדיגע שטריכען.

זיי פלאַטטערען און פלאַקערען,
אין אבענד׳דיגען אויר,
ביז יעדער אות געפונען האט
זיין שכן און זיין חבר...

דאַנן רייהען זיי אין ווערטער זיך,
אין שורות ווי פאַרצייטען,
און פינקלען אין דער שוואַרצער נאַכט
ווי יאהרצייט־ליכט פון וויטען...

די קליינע קינדער

אויסען שטעדטעל נעבען וועלדעל,
אין אַ פוסטע טהאָל,
וואו די שוואַרצע קראָהען קרעכצען
מיט אַ הייזריג קול...

וואו מע וואַרפט אַוועק נבלות,
טויטע פערד און הינד,
און עס וואַקסען סמי־מות,
שוואַרץ אזוי ווי טינט—

דאָרט איז דאָ אַ זומפּ אַ טיעפער,
און סיי פּריה סיי שפּעט,
קוואַקען קרעכצען דאָרט די זשאַבעס,
ווי מיט אַ געבעט...

און מע זאָגט: די קליינע קינדער
ווערען דאָרט געבראַכט,
וואָס דער אשמדאי דער שוואַרצער,
גנב׳ט־צו ביי־נאַכט...

און זיי ווערען באַלד מגולגל
און צו זשאַבעס גלייך,
און זיי קלאָגען און זיי קוואַקען
פונעם טיעפען טייך..

צוויי יאהרצייט-ליכט

דער שמש פון קלויז צינדט צוויי יאהרצייט-ליכט אָן
ער שטעללט זיי צוזאַממען גאָר נאָהנט,
די קנויטען זיי קוקען זיך אָן אזוי טרויריג—
זיי האָבען זיך ביידע דערקאנט...

די פייערלעך נייגען זיך איינס קעגען ס׳צווייטע,
דאָס זיינען נשמות אַ פּאָאָר—
אין זעלביגען טאָג זיינען ביידע פאַרגאַנגען,
און היינט איז געוואָרען אַ יאהר...

א גהעטטא־לעגענדע

צום גאון, א ריטטער מיט גאָלדענע שפּאָרען,
קוממט יעטוועדע נאַכט שטיללערהייד,
מיט פעדערן באַפּוצט איז זיין גלאַנציגער קיווער,
זיין ברוסט איז מיט סאַמעט באַקליידט...

אין אָרעמען צימער, וואו ס'צאַנקט פון א לעמפּעל
דער מאַטטער און עלענדער שיין,
דער קריסטליכער פּרינץ זיצט און הערט צו די חכמה
פון אידישען גאון זיך איין...

דאָך איידער עס הויבען די גלאָקען אָן קלינגען
צום מאָרגענגעבעט, אין דער שטאָדט,
זיך גנב'עט דער ריטטער ארויס פון דער גהעטטאָ,
און קיינער דערגעהט ניט זיין סוד...

דער רב זיצט און לערענט... זעהט קיינמאָל ביי טאָג ניט
דעם פּרינץ וואָס ביי נאַכט איהם באַזוכט,
אין תלמיד'ס געדאַנקען און עובדות נאָר ווייזט זיך
פון רב'ס קלוגע לעהרען די פרוכט...

דאָך רייט אָפט דער פּרינץ מיט זיין גלאַנצענדער סוויטע,
ביי טאָג דורך די גהעטטאָ און קוקט
פאַרטראַכט אויף דאָס הויז וואו זיין אידישער רבי
אין דחקות און שמוץ לעבט פאַררוקט...

דער הרוג

רב זלמן, רב קלמן צוויי סוחרים,
גערייזט האָבען ווייט אין מרחקים,
אין לעדערנעם גאַרטעל האָט יעדער
געטראָגען אַ שלל מיט ממתקים.

גערייזט און געשפּאַנט ביז זיי זיינען,
אין ערגעץ אַ שטאדט אָנגעקוממען,
ביין טהויער האָט איינער פון צווייטען,
אַ הייליגע שבועה גענוממען:

ווערט איינער חלילה דער'הרג'עט,
און קוממט ניט אַ היים מעהר בשלום,
ער זאָלל צו זיין חבר גלייך קוממען,
די כריכט צו מעלדען אין חלום...

און איינמאָל ביי נאַכט אין אכסניא
עס לאָזט ניט רב זלמן'ען שלאָפען,
זיין חבר אַ טויטער איהם נוקעט:
„עס האָט מיך אַ'ן אונגליק געטראָפען...

„מע האָט מיך באַרויבט און באַ׳גזל׳ט
מע האט מיר דאָס לעבען גענוממען,
און קוממסטו ניט גלייך, מיין געביין וועט
צו קבר ישראל ניט קוממען...

„אויססען שטאדט איז א חורבה פאַראַנען,
דערביי אין אַ ברונעם אַ׳ן אַלטען
פאַרשטאָפּט שוין פון יאהרען, דאָרט האָבען
די מערדער מיין קערפּער באַהאַלטען.“

עס מאַכט ניט רב זלמן קיין שהיות
ער זוכט אין דער פינסטער דעם ברונען,
אין ברונען רב קלמן׳ען האָט ער
אַ קאַלטען אַ טויטען געפונען...

לקבר ישראל געבראַכט האָט
דעם חבר דער טרייער רב זלמן—
באַוואַקסען מיט מאָך די מצבה
נאָך שטעהט אויף דעם אַלטען בית עלמין

די עליה

די שטערן צושטאַרבען, עס שפּראַצט אויף באַגינען,
אוּן גראָ ווערט פון מזרח די וואַנד,
דער שמש ער געהט שוין באַצייטענס צום דאַוונען,
די שליססלען פון שול אין דער האַנד.

ער פּרעפּעלט „מה טובו“ און עפֿענט די שול־טהיר
דאָך גיט ער זיך פּלוצלינג אַ כאַפּ,
פאַרגעססען אין איילעניסס האָט ער צו געבען,
ד ר י י מ אָ ל אין די טהירען אַ קלאַפּ.

און קוים האָט ער איבער די שוועלל נאָר געטרעטען,
ער קען שוין ניט געהן מעהר צוריק,
אַ מחנה פון מתים אין קיטטלען פאַרוויקעלט,
צושראָקען דערזעהן האָט זיין בליק...

דאַנן הערט ער פון בימה זיין אידישען נאָמען,
„יעמוד רב שלתיאל חזק“...
עס ברעכען די פיסס איהם, דער מח איהם שווינדעלט,
אין הערצען איהם ווערט ניט געשמאַק...

עס רופען די מתים... און איינער דערלאַנגט איהם
א קיטטעל, ער ווייסס גאָר ניט ווער,
מע לייענט און לייענט איהם פאַר אין דער פינסטער,
ביז ס'הערט שוין דער שמש ניט מעהר...

ווענן שפּעטער אין שול איז דער מנין געקוממען,
דער אַלטער האָט מעהר ניט ערוואַכט,
די מתים מיט זייער עליה באַגינען,
איהם האָבען די אויגען פאַרמאַכט...

דער תקון

רוחם דער קצב ליגט גוסס צום שטאַרבען,
און שיקט הענדום־פענדום צום רב :
„אַ רבי, איך וויל זיך מתודה זיין איצטער,
בעפאָר עס וועט קוממען מיין סוף...

„משונה׳דיג שווער זיינען מיינע עבירות,
עס צופט מיין געוויססען און רייסט,
כ׳האָב צעהנדליגער יאהרען געזינדיגט בשתיקה
דעם עולם מיט טרפות געשפייזט...

„פאַרקויפט טרפה־פלייש און פאַרקויפט טרפה־ביינער,
דורך מיך האָט גע׳חוטא׳ט אַ וועלט,
איצט דאַכט מיר ווי מיינע געשטאָרבענע קונדען,
מיר האָבען ביים בעטט זיך געשטעללט.

„זיי רייססען און קנייפען מיר רוקען און לענדען,
זיי שטעללען אַרוים מיר אַ צונג,
דער איינער מיר פראַסקעט אין פנים אַ לעבער
דער צווייטער מיך פאַטשט מיט אַ לונג...

כ׳האָב צעהנדליגער יאהרען בשתיקה געזינדיגט,
דאָך איידער עס איז נאָך צו שפּעט,
פאַרלאַנג איך, אַ רבי, איהר זאָללט מיין נשמה,
פאַרריכטען מיט אייער געבעט...״

דער רב האָט פאַרשפּראָכען, דער קצב געשטאָרבען,
און מ׳האָט איהם געבראַכט אין זיין רוה׳,
דריי טעג האָט געבלאָנזשעט דעם קצב׳ס נשמה,
דאַנן איז זי אַריין אין אַ קוה...

די קוה האָט זיך תיכף אין שטעדטיל באַוויזען,
דער רב האָט פאַרשטאַנען דעם סוד,
און באַלד ווי דער עולם נאָר האָט זיך פערזאַממעלט,
געשיקט נאָכען שוחט פון שטאַדט...

דער שוחט געמאַכט האָט אַ ברכה און „אמן“
געשאנקען האָט איטליכע ליפּ...
געקוילעט די קוה... און דער רב אין איהר כאָרכלען
דערקענט האָט דעם גוסס׳ען כריפּ,

פון פעטען און זינדיגען קצב ירוחם;
איהם האָט זיך געדאַכט ווי ער זעהט,
דעם טויטען׳ס נשמה וואָס פליהט אין גן־עדן,
געלייטערט פון פינסטערען חטא...

די טויטע קהלה

אין מעריב־צייט לאָזט זיך די זונן שוין אַרונטער,
אַזוי ווי אַ גילדערנער ראָד,
דער שבת קוממט אָן און אין וועג איז רב שלמה
און הונדערטע מייל פון א שטאדט.

דאָך קפיצת הדרך ביי איהם איז אַ שפּיעלכעל,
דאָס ריכטיגע וואָרט נאָר געזאָגט,
און ס׳פיהלט דער בעל מופת אַזוי ווי אַ וואָלקען,
אויף פליגלען פון שטורעם איהם טראָגט...

געפלויגען, געשוועבט איבער בערג, איבער טהאלען,
ביז פּלוצלינג דערגרייכט האָט דער רב,
ניט ווייט פון אַ וואַלד אַ געדיכטען, אַ שטעדטעל
פאַרזונקען אַזוי ווי אין שלאָף...

ער קלאַפּט אין איין הויז און ער קלאַפּט אין דאָס צווייטע,
מע הערט ניט קיין מענשליכען קול...
ער קוקט אין די פענסטער, ער עפענט די טהירען,
און זעהט ניט קיין נפש צו־מאָל...

עכט־שבת׳דיג זיינען די בעטטען באַצויגען,
געגרייט מיט מאכלים דער טיש,
עס בלאַנקען די לייכטער, דער קדוש־וויין פונקעלט,
עס שמעקען די חלות נאָך פריש,

דאָך הערט זיך קיין שאָרך ניט, מע זעהט ניט קיין לעבען—
די שטילקייט פון גרוב וואָס באַטייט ?—
עס בלאָנדזשעט דער רב דורך די ליידיגע גאַססען,
דאַנן זעהט ער אַ שוהל פון דער ווייט...

ער לאָזט צו דער שוהל זיך און דאָרטען געפינט ער,
אַ׳ן עדה מיט מענשען געדיכט,
אין טלית און קיטעל שטעהט יעדער ביין סטענדער,
צו־קאָפּען ביי יעדען אַ ליכט...

מע דאַווענט און ס׳זינגט „לכה דודי" דער חזן,
דאָך ווערט עס רב שלמה׳ן גאָר באַנג,
עס קלינגט עפּעס פרעמד און משונה דער נגון,
עס קלינגט ווי אַ טויטענגעזאַנג.

אַזוי איז דער עולם געשטאַנען געדאַווענט,
אַ גאַנצען מעת־לעת נאַכאַנאַנד,
דאַנן איינציגווייז האָבען די ליכט זיך צולאָשען,
ווי דורך אַ פערבאָרגענע האַנד.

און איינציגווייז זיינען זיי אַללע צושטאָרבען...
מיט שמות נאָר הייליגע האט
באַשוואָרען רב שלמה דעם שמש, ער זאָל איהם,
פאַרטרויען דעם שרעקליכען סוד :

„מיר האָבען אַ מאָל זיך פאַרצייטען פאַרזאַמעלט—
ס׳איז גראַד ערב שבת געווען—
אויף גלות השכינה צו וויינען און בעטען,
אַז באַלד זאָלל די גאולה געשעהן...

„געקלאָגט אַזוי לאַנג האָט דער עולם ביז יעדען,
איז שטילל די נשמה אַרוים,
און קדוש צו מאַכען איז קיינער פון אונז ניט,
געקוממען צוריק אין זיין הויז...

„שוין דורות פאַרגאַנגען דאָך שטעהען ווי דאַמאַלם
די מתים, אין קיטלען געקליידט,
פון שווערען און אייזערנעם שלוממער באַצוואונגען,
שטעהט יעדער צום סטענדער געקיים.

„דאָך ווי נאָר דער הייליגער שבת באַווייזט זיך,
לעבט אויף פון־דאָס־ניי יעדער מת,
עס צינדען די ליכט זיך און ס׳דאַוועגט דער עולם,
און ווענן עס פאַרגעהט דער מעת־לעת,

„פאַרלעשען די ליכט זיך, צושטאַרבען מיר אַללע,
אין פינסטערע שאָטטענס פאַרדעקט,
און קיינער פון אונז וועט פון שוהל ניט אַרויסגעהן,
ביז שופר משיח אונז וועקט...

די ווערטער געענדיגט... דער שמש שטאַרבט אויך שוין,
זיין לעבען עררייכט האָט דעם גבול,
עס בלייבט דער בעל מופת רב שלמה אַלליין, מיט
דער טויטער קהלה אין שול...

מעשה שטן

א טרפה׳נע מאַכט האָט דער שטן,
אונ קונציג אין גיהנום פאַרפיהרט,
מיין באָבע דערצעהלט מיר אַ מעשה,
וואָס יאהרען צוריק האָט פּאַסירט...

ס׳איז ערב יום כפור געוועזען,
עס קלייבט זיך דער עולם אין שול,
די הייליגע נאַכט פאַללט ארונטער,
די הערצער מיט שרעק ווערען פולל...

אַ פּיש האָט אין וואַססער געציטטערט
דער וואַלד האָט די מורא געפיהלט,
נאָר צוויי יונגע לייט אין אַ קעללער
אויסען שטאדט האָבען קארטען געשפּיעלט.

זאָגט איינער צום צווייטען : „עס איז צו
„כל נדרי אַ שעה אויב ניט מעהר,
„אָט לאָמיר נאָך שפּיעלען אַ ווייל ע,
„דאַנן געה איך אין שול מיטען שווער...

„אַט צינד איך אַ גראָשענע ליכטעל,
„וואָס מעהר ווי אַ שטונדע ניט ברענט,
„וועט אויסגעהן דער קנויט פונעם ליכטעל,
„דאַנן נעהמען צום שפּיעל מוז אַ׳ן ענד...״

און ווייטער געשפּיעלט האָבען ביידע,
כל נדרי איז לאַנג שוין פאַרביי,
די נאַכט איז אַריבער עס קוממט שוין,
דער עולם אין שול פון־דאָס־ניי...

שוין מוסף, שוין נעילה... דער חזן
פאַרגעהט אין אַ לעצטען געוויין,
און ס׳שפּיעלען און ס׳שפּיעלען די חברה,
עס וויל ניט דאָס ליכטעל פאַרגעהן...

ערסט שפּעטער נאָך צאת הכוכבים,
דער שמש די שול האָט פאַרמאַכט,
פאַרלעשט זיך דאָס גראָשענע ליכטעל,
און ס׳האָט זיך דער שטן צולאַכט...

לירישע ליעדער

נאַקעטע נשמות

(אָדער אידעאַלען.)

נשמתין דאזלין ערטילאין...

אין דעם אוצר הנשמות,
ווערען יעדען טאָג באַשאַפען,
פאַבריצירט נשמות נייע —
פאַבריקאַנט איז גאָט־כביכול.

איטליך איינע פון די לייכטע,
ליכטיגע בעשעפעניססען,
טראָגט אויף זיך די קונציג חתימה,
אויפגעדריקט פון בורא׳ס פינגער,

טראָגט אויף זיך דעם העללען זיעגעל
וואו מיט רעגענבויגען־פאַרבען,
אויסגעמאָלט די קרוין פון גאָט איז,
צלם אלהים גערופען...

און אין יעדוועדע נשמה,
ווענן זי ווערט פון גאָט געשטעמפעלט,
טריפט אַריין אַ קליינער טראָפפען,
געהט אַריין אַ קליינער נצוץ,

פון דעם געטטער־חשק, תמיד
עפּעס אויפצוטהון און מאַכען
נייע וועלטען, נייע לעבענס,
און באַשאַפען יש־מאין׳ס...

פון דעם גייסט וואָס ווילל קיין רוה ניט,
וויל קיין אַנדערע בעלויהנונג,
ווי דאָס פרייען־זיך און שטאָלץ זיין,
מיט דער שעהן־פאַרריכטער אַרבייט—

אָט פון יענעם גייסט און חשק,
און דעם וואונש צו זעהן ארום זיך,
אַלסדינג ווערען שענער בעססער—
קריגט אַ חלק די נשמה...

אבער הונדערט לאַנגע יובלות,
וואַרטען אָפטמאָל די נשמות,
ביז עס פאַללט אויף זיי דער גורל
אין אַ גוף זיך צו באַקליידען...

יעדע רגע אונגעדולדיג,
וואַרטען, האַררען זיי אויף יענעם
בת קול, וואָס ארונטערשיקען
וועט אין מענשליכער געשטאַלט זיי...

אבער וועניג די באַגליקטע,
מעהרער די וואָס מוזען בלייבען,
מוזען בלייבען, מוזען וואַרטען,
ביז צו זיי די רייה׳ וועט קוממען.

און עס שמאַכטען די נשמות,
אין דעם בשמים׳דיגען אויר,
חלש׳ען אַוועק פון לויטער
אומשוועבען, און גאָר ניט אויפטהון.

גאָרניט אויפטהון, גאָרניט שאַפפען,
נאָר פאַרברענגען טעג און יאהרען,
זמירות זינגענדיג צוזאַממען,
מיט די לופטיגע מלאכים,

און פאַר׳חלומ׳ען דאָס לעבען,
שפּיעלענדיג זיך מיט געדאַנקען־
זייפענבלאָזען וועלכע זיינען,
פּרעכטיג־שעהן נאָר אָהן ממשות...

ווי האַרמאָניש ־ זיססע טענער,
וועלכע בייטען זיך און בויען,
גאַנצע וועלטען פון געפיהלען,
און פאַרגעהען אהן אַ רושם.

הוילע שפּינוועבס־אידעאַלען,
וועלכע וויללען אַלץ און קענען
גאָרניט, און אין טהאַטען,
ווערען קיינמאָל ניט פאַרגליווערט...

* * *

אַזוי ביינקען זיי און שמאַכטען
דאָרט, די נאַקעטע נשמות,
וואַרטענדיג אויף זייער גורל,
אין אַ גוף זיך צו באַקליידען.

ווענוס און שולמית

(דער מאָטיוו איז פון פרץ'ס.)

.1

פון דעם שוים אַרויס שפּרינגט ווענוס,
ווייס ווי שוים איהר קערפּער איז,
איהרע דופטיג יונגע גליעדער,
טאַנצען ווי די וועללען זיס...

ביי דעם ים־זוים זיך צוליגט זי
ווי אַ גרויססע וואַססער־בלומם,
קוועלט פון זיך אַלליין און קוויקט זיך,
מיט דער שעהנער וועלט ארום.

זיידענווייכע גינגאָלד לאָקקען,
פון דער העללער זונן געקוססט,
פאַללען פלאַממענדיג אַרונטער,
אויף דער אַלאַבאַסטער ברוסט...

איהרע ליפּפּען רויט געפאַרבען,
פון יופּיטערס האַנד אַלליין,
האַלב אַנטפּלעקען, האַלב פאַרדעקען,
איהרע פּערעל־ווייסע צייהן...

און די בלאָע אויגען לאַכען,
גרייטען חציפיש זיך צום זיעג,
באַלד אַ'ן אבזאג, באַלד אַ צוזאָג
פון גן־עדן, איז דער בליק...

האַסטיג שפּרינגען צו די װעללען,
לאַסטשען זי מיט װייכער צונג,
און דער אַלטער ים פון ליעבע,
איז געװאָרען װיעדער יונג...

װי אַ זיססער דופט די בשורה,
װעהט און הילכט דורך װאַלד און פעלד:
„װענום פונעם שוים געבאָרען,
לאַכענדיג רעגיערט די װעלט...“

.2

אין דעם שעהנעם טהאל פון שרון,
װאו די שטילע רויזען דופטען,
װאו די שלאַנקע פּאַלמען שטרעקען
זיך פאַר'חלומ'ט אין דער לופטען—

מיט די רויזען און די פּאַלמען,
אויפגעװאַקסען איז שולמית,
ס'איז געװוען איהר װיעג די לאָנקע,
די נאַטור געװוען איהר אַמם איז...

פריש און דופטיג איז איהר פנים,
ווי אַ בלומם מיט טהוי באַלאָדען,
איהרע אויגען— שוואַרצע טויבען,
וואָס אין ווייססען מילך זיך באדען.

און זיי שטראַהלען און זיי גליהען,
דאָך מחיה'דיג די פלאַמם איז,
ווי דער זיססער שטערען־שיממער,
אין די קלאָרע נעכט פון תמוז...

און שולמית זוכט ניט שקלאַפען,
וואָס איהר זאָללען ליעבע שווערען;
וויל ניט פון ענטציקטע ליפפען,
פון איהר חן די שבחים הערען—

אין דער שטילקייט פון די טהאלען,
וואו זי פיטטערט איהרע לעממער,
וואו דעם פאַסטוך'ס פייפעל צויבערט,
מיט זיין איינפאַך־זיססען זמר—

דאָרטען פליססט איהר לעבען רוהיג,
ווי עס פליססט אין וואַלד אַ קוועלכעל,
ווי עס זינגט אין וואַלד אַ פויגעל,
און צוטרעללט זיך אויף זיין קול'כעל,

אין דעם שאַטטען פון די בוימען,
ניט־באַמערקט און אבגעזונדערט—
ניט ער ווייסס און ניט איהם קיממערט,
אויב זיין זינגען ווערט באַוואונדערט...

צוויי תפלות

עס בעט זיך תחנונים אַ בלומם,
וואָס וואַקסט אין דער וויסטע אַלליין :
„באַשעפער פון הימעל, ניט־שוין וועט
מיין יוגענד אין מדבר פאַרגעהן,
נאָך איידער מע האָט מיך באַוואונדערט,
און זיך מיט מיין ריח געקוויקט ?—
ניט־שוין וועל איך קיינמאָל ניט ווערען,
פון ליעבענדע פינגער געפּליקט ?—

עס יאממערט אַ צווייטע אין גאַרטען—
מיט שרעקען ערוואַרט זי די הענד,
וואָס וועללען זי רייססען און מאַכען,
איהר רוהיגען וואַקסען אַ׳ן ענד :—
„באַשעפער פון הימעל, וואָס האָסטו
פאַר מיך אַזאַ גורל באַשעערט,
צו ווערען געליעבט און באַוואונדערט,
און ווערען פון ליעבע צושטערט...

עס קלאָגען די בלוממען באַזונדער,
ס׳האט יעדע אַנאַנדער פאַרלאַנג,
כביכול ער הערט ביידענס טענות,
און ס׳טהוט איהם פאַר איטליכע באַנג...

דער געפאלענער מלאך

עס האָט זיך פאַרזינדיגט אַ מלאך,
און מ'האָט איהם פאַרשיקט אויף דער ערד,
פאַרטרונקען אַלס מעהר אין עבירות,
דער מלאך מיט יעדען טאָג ווערט.

איהם פעהלען די פליגלען די ווייססע,
די שכינה באַשטראַהלט איהם ניט מעהר,
און ס'פאַללט אויף דעם מלאך אַ'ן אומעט,
ער קעהרט זיך צו גאָטט מיט אַ טהרער:

„רבונו של עולם, נעהם צו מיך,
ווי לאַנג נאָך איך ווייסס און געדיינק,
אַז איך בין א מלאך ג ע ו ו ע ז ע ן —
און פיהל און פאַרשטעה נאָך מיין קריינק...

„רבונו של עולם, נעהם צו מיך,
נאָך איידער דער פונק וועט פאַרגעהן,
וואָס ציהט מיך צוריק צונעם היממעל,
צו ווערען געלייטערט און ריין...

„דער חשק וועט אויך באלד פאַרבייגעהן,
דאָס היממעלשע ביינקען פאַרשווינדט,
דער פונק פון דער שכינה דער לעצטער,
זיך לעשט אין אוקינוס פון זינד...“

פאגאניני

(דער מאָטיוו גענומען פון היינע'ס „פלאָרענטינישע נעכטע“, פּראָזא.)

אויף דעם גרויסען פּאַגאַניני,
פלעגט ארומגעהן אַ לעגענדע,
אַז באַהאַלטען אין זיין פידעל
איז געלעגען די נשמה,

פון דעם וואונדערשעהנעם מיידעל,
וואָס געליעבט מיט אַללע פלאַממען,
פון זיין דיכטערזעעלע האָט ער—
און דערשטאָכען פון גרויס ליעבע...

פלעגט דער יונגער פידעל־שפּילער,
דער מכשף פון די סטרונעס,
שלעפּען זיפצען פון די הערצער,
ציהען טהרערען פון די אויגען—

פלעגט זיך הערען, ווי דאָס וויינען,
ווי דאס בעטען פונעם מיידעל,
פלעגט זיך טראָגען אין דער לופטען,
איהר באַטריבטער בלייכער פּנים...

ס׳רעדט די פידעל, ס׳בעט די פידעל,
און דאָס שעהנע מיידעל טענה׳ט,
זוכט די אייפערזוכט צו שטיללען,
פון דעם אויפגעקאָכטען קינסטלער—

שנעללער ווערען באַלד די קלאַנגען,
יאגען האסטיג מיט רציחה,
און עס פילדערט און עס שטורעמט,
פאַגאַניני׳ס בייזער ענטפער...

שנעללער, העכער, בייזער, ווילדער...
ביז די פידעל פלאַצט פאַנאַנדער,
אין אַ בלוטיג־שטראָם אַ רויטען,
און דאָס כאָרכלען פון אַ גוסס.

מיט אַ מעססער אינעם הארצען,
אויף דער ערד ליגט די געליעבטע,
קוקט מיט שטאַרר־פאַרגלאָזטע אויגען,
אויף איהר מערדער פאַגאַניני...

פלוצלינג האָרכט... די טיעפע טענער,
קרעכצען שווער און שוואַרץ־פאַרצווייפעלט,
אין אַ ים פון מרה־שחורה,
זינקט און טרינקט זיך אַ נשמה...

אויף די קניע שטעהט פאַגאַניני,
דריקקט די הענד דעם טויטען מיידעל,

קוקט מיט ווילדע וויסטע בליקקען,
אויף דעם בלוטיגען סטילעטטאָ...

ס'איז צו שפּעט שוין... זיין חרטה
גיססט זיך איבער אין אַ תפלה,
אין אַ הייססען שטיללען ודוי—
און עס וויינען די מלאכים.

מילדער, ווייכער, מאַטטער, שוואַכער,
ווערט דאָס כליפּען פון די סטרונעס,
אַ פאַרשטיקטער קרעכץ... א יאממער...
דאַנן פאַרגעהט עס אין אַ מורמעל...

לאַנגזאַם זיפצען אוים די קלאַנגען,
קוים וואָס ס'אטהעמט נאָך די פידעל...
פלוצלינג... האָט א מחנה פויגלעך
זיך אין זוממערוואַלד צוזונגען?...

פון דער פידעל רייססט ארוים זיך,
ווי אַ מיידעלשער געלעכטער;
פאַגאַניני קוססט און צערטעלט
אין די אָרעמס זיין געליעבטע...

קוססט די שוואַרצע אויגען איהרע,
שטיפט און שפּיעלט מיט איהרע לאָקקען;
רוימט איהר איין אין אויער סודות,
פון זיין גרויססער הייססער ליעבע...

פונעם בלאָען זוממער־היממעל,
קוקען צו די קליינע שטערען,
און אַרום די גרינע בוימען,
שאָקלען טרייסלען זיך פון תענוג...

* * *

פלעגט דעם קינסטלערס פידעל וויינען,
פלעגט זי לאַכען — שטענדיג האָט זיך
דורכגעוועבט דורך אַללע טרעללען,
יענער גלגול פונעם מיידעל...

מיט אַ כשוף — זאָגט מען — האָט ער
איינגעשפּאַרט ביי זיך אין פידעל
איהר נשמה, ווענן ערמאָרדעט
האָט ער די געליעבטע זיינע...

צוויי בלוממען

איך עפען מיין בוך און געפין
צוויי געלע פאַרוויאַנעטע בלוממען,
און אַלטע זכרונות מיר קוממען,
ווי וואָלקענס באַטריבען דעם זינן...

איין בלומם איז אַ טהייל פון דעם קראַנץ,
וואָס האָט איהרע לאָקקען באַהאַנגען,
ווענן לוסטיג ווי פויגעל־געזאַנגען,
געפלאָכטען זיך האָט זי אין טאַנץ...

עס האָט אויף איהר קבר געשפראָצט,
די צווייטע פאַרטריקענטע בלוממע,
וואו ס'האָט איהר מצבה די שטוממע
מיר קאַלט אין די אויגען געגלאָצט...

צוזאַממענגעדריקט אין מיין בוך,
די בלוממען זיך וועללען ניט שיידען,
זיך מישען וועט תמיד פון ביידען,
דער טויטער פאַרוועלקטער גערוך...

כביכול'ס טעות

ער איז מיט אַ טעות געבאָרען געוואָרען,
כביכול האָט אפשר דעם חשבון פאַרלאָרען,
און האָט איהם באַשאַפען צו שפעט,
געזאָללט האט ער ווערען פון חיל אַ פיהרער,
אַ מעכטיגער צעזאָר אַ שטאַרקער רעגיערער,
און נעביך ארויס — אַ פּאָעט...

אַ דיכטער וואָס מוז ערסט זיין חיל באַשאַפען,
און שמידען פון ווערטער זיך לופטיגע וואַפען,
כלי־זיין פון פראַזען און ווינד...
און ע ר וואָס ארמייען געזאָללט האָט באַפעהלען,
ער פרייט זיך ווענן ער איז דעם עולם געפעלען,
און האָט זיך אַ שמייכעל פאַרדינט...

און אָפט מוז ער קללות פאַרשלינגען— און שלעכטער
ווי קללות— פון י ע נ ע ם המון דעם געלעכטער,
וואָס ע ר האָט רעגיערען געזאָללט,
די קאַלטע ליצנות פון ד י וואָס דערשרעקען
זיין בליק וואָללט, ווענן ער זאָלל זיך פלוצלינג אַנטפלעקען,
מיט קרוין פון דיאַמאַנטען און גאָלד...

פון יענער זייט הימעל נאָר הערשט ער מיט עזות,
און פליהט אין גאַלאָפּ אויף זיין פלינקען פעגאַזוס,

מיט גדלות און שטאָלץ ווי אַ העלד ;
אין עולם־התהו נאָר איז ער אַ מאַכער,
זייז ה ע ל ל י ש ע ג ב ו ר ה ווערט אבער אַלס שוואַכער,
וואָס נעהנטער ער קוממט צו דער וועלט...

* * *

ער איז מיט אַ טעות געבאָרען געוואָרען,
דאָך לעבערט און בויערט דעם דיכטערס זכרון,
דער טעות וואָס גאָטט האָט געמאַכט,
עס ראַנגעלט זיך תמיד אין זיינע געזאַנגען
זיין גייסט, ווי אַ'ן אדלער וואָס פיהלט זיך געפאַנגען,
אַ ריעז אין א תפיסה פאַרמאַכט...

און זינגט ער פון ליבע פון בלוממען און שטערען,
צי זינגט ער פון שמערצען פון זיפצען און טהרערען,
אין איטליכער שורה זיך הערט,
דער קרעכץ פון א לעבען וואָס איז ניט געראַטען,
אַ גרויססע נשמה וואָס איז מעשה שטן,
באַשאַפען געוואָרען פאַרקעהרט...

ראש השנה לאילנות

(דעם 15טען טאג אין מאנאט
שבט עססט מען באקסער און
אלערליי פירות לכבוד דעם
ראש השנה פון די בוימען
וואס פאללט אין יענעם טאג.)

ס'איז א שמחה אין די וועלדער,
ביי די בוימען איז א יום־טוב,
פון באגינען אן א ווינטעל,
טראגט פון בוים צו בוים די בשורה...

דורך די צווייגען גערט א ציטטער,
גערט א שעפטשעריי א זיססע,
און זיי קנאקען און זיך שטרעקען :
„אונזער צייט איז אויך געקוממען..."

האט דער מענש דער וועלט־באהערשער,
שטאלצער מלך פון די חיות,
פון די בוימען און די פלאנצען,
צוגענוממען אלץ אויף דער וועלט—

האָט ער זיי די שטוממע קינדער
פון דער ערד, און זיינע ווייטע
קרובים, אין דעם לעבענס אַלטע,
טיעף פאַרשליעדערטע משפחה,

לאַנג פאַרגעססען, לאַנג פאַרלאָזען
קוממט איהם איין מאָל אין אַ יאהר כאָטש,
אויפען רעיון יענע שייכות,
וואָס פאַרבינדט דעם קלוגען מענשען,

מיט די פלאַנצען און די בוימען,
מיט די גראָזען און די בלוממען,
וואו עס פליסט דאָס זעלבע לעבען,
ווי אין איהם, נאָר אָהן אַ לשון...

אָהן אַ לשון און אָהן ווערטער,
אין אַ'ן אייביגע באַוועגונג,
וואָס א מאָל אַ שטאַפּעל העכער,
אויף דעם לייטער פון ענטוויקלונג...

און עס דענקט דער מענש מיט ליעבשאַפט,
אן די בוימען־ברידער זיינע,
העלפט זיי פייערען דעם יום טוב:
„זייער צייט איז אויך געקוממען.“

* * *

מיט אַ שניי באַדעקט דער וואַלד איז,
ווייססע ראש השנה קליידער,

און דער הימעל האָט צום יום טוב,
אויסגעלייטערט זיך פון וואָלקען.

און די זונן פון לויטער שמחה,
פוצט די ווייס־באַשנייטע צווייגען,
טהוט זיי אָן תכשיטין־שטראַהלען,
און באַשפריצט זיי מיט דיאַמאַנטען.

ווי כלי־זמרים אויפען מאָרגען
פון אַ חתונה, פערזאַממלען
זיך די פייגלעך, און זיי פיפּטשען:
„אייער צייט איז אויך געקוממען.“

ס'איז א שמחה ביי די בוימען,
ראש השנה אין די וועלדער,
ערד און הימעל מענש און חיות,
אַללע ווינשען זיי: „גוט יום טוב“.

דער שטערבענדער דיכטער

אין צימער איז דונקעל און אויף זיין געלעגער,
ליגט גוסס דער אַלטער פּאָעט,
דער מלאך המות, ער גלאָצט שוין די אויגען,
און שארפט שוין זיין שווערדעל ביים בעטט...

פאַרמאַכט האַלט דער דיכטער די אויגען, דאָך זעהט ער,
ווי מורא'דיג שימערט דער שווערד,
איהם דאַכט זיך אַזוי ווי עס טראָגט זיך, אַ צוג־ווינד
אַ קאַלטער פון אונטער דער ערד...

עס שווידערט דער דיכטער, ווי פינסטערע וואָלקענס
געדאַנקען איהם ציהען פארביי :
וואו זיינען די בלוממען, די שטראַהלען וואָס ע ר האָט,
אין לעבען געדיענט אזוי טריי?...

וואו איז די לבנה, די שטערען מיט וועלכע
ער האָט אַזוי נאָהענט געלעבט,
וואו זיינען די פריהלינגס און זומערס וואָס ע ר האט,
אין גראַממען און פערזען געוועבט?...

וואו זיינען די שעהנהייט און צויבער וואָס ער האָט,
אין ל ע ב ע ן געפונען צ ו ש פ ר י י ט,
און האָט זיי אויף גאָלדנע פּאָעטישע פעדעם,
ווי פּערעל צוזאַמענגעריייט?...

און שמערצען אפילו ווענן ער האָט באַזונגען,
ווי אונמוטהיג־זיסס פלעגט עס זיין,
דער טויט איז אַ בילד נאָר פון טרויער געוועזען,
באַקראַנצט מיט אַ הייליגען שיין...

פאַרביטטען איז אַלסדינג... ער פיהלט זיך פאַרשטויסען,
גענאַרט פון דער גאַנצער נאַטור,
שטאַטט שעהנע פאַנטאַזיעס בלויז שוואַרצע סקעלעטען,
פון גלאַנץ און פּאָעזיע קיין שפור...

לבנה און שטערען און בוימען און וועללען,
עס קיממערט ניט קיינעם זיין סוף,
זיי לייכטען און גלאַנצען, זיי בליהען און טאַנצען,
ער שלאָפט באַלד זיין אייביגען שלאָף...

עס יאָגען זיך האַסטיג די שוואַרצע מחשבות,
ווי וואָלקענס אין אָסיען ביי נאַכט,
און אונרוהיג עפענט דער דיכטער די אויגען—
וואָס האָט איהם צו שמייכלען געמאַכט?...

איצט האָט די לבנה געקוקט דורך די שויבען,
געשיינט אויפען בלייכען פּאָעט,
באַלויכטען דאָס פנים, באַלויכטען די לאָקקען,
אַזוי ווי זי וואָללט זיי געגלעט...

עס שמייכעלט דער גוסס... ער פיהלט שוין דעם פריהלינג,
ער שווימממט שוין אין שטראָמען פון ליכט,
און שמייכלענדיג שליסט ער זיין אויג... די לבנה
באַשימערט זיין טויטעס געזיכט...

די רויז

צוזאממענגעדריקט אין איהר קנאָפּ ליעגט די רויז,
און שעמט זיך צו ווייזען אפילו,
עס ווייססען נאָך גאָר ניט דעם אייגענעם ווערטה,
די פאַרביגע בלעטטלעך די שטיללע...

עס קוממען די שטראַהלען און צוכען זיי אויף,
און מונטערען אויף זיי צום בליהען,
די רויז שטעקט איהר קעפּעל אַרויס און הייבט אָן,
פון שטאָלצער פאַרשעמטקייט צו גליהען...

עס טאַנצען די שטראַהלען און פאדען ארום,
און הערען ניט אויף זייער לויבען,
די רויז לאָזט איהר חנ'עוודיג פּנים אראָב,
זי וואַגט ניט די שבחים צו גלויבען...

דאָך פיהלט איהר עניוות'דיג הערץ אַז זי איז,
די מלכה-געקרוינט, פון די בלוממען,
זי שמייכעלט פון גרויסקייט און עפּפענט זיך אויף,
און דאַנקט איהרע פריינד מיט פאַרפומען...

שברי לוחות

איך האָב ווי משה, מיינע לוחות
מיט מיינע הענד צושמעטערט,
איך האָב אַלליין צוהאַקט די בילדער,
וואָס לאַנג האָב איך פאַרגעטטערט...

איצט ליעג איך אויף דער ערד דערשלאָגען,
און קלייב די שברי לוחות,
און וואָס איך האָב מיט כעס פאַרוואָרפען,
איך שמאַכט נאָך דעם און זוך עס.

כ׳קוסם איטליך שערבעלע באַזונדער,
און וואָללט זיך גליקליך שעצען,
ווענן איך זאָלל קעננען פון די שטיקקער,
צוריק צוזאַממענזעצען,

דעם אַלטען לעבעדיגען אָבגאָטט,
וואָס פלעגט מיין גייסט פאַריאָכען,
וואָס איז געוועזן מיין פרייד מיין קוממער,
מיין שמערץ און מיין בטחון...

איך זוך און זאַממעל פּיצלעך־ברעקלעך,
און אָפּט מיך נאַרט מיין רעיון,
אַז מיר איז סוף־כל־סוף געלונגען,
מיין גלויבען צו באַנייען...

דאָך באַלד פאַרגעהט די פאַלשע האָפנונג,
די לעצטע פונקען שטאַרבען,
מיין גאָטט איז טויט... אומזיסטט נאָר דריק איך,
צום הערצען, יעדען שאַרבען...

נאַטור און לעבען

איך בייג זיך צו די בלוממען איין,
זייוויללען מיך ניט קענען,
„די אויגען דיינע —זאָגען זיי—
מיט לוסט פון ראַכע ברעננען...

„פון דיינע ליפּפּען וויהט דער הויך
פון הייססע גיהנום פלאַממען,
און ריהרען זיי אונז אָן— דער קוסס
אונז וועט אויף טויט פאַר'סם'ען..."

דאָס טייכעל פליססט מיט גאָלד באַשפּריצט,
און לויפענדיג, דאָס וואַססער
מיר רוישט ברוגז'דיג: „אַוועק,
דו גאָטט און מענשענהאַססער..."

„געדאַנקען פינסטערע ווי נאַכט,
פאַרכמאַרען דיין געהירען,
און קוממסטו נאָהנט, וועלל איך מיין גלאַנץ
דעם גאָלדענעם פאַרלירען..."

די סאָסנעס פון די בערג אַרום,
זיי רוישען און זיי זאגען :
„וואָס האָט דיך איצט, סמבטיון־מענש,
געבראַכט אַהער צו טראָגען—

„דאָ הערשט די רוה... און דו טראגסט אום,
אין ברוסט מלחמה־שטורעם,
דאָ איז דאָס לעבען גאַנץ... און דו
צופליקסט ביסט פון יסורים...

„אין לעבען וואו דער קאַמפף געהט אָן,
געפינסטו קריעגס־חברים,
די רוהיגע נאַטור דיך האט
אַריינגעלעגט אין חרם.“

הערץ און מח

אויף דעם שלייפשטיין פון ערפאַהרונג,
ווערען שאַרפער די געדאַנקען,
פונעם שלייפען שפריצען פונקען
און מחשבות נייע בלאַנקען...

אויף דעם שלייפשטיין פון ערפאַהרונג,
ווערט דאָס אָרעם הערץ צושייערט,
פונעם שלייפען ווערט עס שטומפּפער,
מעהר פאַרביטטערט און פאַרזייערט.

אמאל און איצט

אמאָל זיינען מיינע געדאַנקען געוועזען,
ווי פויגלעך וואָס זינגען אום זוממער,
אָפּט זינגען זיי פריילִיך, אָפּט זינגען זיי טרויריג,
דאָך זיסס איז אפילו דער קוממער,

איצט זיינען זיי אבער ווי קרעכצענדע ראבען,
וואָס מאַכען דאָס לעבען מיר מאוס,
זיי קרעכצען און רוישען און קלאפּען די פליגלען,
און ברענגען מיר שלעכטע נביאות.

גוף און נשמה

דער גוף איז שוין טויט דאָך עס לעבט די נשמה,
מיט יוגענד און שטרעבען געפיללט,
נו זיצט זי און פינסטערט אַוועק איהרע יאהרען,
איהר קערפּער־קלייד פלוכט זי און שילט.

נאָר אָפטמאָל זיך טרייסט זי מיט פוסטע דמיונות,
פון דעם וואָס געשעהן האָט געקענט,
פון דעם וואָס פאַרריכטען געקענט האָט דער וויללען
מיט קרעפטיגע אברים און הענד...

דאַנן פאַללט זי צוריק אין איהר בלייענעם יאוש,
און פיהלט זיך גאָר שפל און קליין—
דער גוף קענן זיך אפשר באַגעהן אָהן נשמה,
זי קענן זיך אָהן איהם ניט באַגעהן...

ביים קבר'ס ראַנד

איך האָב צו ביינקען אויפגעהערט,
נאָך וואָס געווען אַמאָל איז,
עס וואַרעמט ניט קיין פרייד די ברוסט,
און ס'גאַללען ניט קיין קללות...

עס וואַרעמט ניט די פוסטע ברוכט,
דאס שעטנז-קלייד פון לעבען,
וואו לוסט און ליעבע, פיין און האַסס,
זיך ווילד צוזאַמענוועבען...

דער טומעל פון דער וועלט מיר קלינגט
אַלס וויטער, אָבגעטרענטער,
דער קבר רופט און כ'צעהל די טריטט,
צום ווייסטען ראַנד אַלס נעהנטער...

אָ, תהום פון גאָרנישט, שלינג מיך איין,
צו וואָס נאָך מאַכען שהיות?—
די וועלט איז מיר און איך דער וועלט,
שוין לאַנג געוואָרען מאוס...

קבר־פּטדעם

עס ציהען דורך מיינע געדאַנקען,
וויא פעדעם פון פינסטערען שמערץ,
זיי דרעהען אַזוי ווי אַ שלאַנג זיך
אַרום מיין פאַרוועהטאָגטעם הערץ.

עס שטאַרבען אָב אַללע געדאַנקען,
גיט זיי נאַר דער פאָדעם אַ ריהר,
עס וועלקען די שענסטע געפיהלען
און ווערען פאַרפראָרען אין מיר...

דאָס זיינען די גיפטיגע נעצען,
פון מלאך־המות געשטריקט,
ער ציהט מיך אַלץ נעהנטער צום קבר
און ווערגט מיין נשמה און שטיקט...

די פאעזיע פון יאוש

דו רופסט מיך אָן אַ קלאָגמוטטער,
דו זאָגסט אַז ניט האַרמאָניש
און ניט פּאָעטיש איז אַ ליעד
וואָס האָט קיין העללען טאָן ניש׳...

דו רופט מיך אָן אַ קלאָגמוטטער...
מיין קינד, דאָס יוגענד־לעבען,
הייבט אָן זיך מיט אַ שטראַהלענליעד—
די פּאָעזי פון שטרעבען...

עס האַלט דעם קאָפּ פאַרריססען הויך,
צו שטערען און פּלאַנעטען,
און ווי די פיסס פון נאַכטוואַנדלער
אַ תהום אריבערטרעטען,

פיעל זיכערער ווי דער וואָס וואַכט—
געהט יוגענד לייכט אַריבער,
אין בלינדען צוטרוי צו איהר מאַכט
די קברים און די גריבער...

דאָך קוממט אַ צייט ווענן צוטרוי שטאַרבט,
די פיסם זיי נעהמען וואַנקען,
און ס'בייגט זיך צו דער ערד דער קאָפּ
באַלאָדען מיט געדאַנקען...

און ס'זעהען, קוקענדיג אַראָב
די אָבגעבליאַקטע אויגען,
א'ן אבגרונד אונטער יעדען טריטט
מיט שפּינוועבס דינן פאַרצויגען...

דאָך שאַפט דער שמערץ זיך אויך זיין ליעד,
ווי לוסט און פאַרגעניגען,
דענן יוגענדגליק האָט זיין מוזיק,
פאַרצווייפלונג האָט איהר נגון...

דו האַלטסט ביין ערסטען טהייל... ניט וואַרף
מיין ליעד אַריין אין ביוש,
ווערסט קוממען אויך צום צווייטען טהייל—
די פּאָעזי פון יאוש...

דער סך הכל

(נאך שיללער.)

עשלאָססען דאָס בוך, דער סך הכל געמאַכט,
די אונטערשטע שורה צוזאַמענגעבראַכט,
מיין בוך איז מיט חובות באַשריבען—
דער שיקזאַל מיין שולדנער ערקלערט זיך באַנקראָט,
נאָך אלץ וואָס מיין יוגענד פאַרשפּראָכען מיר האט,
איז הערץ־וועהטאָג בלויז מיר געבליבען...

מיין גורל איך האָב איהם געצויגען שוין לאַנג,
און האָב אויף מיין חלק אַ צעטטעל אַ בלאַנק,
געכאַפּט אין די ציהונג פון לעבען,
דאָך האָב איך געטרייסט זיך געהאָפט און געוואַרט,
זיך שטאָלץ מיט מיין שוואַרצער מערכה געשפּאַרט,
זיך קיינמאָל ניט אונטערגעגעבען...

איצט גיב איך זיך איבער דעם שיקזאַל אין פליען,
צי טייפעל צי גאָטט לאָז זיין וויללען געשעהן,
איך בייג זיך פאַר איהם מיט אַ ציטטער,
און שמייסט ער מיך וואַרט איך געדולדיג און האָף,
אז גיכער צי שפּעטער וועט קוממען מיין סוף,
ווען כ'וועלל ניט מעהר פיהלען די ריטהער...

געשלאָססען דער פנקס, סך הכל געמאַכט,
דאָס הערץ איז געבראָכען, דער מח פאַרשוואַכט,
דאָס בלוט נעהמט פאַמעליך פאַרפריהרען,
דאָך לעבט נאָך דער דמיון און וועבט אין דער שטילל,
און האָב איך אין לעבען פאַרלאָרען מיין ציעל,
ער עפּענט מיר יענע־וועלט טהירען...

דאָרט — זאָגט ער— באַצאָהלט מען דיר איטליכע שולד,
און גיט נאָך פּראָצענט דעם וואָס וואַרט מיט געדולד,
עס געהט ניט אַ פּרוטה פאַרפאַללען,
דער פריהלינג פון לעבען וואָס לאַנג איז פאַרביי,
דאָרט שפּראָצט ער און בליהט ער ארויס פון דאָס ניי,
נאָך רייכער אין בלוממען און שטראַהלען...

אָ, כח הדמיון, דיין טרייסט וואָס דו גיסט,
די זיססע נחמות זיי זיינען אומזיסט,
דו קענסט מיר קיין גליקקען ניט מאָלען;
עס האָט מיך דער שיקזאַל צום קרבן געוועהלט
און דעם וועמען ער האָט אויף דער וועלט פאַרטהיילט,
דעם חוב וועט ער מעהר ניט באַצאָהלען...

די אייביגע פראגע

דעם מענשענ'ס לעבען איז אַ שפּאַנן—
וויִ לאַנג וועט מיינס געדויערן?—
ווער דאַרף מיך לעבעדיגערהייד,
ווער זאָלל מיין טויט באַטרויערן?—

און ניט נאָר איך און דו, ווענן ס'זאָלל
די גאַנצע מענשהייט שטאַרבען,
דער הימעל וואָלט ניט אויף אַ האָאָר,
געביטטען זיינע פאַרבען,

די שטערען וואָללטען קאַלטבלוטיג
געשיינט, דענן זיי פאַרגעהען
וויִ איך און דו, דאָך הערט ניט אויף
דער לעבענס־ראָד זיך דרעהען...

פאַרצווייפעלט פרעג איך אָפט: וואו איז
דער עיקר וואָס אין מיטטען
פון אייביגען פאַרבייטען־זיך
אַלליין בלייבט ניט־פאַרביטטען?—

וואָס פון איהם און צוליעב איהם איז
דאָס וועלקען און דאָס שפּראָצען,
וואָס רוהענדיג אַלליין אַנטפּלעקט
אין אומרוה נאָר זיין רצון?—

וואו איז זיין צוועק?... און וועט ער וועגן,
ערפּיללען זיין כונה?—
צי איז דאָס גאַנצע יאָגעניסס
פון איצטער אַ׳ן הכנה,

פאַר דאָס וואָס וועט ערסט זיין, ווענן ער
זיין אַרבייט וועט פאַרריכטען?
צי האָט ער ניט קיין אַנדער ציעל,
ווי שאַפען צו פערניכטען?—

איך פרעג, און וויים צו־מאָל ניט וואו
ווער קענן אַ טאָלק דערגרייכען?—
די גאַנצע וועלט ארום איז בלויז
אַ גרויססער פראַגעצייכען...

א'ן עגיפטישע געשיכטע

(איבערזעצט.)

שעהן ווי די נאַכט אויפען מדבר באַהאַנגען;
זיסס ווי דעם נאַכטיגאַלס שמאַכטענדע קלאַנגען,
ווענן די געפיהלען און טענער באַטריבטע
גיססט ער ארוים פאַר די רויז זיין געליבטע;
ווייך ווי דער ווינד וועלכער אבענד־צייט שטילל,
שפּיעלט אין די גראָז אויפען ברעג פונעם ניל;
העלל ווי פון מאָרגען דאָס שטראַהלענדע ליכט,
שעהן איז געווען דער פּרינצעססינס געזיכט...

צווישען די שקלאַפען וואָס האָבען געהיט,
טעגליך דער בילד־שעהנער בת־מלכה'ס טריטט,
איינער אַ שקלאַף איז געווען, שעהן און יונג;
טיעף אין זיין ברוסט איז געפאַללען דער פונק
פון דער פּרינצעססינס גע'כשופ'טען חן...
וואו זי פלעגט קעהרען זיך וואו זי פלעגט געהן,
פלעגט זי דעם שטיללען געליבטען דערוויססען,
שטום פלעגט זיין שמאַכטענדעם אויג זי באַגריסען...

איינמאָל איהם זאָגט זי: „דו ליעבסט מיך, טאָ קלייב
„איינס פון די ביידע זיך, ענטוועדער בלייב
„לעבען, דאָך מוסטו פון דאַנען אַנטלויפען,
„אָדער דו מוסט מיט דיין לעבען מיך קויפען...
„דיר די פּרינצעססין איין נאַכט זאָלל געהערען,
„נאָר ווענן דער טאג קוממט געטויט מוסטו ווערען..."

בלייך איז געוואָרען דער שקלאַף און באַרייט
זיך צו אַנטלויפען געמאַכט, דאָך געטייט
איהם האָט די שטאָלצע פּרינצעססין אויף שנעלל,
איידער ער איז נאָך אַריבער די שוועלל.

„וואָללט ער געליבט"—האָט געזאָגט זי—„געבליבען
„וואָללט ער, און ווערט געוועזן ל ע ב ע ן א י ל י ב ע ן,
„ווייל ער האָט ל י ב ע ניט אמת געפיהלט,
„און לעבען באַגעהרט, — האָט ער ביידע פאַרשפּיעלט."

דער צווייטער מבול

ם האָבען זיך לאַנגזאַם צוזאַממענגעצויגען,
די וואָלקענס געדיכט אויף איהר שטערען,
אויף איהר שעהנעם געזיכט איז אַ בליץ דורכגעפלויגען,
געפּלאַצט האָט אַ מבול פון טהרערען...
געציטערט פון שרעק האָט דאָס בלוט מיר אין האַרצען,
געמיינט אַז אָט ווער איך דערטרונקען,
צוריק אין א תהו ובהו אַ שוואַרצען,
ווערט היממעל און ערד באַלד פאַרזונקען.

דאָך האָט ניט די גרויססע פאַרפּלייצונג געדויערט,
דער לאַכענדער בליק פון די נאַסס שוואַרצע אויגען,
האָט לוסטיג באַלד ווידער געשטיפט און גערייצט—
אזוי ווענן פון רעגען די וועלט איז פאַרטרויערט,
באַווייזט זיך אין הימעל דער פאַרביגער בויגען—
אַ סמן, אַז ס'ווערט נאָך די וועלט ניט פאַרפלייצט...

ויתרוצצו

האָט איהר וועגן אַ מאָל געליייענט,
יענע מעשה וואָס דערצעהלט אונז,
ווי אין בויך ביי מוטער רבקה'ן
זיך געצאַפּעלט האָט דער צוויללינג ?—

איידער נאָך אַרויס אויף דער וועלט,
האָט דער קליינער רויטער עשיו,
פולל מיט לעבען, פולל מיט תאוה
שוין געהאַססט דעם שוואַכען יעקב.

שוין געהאַססט דעם שטיללען נכנע
וואָס געלעגען איז פאַרקאָרצעט
אין אַ ווינקעל— אפשר האָט ער
שוין פאָראויס באַקלאָגט דעם גלות...

פלעגט די מוטער נאָר פאַרבייגעהן
ערגעץ וואו אַ לוסטיג הייזעל,
רייססען פלעגט זיך דאַנן, דער קליינער
ניט־געבאָרענער בעל תאוה;

פלעגט זיך אבער איהר נאָר טרעפען,
אויפען וועג א מקום קדוש,
שטומם געלעגען דאָנן איז עשיו
און געשלעפט האָט דער פרומאַק זי.

מיט אַ שווער געמיטה פלעגט נעביך,
שטענדיג זיך די מוטער טראגען,
פלעגט אַ וועלט מיט צרות אויסשטעהן,
פון די שטענדיגע מלחמה,

צווישען לוסטיגען כל־בו׳ניק
וועלכער רייססט זיך צו תענוגים,
און דעם קליינעם ל״ו־ניק,
וועלכער לאבט זיך מיט תעניתים.

יענע אַלטע חומש־מעשה
האָט, מיר דאַכט, אַ גרוים כונה,
עפּעם פלאָנטערט זיך און דרעהט זיך,
די ל ע ג ע נ ד ע מיר אין מח.

בין איך אפשר אַ מין גלגול,
פון דער אונגליקליכער רבקה?—
מיין נשמה איז צושפאָלטען
אויף אַ יעקב און א׳ן עשיו—

איינער ווייסם ניט פון „מע טאָר ניט״,
וויל ניט הערען פון חשבונות,
וויל געניסען און זיך פרייען,
און אריינכאַפּען דעם „איצטער״.

אבער הינטער איהם דער צווייטער,
האַלט די וואַגשאָלען פון שכל,
וועגט און מעסט און חשבונ'ט תמיד,
און פאַרביטטערט מיר דאָס לעבען.

האָט דער ערסטער זיך צוהוליעט,
זיך מיט לעבענסלוסט באַטרונקען,
זיצט דער צווייטער אין אַ ווינקעל,
ניכטער, קאַלט, פאַר'מרה־שחורה'ט.

איז דער צווייטער זיך פאַרגאַנגען,
אין די עולמות עליונים,
ווערט דער ערסטער אונגעדולדיג,
קענן דעם אויר ניט פאַרטראָגען.

ס'ווייססט ניט פריהער וואו צו פאַללען,
די צושפאָלטענע נשמה,
וואַרפט זיך אום אויף אַללע זייטען,
און געפינט ניט קיין מנוחה...

פאַר מיר איז די נאַכט

פאַר אייך נאָר, איהר קינדער פון גליק, איז דאָס ליכט,
פאַר מיר איז די זונן ניט געמאַכט גאָר—
אויף מיך ווענן זי קוקט, אויף מיין עלענד געזיכט,
זי חוזק'ט און לאַכט גאָר...

פאַר קינדער פון גליק העללער טאָג איז געמאַכט,
פאַר זיי בלויז די לוסטיגע שטראַהלען,
פאַר מיר און מיין שמערץ איז דער מאַנטעל פון נאַכט,
צום גורל געפאַללען...

ווענן ס'דעקען זיך שאַטטענס אַזוי ווי אַ טוך,
פון טויט און פון טרויער אַרום מיר,
דאַנן זיץ איך אַלליין אין אַ ווינקעל און זוך,
אַ טרייסט צו מיין קוממער..

און ווענן איך דערהער ווי דער אבענד-זעפיר,
זיך סוד'עט מיט צווייגען און בלעטטער,
דאַנן מיין איך פון מיינע יסורים און מיר,
דאָס זיפצט ער און רעדט ער...

װענן ס׳װערען מיט קלײנינקע זילבערנע שטערען,
די הימלען באַזײט און באַשפּרינקעלט,
דערקען איך אין יעדען אַ׳ן אױג פֿולל מיט טהרערען
פֿון מיטלײד, װאָס פֿינקעלט...

דעם טאָג און דאָס ליכט בין איך מוחל פֿאַר אײך,
איך קען ניט די שטראַהלען פֿאַרטראָגען,
די נאַכט מיט איהר מילדקײט און שטיללקײט צוגלײך,
געהערט די װאָס קלאָגען...

בלוממען און דערנער

(1)

זאָלל איך דיר שענע גירלאַנדען,
פלעכטען פון בלומען און בליטהען?
זאָלל איך דיין גאָלד־קאָפּ באקרוינען
מיט רויזען־און ליליען־תכשיטין? —
די רויזען פאַרלירען,
די העללע קאָלירען,
עס לעבען די ליליען ניט לאַנג...

כ'וועלל דיר פון ריטהמוס און פערזען
פלעכטען, געליעבטע, ראָמאַנצען,
כ'וועלל דיין געשטאַלט און זכרון
מיט בליהענדע ווערטער באַקראַנצען,
עס ווערט ניט פאַרלאָרען,
אין שטראָם פון די יאהרען,
די פרישקייט פון דיכטערס געזאַנג...

פיעל וועללען לעזען און פיהלען,
ליעבע'ס יסורים און ליידען,
נ א כ ט ר ו י מ ע ן וויעדער דעם חלום
וואס גליקליך געמאַכט האָט אונז ביידען..
די ליעבע פאַרזיגעלט
אין ליעדער, זיך שפּיגעלט
אויף אייביג אין מענשענ'ס געדאַנק...

(2)

דו פרעגסט מיך פאַר וואָס איך בין טרויריג,
צי ווייסטו עס דענן ניט פאָראויס,
ס'איז ד'אַלטע באַקאַנטע געשיכטע,
עס שפּיעלט זיך אַ קאַץ מיט אַ מויז...

דאָ יאָגסטו מיך גרויזאַם פון דאַנען,
דאָ גלעטסטו און האַלזטו און קוססט,
באַלד סמ'סטו מיט אייפערזוכט־שמערצען,
באַלד פּיללסטו מיט תענוג מיין ברוסט...

זאָלל גלויבען איך ווענן דו האַליובעסט,
צי דאַנן ווענן דו שטויסט מיך, פון זיך ?—
פאַר'משפּט אויף טויט מיך, דער'הרג'ע,
נאָר טהו עס, איך בעט דיך, אויף גיך...

(3)

איך גלויב דיר די שעהנע הבטחות,
איך גלויב ווענן דו זאָגסט מיר אַ ליגען;
איך קוסס דיך און דריק דיך צום הערצען,
ווענן כ'וויל גאָר מיט דיר זיך צוקריגען..

דו קוססט מיר ארוים יעדען צווייפעל,
דעם וועהטאָג וואָס ברענט ווי אַ פייער,
פאַרשלעפערסט די מאַנסביל'שע גאוה,
כ'בין ווידער אַ קנעכט דיר אַ טרייער...

נאָר ווענן איך אַלליין בין אין צימער,
דאַנן פלאַץ איך ארוים אין געוויין,
פאַרערגערט אויף זיך און מיין שוואַכקייט—
און פיהל זיך ערניעדעריגט קליין.

(4)

פיעללייכט איז עס בעססער, געליעבטע,
פאַנאַנדערגעשיידט זיין מיר זאָלען,
דאַנן וועט מיין פּאָעטישער מח,
דיך טויזענד מאָל שענער נאָך מאָלען...

פיעללייכט וועט די צייט און דער מרחק
מיין זודיגען וועהטאָג פאַרקיהלען;
געלייטערט פון לײדענשאַפט וועללען,
נאָר בלייבען די ריינסטע געפיהלען...

דער פיעבער וועט לאַנגזאַם אַריבער
פאַרצווייפלונג און האָפנונג צוזאַממען,
עס וועט זיך מיין ליעבע פאַרוואַנדלען,
אין וואַרעמעס ליכט נאָר אָהן פלאַממען.

(5)

איך קענען ניט דיין פנים פאַרמיידען,
אַוואו נאָר איך קעהר זיך און ווענד,
עס ווינקט מיר אויף טויזענד אופנים,
פון טהירען און פענסטער און ווענד...

דאָ פלעגסטו געוועהנליך זיך זעצען,
דאָ ביסטו געשטאַנען, מיר דאַכט,
דאָרט האָסטו געשטיפט און געפלוידערט
און דאָרט מיך געקוסט און געלאַכט...

און שליססט מיר דער שלוממער די אויגען,
עס יאָגט און פאַרפאָלגט מיך דיין בליק,
אין ווילדע פאַנטאַסטישע טרוימען,
זיך פלאָנטערט אהין און צוריק...

קומם שנעלל, מכשפה, באַווייז זיך...
ווענן ניט, האָב רחמנות, נעהם צו
דעם כשוף, וואָס לאָזט ניט פון ווייטען
ביי טאָג און ביי־נאַכט מיר קיין רוה...

(6)

כ'וואָלט געוויס שוין שבעים לשון,
אויסגעלערנט אין דער צייט,
וואָס עס נעהמט מיר צו שטודירען
וואָס דיין אויגען־שפּראַך באַטייט...

אָפּטמאָל מיין איך כ'האָב געפונען,
יענע סודות וואָס איך זוך,
מיין איך ווייסס שוין איטליך פּינטעל
פון דיין „בליקקען־ווערטערבוך“.

דאַנן באַווייזט זיך ניט געריכט גאָר,
אויף דיין ברעהם אַ זיססער וואונק,
אין דיין בלאָען אויג צושפּיעלט זיך
גאָר אַ שפּאָגעל־נייער פונק...

כ'וועלל שוין שטאַרבען און ניט וויססען,
פון דיין בליקק דעם טיעפען מיין;
אָפּטמאָל צווייפעל איך אין גאַנצען
אויב דו ווייססט עס גאָר אַליין...

(7)

לאַנג געזוכט פאַנס־דע־לעאָן האט,
דעם פאַר׳כשופ׳טען פאָנטאַן,
יענע וואונדער־קוואַל — וואָס כשופ׳ט,
פון אַ גרייז אַ יונגען מאַנן...

און באַלעבט דיא מאַטטע אויגען
מיט דעם העללען גלאַנץ פון לוסט,
גלעט פאַנאַנדער אַללע קנייטשען,
פילט מיט יוגענד־קראַפט די ברוסט...

לאַנג געזוכט פאַנס־דע־לעאָן האט
און געשטאָרבען זוכענדיג,
איך אַלליין די קוואַל ענטדעקט האָב
אין דיין קוויקענדיגען בליק...

ווענן דו שמייכעלסט מוז איך ווערען
ווי אַ לוסטיג אינגעל באַלד,
ווענן דו קנייטשסט מיט כעס דיין שטערען,
ווער איך מתושלח—אַלט...

(8)

דו ביסטו געקוממען דו חכם, דו קאַלטער,
און האָסט מיינע געטטער צושטערט,
מיך פלוצלינג פון טהראָן אויפען זיבענטען הימעל
אַרונטערגעשלעפּט אויף דער ערד...

מיט לאַכען און וויצען מיר האָסטו צופאַלמעסט,
דאָס שעהנסטע וואָס איך האָב פאַרמאָגט,
פון הערצען די גליהענדע בליהענדע בילדער,
מיט קאַלטע ליצנות פאַריאָגט...

איצט ליג איך און קרעכץ אין דער פינסטערער וויסטקייט,
און דרעה זיך אין דרייען פון פיין :
וואָס טויג מיר דיין אמת, גיב שטראַהלען וואָס נאַררען,
אַבי נאַר אַ וואַרעמען שיין...

(9)

מיר האָט זיך גע'חלומ'ט דו האָסט זיך פאַרביטטעט,
אונ האָסט מיך באַקוקט אַזוי פרעמד,
דיין אויג איז געווען אַזוי שטאָלץ אַזוי פראָסטיג,
דאָס הערץ האָט מיר פשוט פאַרקלעממט...

ערוואַכט האָב איך פלוצלינג פון שרעקליכען חלום,
געזוכט אין דעם ליידיגען רוים :
„באַווייז זיך, געליעבטע, פאַרזיכער מיר שנעללער,
אַז ס'איז נאָר געווען אַ טרוים...“

דאַנן בין איך געזעססען אַלליין אין דער פינסטער
געוואַרט אויף דאָס שפּראָצען פון ליכט :
אַ מיש־מאַש פון שווארצע געפיהלען געפרעסט האט
מיין ברוסט מיט אַ שווערען געוויכט...

אונ טאג איז געקוממען, די זונן האָט שוין ענדליך,
די װענד פון מיין צימער באַשטראַהלט
אונ איך האָב נאָך אַלס ניט געזעהן דיך אונ ס'שרעקט מיך
די נאַכטיגע חלום־געשטאַלט...

(10)

פון קינדוויז נאָך האָט זיך דורך מיינע געדאַנקען,
געפלאָכטען אַ טרוים אַ געוויססער,
אָפט פלעגט אין דעם קינדערש־פּאָעטישען מח
זיך מאָלען אַ פּנים אַ זיססער...

אַ פרויענגעשטאַלט פונעם דמיון געשאַפפען,
מיט אויגען ווי בלאָע סאַפּירען,
און גאָלדענע לאָקקען וואָס פלעגען דעם פּנים,
ווי ליכטיגע וועללען פאַרצירען...

כ׳בין עלטער געוואָרען און ס׳איז ניט פאַרגאַנגען,
די שעהנע פאַנטאַזיע פון זינען:
ס׳האָט שטענדיג גענאָיעט געשמאַכט די נשמה,
געזוכט יענעם בילד צו געפינען.

דאַנן האָב איך דערזעהן דיך... דער חלום פון קינדהייט,
איז פּלוצלינג פאַרקערפּערט געוואָרען,
אַ לעבעדיג־זיססע ממשות געקריגען
האָט יענע געשטאַלט פון זכרון...

עס האָבען באַלעבט זיך די נעבעל־דמיונות,
איך חלום ניט מעהר אין דער לופטען,
איך קוסס דיינע אויגען די בלאָע, געליעבטע,
און שפּיר ווי די גאָלד־לאָקקען דופטען...

אַ טוליע מיך נעהנטער און פעסטער צום הערצען,
איך גלויב ניט אַלליין מיינע בליקקען,
פיעללייכט ביסטו בלויז נאָר די אַלטע פאַנטאַזיע,
דער טרוים וועלכער פלעגט מיך ענטציקקען...

(11)

עס איז נאָר פון אָנהויב אַ שפּיעלכעל געוועזען;
עס האָט אָהן אַ חשבון מיין לייכטזינן באַשאַפען
אַ שעהנעם אידעאַלל, און איך האָב איהם פאַרגעטערט,
איצט וויל מיך מיין אייגענער כשוף פאַרשקלאַפען.

איצט איז עס אַ טרויריגער ערנסט געוואָרען,
עס לאָזט זיך דער צויבער שוין מעהר ניט פאַרניכטען,
דעם פעהלער וואָס שטיפענדיג האָב איך באַגאַנגען,
ער לאָזט זיך אויף אייביג שוין מעהר ניט פאַריכטען...

ס'איז ד'אַלטע געשיכטע פון יענעם מקובל
וואָס האָט מיט אַ שם זיך אַ גייסט אויפגעשוואָרען,
און האָט ניט געקענט מעהר זיין ארבייט צושטערען,
זיין אייגענעם ווערק — זיין טיראַן איז געוואָרען...

(12)

איך האָב גאָר אַלליין ניט פאַרשטאַנען,
אַז טיעף אין מיין ברוסט איז פאַראַנען,
אַ שטיללער פאַר׳חתמ׳עטער ברוננען;
איהר פנים, איהר לאַכענדע שטיממע
האָט פלוצלינג צובראָכען די חתימה
און איך האָב אַ׳ן אוצר געפונען,
פון נייע געדאַנקען און נייע געפיהלען,
פון מוטהיגען שטרעבען און קרעפטיגען ווילען...

איצט שטראָממט ער און פליססט ער,
דאָס לעבען פאַרזיססט ער,
מיין הערץ ווערט באַשטראַהלט און באַלוכטען,
די געגענוואַרט זינגט מיר,
די צוקונפט זי ווינקט מיר,
גן־עדן׳ס מיט גאָלדענע פרוכטען...

אַוועק די געדאַנקען וואָס פלעגען,
זיך האַלב־ווי געשטאָרבען באַוועגען,
אָהן טעם און אָהן ריח, אָהן פאַרבען—
געפיללט מיט א כח אַ נייען,
געוואָרען איז פלוצלונג דער רעיון,
און וויל גאָר ניט וויססען פון שטאַרבען.
די ערד און דער היממעל די זונן און די שטערען,
איך מיין אַז זיי אַללע, צו מיר נאָר געהערען...

אָ ליכט פון מיין לעבען,
ווער האָט דיר געגעבען,
די מאַכט וואָס מיין הערץ האָט געוואונען,
צום גרינעם גן־עדן,
פון לוסט און פון פריידען,
וואו האָסטו דעם שליססעל געפונען...

(13)

ארום אין דער פינסטער גערעדט האָט דער וואַלד
און מיר האָבען ביידע געשוויגען,
דיין קאָפּ פון דער זילבער־לבנה באַשטראַהלט,
אַ הייליגען שיין האָט געקריגען...

און א י ך האָב אַלליין זיך פאַרביטטען געפיהלט,
מיין הערץ איז פון ליעבע פאַרגאַנגען,
דאָך ז׳איז ניט געוועזען צופלאַממט מעהר און ווילד,
אַוועק איז דאָס הייססע פאַרלאַנגען...

האָסט קינדעריש געטוליעט זיך נאָהנט צו מיין ברוסט,
געקוססט מיר די אויגען און שטערען,
און פּלוצלינג מיר האָט זיך צו וויינען פאַרגלוסט,
ביי דיר אויך געגלאַנצט האָבען טהרערען...

און אונטען דאָס טייכעל געפּלוידערט האָט שטילל,
מיר האָבען עס דאַנן ניט פאַרשטאַנען,
עס האָט אונז דערצעהלט אויף זיין לשון ווי פיעל
געפּיהלען, די שעהנסטע, פאַרוויאַנען...

(14)

קומם מיט מיר אַוועק פון מענשען,
קוממ אַרוים פון שטויב און שטאדט,
וואו זיך גרינע לאָנקעס שפּרייטען,
דאָרט דערצעהל איך דיר מיין סוד...

ווענן איך זעה די בערג פון ווייטען
הער פון פויגלען דאָס געזאַנג,
דאַנן געפינט די ליעבע ווערטער
וואָס געוועזען שטומם איז לאַנג...

דאַנן פאַרגעסס איך גאָר דיין נאָמען,
רוף דיך זוממער־געטטין אָן;
לאַכענדיג זיך בייגען וועסטו
און מיך קוססען פון דיין טהראָן...

(15)

קומם, מיין געליעבטע, איך גיב דיר מיין צוזאָג,
איך וועלל ניט מעהר טאַדלען און ברוממען,
איך וועלל אַללע קנייטשען פון שטערען פאַרצירען,
מיט גרינע גירלאַנדען און בלוממען.

איך וועלל ניט מעהר פרעגען אויב דו ביסט מיר טריי נאָך,
איצט גלויב איך און שפּעטער—וואס אַרט מיך?
איך וועלל זיך מיט ליעבע באַטרינקען, פאַרגעססען
דאָס נאָכוועהניסס וועלכעס ערוואַרט מיך...

דאָך דו מוסט זיין לוסטיג און ווילד ווי דאָס בלוט, וואס
מיר פליססט דורך די זודיגע שלייפען,
פרעסס יאהרען פון זיססקייט אַריין אין א רגע,
ס'וועט שנעלל דאָך דער כשוף אַנטלויפען...

און לאַך מיר און פּלוידער, מיט צערטליכען שפּינוועבס,
פאַרפּלאָנטער מיין האַרץ און מיין זינען,
קומם גלויבענדע ליעבע אריין מיר, און לאָז מיך
צו צווייפלען קיין צייט ניט געפינען...

(16)

עס קלינגען די פערזען עס גראַממט אַזוי גוט
דיר זיינען גאָר זעהר די ווערטער געפעללען,
פאַרגעס ניט, אז דאָס וואָס דו נעהמסט פאַר קאָררעללען,
נאָר זיינען פאַרגליווערטע טראָפּענס פון בלוט...

די פערזען פון וועלכע דיין גייסט ווערט ענטציקט,
דאָס זיינען די טהרערען פון דיכטער פאַרשלונגען,
און ס׳אָרעמע הערץ זאָלל ניט ווערען צושפרונגען,
פאַרצווייפעלט זיי האָט ער אין ל י ע ד אויסגעדריקט...

דאָך רעדט זיך ניט אַלץ און עס זאָגט זיך ניט אַלץ,
אַ טהייל פון די טהרערען נאָר האָט ער באַשריבען,
די אַנדערע זיינען אין הערצען פאַרבליבען,
און ברענען די ברוסט איהם און שטיקען דעם האַלז...

און לעזטו דאָס ליעד, ניט פאַרגעסס זיך, מיין קינד,
דעם דיכטער׳ס נשמה צו לעזען אין מיטטען
פון ווערטער און שורות, דאָס הערץ וואָס געליטטען
האָט מ ע ה ר, אַ סך מעהר ווי אין ליעד זיך געפינט...

(17)

עס טראָגט זיך צום הימעל אַ פויגעל,
זיך קוויקט אין דער בלויקייט און זינגט
און פלוצלינג דעם לוסטיגען זינגער
אַ זעלטענער כשוף באַצווינגט.

איהם ציהען אַ פּאָר גרויסע אויגען,
די אויגען געהערען אַ שלאַנג,
זי צויבערט כדי צו פערצעהרען,
דאָך פאָלגט איהר דאס קינד פון געזאַנג.

ער לאָזט זיך פון הימעל אַרונטער—
ער וועט שוין ניט פּיפּטשען אַ טרעלל,
די שלאַנג מיט די אויגען די גרויססע
געמאַכט האָט פון זינגער אַ תל.

(18)

דערזעה איך דיך ווילט זיך מיר וויינען,
מיר דאַכט זיך איך זעה און דערקען
ביי דיר אויפ'ן פּנים, אַז דו ביסט
ניט אונשולדיג מעהר ווי געווען...

דו ביסט נאָך פיעל שענער געוואָרען,
דאָך חציפיש און ווילד איז דער חן,
עס לאַכען די אויגען נאָך זיססער,
דאָך מעהר ניט בתמימות'דיג—ריין...

דו קוססט מיך נאָך הייססער ווי פריהער,
און ציהסט מיך צו זיך מיט געוואַלט,
דאָך יעדע אומאַרמונג און קוסס איז
פון גיפטיגען ספק פאַרגאַללט...

דערזעה איך דיך ווילט זיך מיר וויינען,
באַקלאָגען דיין אונשולד, מיין קינד,
באַוויינען מיין אייגענע ליעבע,
וואָס קרענקט מיך און פלעקט ווי אַ זינד.

(19)

די איינע איז גוט ווי אַ מלאך,
די צווייטע—אַ טרוים פון גן עדן,
נו געה דאָ און מאַך דיר א פשרה,
בין טאַקי פאַרליבט אין זיי ביידען.

די איינע מיר ברינגט די פּראָפּעטען,
די שטאָלצע, ארויף אויפ'ן זינען,
די צווייטע דערזעהענדיג דענק איך
אן גריכענלאַנד'ס זיססע געטטינען...

פאַר איינער דערצעהל איך די צרות,
פאַר איהר גיסס איך אוים מיינע טהרערען,
די צווייטע באַדעק איך מיט קוססען
און האַלט אין איין ליעבע ערקלערען...

די איינע איז מעהר ניט אַ גלגול,
מיר דאַכט, פון מיין אייגען געוויססען,
די צווייטע איז בלויז מיין פאַנטאַזיע
פאַרקליידט אין אַ קערפער א זיססען...

(20)

עס ציהט אַ כשוף דעם מאַגנעט,
צום קאַלטען קאַהלען צפון,
וואו אויף קיין זונן, קיין וואַרעמקייט,
קיין שיין איז ניט צו האָפפען...

עס ציהט מיך אויך אַהין צו דיר
און דו ביסט קאַלט פאַרפראָרען—
איך לויף צו דיר און וויים פאָראויס,
מיין האָפנונג איז פאַרלאָרען...

(21)

עס לאַכען נאַאיוו נאָך די אויגען,
און אונשולדיג ווי ביי אַ קינד,
דאָך ווערען די ליפען פאַרצויגען
צו אָפט מיט אַ שמייכעל פון זינד...

איך וואַרף זיך אין הוילע קדחת :
אָפט גלויב איך דעם קינדערשען בליק,
דאַנן קוממט מיר דער לאַך ווי צו־להכעיס
פאַרגיפטען מיין גלויבען און גליק...

(22)

מיין ליעבע צו דיר האָט אַ ווײלע געשלוממערט—
אַ שפּינוועבּס פון שטרעבונגען נײע באַשפּונען,
דעם ווילדען וואולקאַן וואָס מיט פייער פלעגט שפּייען
פון הייססע פאַרלאַנגען דעם קאָכיגען ברוננען.

און כ׳האָב שוין געטאַנצט אַזש פון שמחה, געמיינט שוין
איך האָב פון דיין כשוף די קייטען צוריססען,
און ס׳האָט מיין פאַרמאַטערטע קראַנקע נשמה
זיך מכין געוועזען לאַנג רוה צו געניססען.

דאָך ס׳איז נאָר אַ׳ן אברוה א קורצע געוועזען,
די שטילקייט וואָס קומט פאַר געוויטטער און שטורעם,
ביסט ווידער געקוממען, צושמאָלצען די לאַוואַ,
געעפענט די זודיגע קוואַלל פון יסורים...

וואו זיינען די שבועות וואָס איך האָב געשוואָרען,
דיין פּנים אַזוי ווי אַ זינד צו פאַרמיידען?—
דער שכל ער האָט זיך פון חרפה באַהאַלטען,
איך וויל ניט מעהר דענקען, כ׳וועל ליעבען און ליידען...

(23)

זי איז נאָך צו־מאָל ניט פֿאַרשוואונדען
נאָך וואַרעם דער קוסס פֿון געזעגנען,
און כ׳וואַרט שוין און צעהל שוין די שטונדען,
ווענן איך וועל זי ווידער באַגעגנען...

און זעה איך זי ווידער אויף מאָרגען,
דער שווערד אויף דער טהיר פֿון גן עדן,
איז אייביג דאָס ציטטערן און זאָרגען
אַז באַלד קומט די צייט פֿון זיך שיידען...

(24)

אָפּט טרוים איך ווי גוט וואָללט געוועזען,
ווענן איך וואָללט געוועזען אַ קייזער,
אַ מעכטיגער העלד און אַ הערשער
וואָס סטראַשעט די וועלט מיט אַ בייזער,

און קענען איהר זאָגען : „אָט נעהם זיי
מיין העלדען־שווערד צעפּטער און קרוינען,
זיי זיינען צוזאַמען נאָך ווייניג
דיין ליעבע געהעריג צו לוינען...“

און אפשר ווענן איך זאָלל איהר געבען
דעם ערד־קוגעל, וואָללט זי געבעטען
איך זאָלל די לבנה איהר ברינגען,
פיעללייכט נאָך אַ טוצען פּלאַנעטען.

שוין בעססער אַז איך בין אַ קבצן,
און בלייב נאָר ביין ווינשען און וועללען,
זי וואַרט אויף קיין לוין ניט און ליעבט מיך,
ווייל פשוט איך ביי איהר געפעללען...

(25)

אין דעם ווייטען לאַנד מצרים—
זאָגט מען — שטעהט אַ פּיראַמיד,
הייבט די זונן נאָר אָן צו שיינען,
הייבט ער זינגען אָן אַ ליעד...

אבער געהט די זונן ארונטער,
קעהרט איהר פּנים אָב פון איהם,
הערט דער טהורעם אויף צו זינגען,
און פאַרליערט זיין צויבערשטימם....

קוק מיך אָן, איך בין דער טהורעם,
און דו ביזט מיין גאָלד׳נע זונן,
הייבט דיין פּנים אָן צו לייכטען
הייב איך זינגען אָן דערפון...

אבער וועגן דיין בליק ווערט פינסטער,
און באַקוקט מיך בייז און קרומם,
ווערט מיין אייגען הערץ פאַר׳חשכ׳ט,
און איך ווער באַטריבט און שטומם...

(26)

די אַלטע פּאַרצייטיגע גריעכען,
זיי האָבען געגלויבט אַז ס'געפינען,
אין ים זיך אַזעלכע געטטינען,
וואָס ציהען מיט זינגען און לאַכען,
און נאַררען דעם וואַנדרער דעם שוואַכען,
אַריין אין אַ פינסטערען שטראָם.

שטאַממסט דו ניט פון זייער משפחה? —
צי ביסטו אַ נימף אַ מאַסקירטע,
וואָס זוכט אויף יבשה פאַרפיהרטע,
און בליקקען געברויכט שטאַטט געזאַנגען,
די שוואַכע נשמות געפאַנגען,
אַרונטערצושלעפען אין תהום? —

(27)

איך האָב ניט צו דיר קיין פּרעטענזיעס,
איך האָב עס פאָראויס דאָך געוואוסט שוין,
דער גיפט אויפען דעק האָט געלויערט
אין בעכער פון ליעבע און לוסט שוין...

און האָב איך דיר ליעבע געשוואָרען,
איך האָב ניט קיין מקח באַדונגען,
געוואוסט אַז דו וועסט מיך פאַרמוטשען,
נאָך דעם ווי דו האָסט מיך באַצוואונגען.

איצט וועלל איך מיט אייביגע צרות
באַצאָהלען די גליקליכע שטונדען,
דער חלום געווען איז אַ ק ו ר צ ע ר
און ל אַ נ ג וועללען בלוטען די וואונדען...

דאָך האָב איך צו־מאָל ניט חרטה,
איך וויל ניט מיין טעות באַקלאָגען,
מאָמענטען פון ליעבע פאַרדיענען,
פאַר זיי גאַנצע גיהנום׳ס צו טראגען...

(28)

דו האָסט מיר צו וויינען פאַרבאָטען,
דו קענסט ניט קיין טהרערען פאַרטראָגען,
נו לאַך איך אַ פאַלשען געלעכטער
בין לוסטיג ווענן ס'וויללט זיך מיר קלאָגען...

מוז קונציג פאַרשמייכלען די וואָלקען,
וואָס וויללען באַדעקען מיין שטערען,
מיין שטימם ווי אַ בדחן פאַרשטעללען,
דו זאָללסט ניט חלילה דערהערען

דעם קרעכץ אינעם טאָן און דערקענען,
אַז נאָכגעמאַכט זיינען די קלאַנגען,
און דאַנן ווענן מיין מויל שיט מיט בלוממען,
מיין הערץ ווערט צוביססען פון שלאַנגען...

(29)

איך בין אַזאַ'ן עושר געווען,
דו האָסט אַזוי רייך מיך געמאַכט,
דיין ליעבע — מיין גאַנצעס פאַרמעגען,
דיין טרייהייט מיין איינציגע מאַכט...

דאָך האָסטו מיט פאַלשע מטבעות,
מיך מיאוס גענאַרט און פאַרפיהרט,
האָסט פלוצלינג מיין לעבען פאַר'אביונ'ט,
דיין ליעבע זי האָט באַנקראָטירט.

איצט בלייב איך אַ קבצן אויף אייביג,
דאס הערץ איז געבראָכען און פוסט,
צו שפעט פון דאָס־ניי אָנצוהייבען,
צו שפעט, און צו גרויס דער פערלוסט...

(30)

כ'האָב פאַרקויפט איהר מיין נשמה,
האָב אָן וואַהרען גאָטט פאַרגעססען,
בין געוואָרען זינט איך קען זי,
אַ פאַרפלאַמטער געצענדיענער.

יעדען מאָרגען, יעדען אבענד,
בוק איך זיך מיט גרויס הכנעה,
צו די שטערען, צו די זוננען,
וואָס די וועלט רופט „איהרע אויגען".

יעדען טאָג אַ קרבן ברינג איך,
צום מזבח פון די געצען,
קוועלל פון נחת ווענן דאָס בעסטע
וואָס איך האָב פאַרגעהט אין פלאַממען...

ס'נאָגט דער אידיש מוח אבער,
חזק'ט פון מיין נייעם גלויבען,
האַלט אין שרייען, פראָטעסטירען:
דיין אמונה איז אַ פאַלשע".

(31)

זי לאכט ניט און שמייכעלט גאָר זעלטען,
נאָר שמייכעלט זי— מיין איך אז וועלטען
גאָר נייע אַנטפּלעקט מיר איהר בליק,
זי שווייגט אַזוי אָפט, אבער רעדט זי—
מיט איטליכען וואָרט איהרען גלעט זי
מיין זעעל, ווי מיט זאַנפטע מוזיק...

באַקוק איך איהר פּנים דעם שטיללען,
אַקעגען מיין אייגענעם וויללען,
הייב איך אָן צו האָפען און גלויב,
אַזוי ווי מיט איהר וואָללט געקוממען,
א ווינד פון גן־עדן פאַרפיומען,
פאַרטרייבענדיג זינד ווי א שטויב...

איך קענן דיר מיין שמערץ ניט דערצעהלען,
צו אונשולדיג ביסטו... דאָך היילען,
ניט וויססענדיג, קענסטו די וואונד,
און האָסטו דעם וועהטאָג דעם טיעפען
וואָס גריזעט מיין ברוסט ניט באַגריפען,
דאָך קענסטו מיך מאַכען געזונד...

(32)

דו גיסט מיר אַ הערץ נאָך אַ גאַנצע,
דו שענקסט מיר אַ'ן אוצר אַ פוללען,
איך גיב פון אַ הערץ דיר שיריים,
אַ מוח מיט פּראָסטיגע נוללען...

איך זוך די חלומות צו וועקען,
וואָס פלעגען אַ מאָל מיך ענטציקען,
וויל יוגענד־בעגייסטערונג שעפּען,
פון דיינע נאַאיוו־ריינע בליקקען...

דאָך פריהלינג אין ווינטער צו ברינגען,
דאָס קענן ניט דער מעכטיגסטער וויללען,
עס קענען קיין תחית המתים,
ניט אויפשטעהן די טויטע געפיהלען...

ניט בינד־זשע דיין לעבען מיט מיינעם,
מיר קענען זיךביידע ניט גראַממען,
דו קענסט מיר דיין אונשולד ניט געבען,
און איך קען נאָך דיינע פאַר'סם'ען...

(33)

אויסגעפלאַקערט איז דאָס פייער,
אבגעשטאָרבען איז דער רעש
און דער טומעל פון דער יוגענד—
נאָר געבליבען קאַלטע אַש...

אוים מלחמה... דער באַזיעגער,
קאַלטער שכל רוהיג טהראָנט,
ערגעץ־וואו נאָר דער זכרון
זיצט נאָך שבעה און דערמאָהנט...

ס'אויג איז קלאָר און ניט צורודערט,
און דאָס הערץ בית־חיים־שטילל,
ניט עס ליידט מעהר, ניט עס פרייט זיך,
ניט עס האָפט מעהר, ניט עס ווילל...

קאַלטע רוה און שטיללער טויט נאָר,
טיעף באַגראָבען לוסט און שמערץ,
ס'לעבט דער קאָפּ נאָר וועלכער פאַלמעסט
„פסיכאָלאָגיש" מיר דאס הערץ...

(34)

איך האָב עס געשוואָרען דו זאָלסט מיר באַצאָהלען,
מיין חלום וואָס דו האָסט צושטערט,
די רייצענדע שעהנע פאַנטאַזיעס וואָס דו האָסט,
אין מיאוס'ע בילדער פאַרקעהרט...

איך האָב עס געשוואָרען און האָב איך געווארט לאַנג,
דו וועסט מיר באַצאָהלען פראָצענט,
געפילט איז מיט פראָסטיגער שנאה דער בוזעם
אַנומעלט פון ליעבע צוברענט.

האָסט צוגעוואָהנט זיך צו אַ שקלאַף אַ פערליעבטען,
צו טראַמפלען א הילפלאָזען קנעכט,
איצט וועסטו דעם טעם פון נקמה פאַרזוכען,
פון דעם וואָס די קייטען צוברעכט.

איצט וועסטו באַצאָהלען און אפשר נאָך מעהרער,
און שווערער ווי דו האָסט פאַרדיענט,
די שווארצע נקמה זי האָט ניט קיין וואגשאל,
און שטראפט צעהן מאָל מעהר ווי די זינד...

(35)

שוין האָב איך צובראָכען די קייטען
מיט וועלכע זי פלעגט מיך פאַריאָכען,
נאָר האָב איך אין איינעם מיט קייטען
מיין אייגענע הערץ אויך צובראָכען.

איצט געה איך אַרום אַ בן־חורין
און זי האָט פאַרשפּיעלט איהר מלוכה,
דאָך פעהלט מיר אַמאָליגע קנעכטשאַפט,
עס געהט מיר ניט איין די מנוחה...

אַ גיט מיר צוריק מיינע קייטען,
דאָס ווילדע פערצעהרענדע פייער,
כ'וועלל בעססער זיך צאַפּלען אין פלאַממען
ווי ווערען פאַרפראָרען אַ פרייער.

(36)

איך האָב דיר אַ קבר געגראָבען,
אין הערצען ביי מיר אינעם טיעפען,
וואו פון מיינע וואונדען טאָג־טעגליך,
דאָס בלוט אויפען קבר וועט טריפען...

אַרויסשפּראָצען וועללען דאָרט קוויטען,
פון אַלערליי פאַרבען און זאָרטען,
פון האַרצוועה און קוממער און ביינקען,
אַ טרויעריג־דופטיגער גאָרטען...

דער וועלט וועלל איך שענקען די בלוממען,
און לאָזען פאַר זיך דעם בית־עלמן,
די וועלט וועט זיך קוויקען, און א י ך וועלל
זיך מוטשען — אַ'ן עלענדער אלמן...

(37)

באַלד וועט אויסברענען דאס פייער,
וועלכעס צעהרט מיין ברוסט פאַרבאָרגען,
באַלד וועט אויסגעהן מיין נשמה
פון איהר שטיללען שמערץ דערוואָרגען...

באַלד וועט אַלסדינג זיין פאַרגאַנגען,
ליעבעס פרייד און ליעבעס ליידען
און די שוואַרצע קבר שאַטענס
וועללען מיך און דיך צושיידען...

אפשר וועסטו אָפטמאָל קוממען,
אויף מיין קבר בלוממען בריינגען,
אפשר וועט דיר דער זכרון,
פון די אויגען טהרערען צווינגען...

דאָך אין קאַלטען גרוב וועט פוילען
דאַנן מיין הערץ און וועט ניט וויססען,
ווענן דו וועסט מיר בלוממען ברינגען,
ווענן דו טהרערען וועסט פאַרגיסען...

(38)

די ברענענדע פלאַממען פון ליעבע,
צופלאַקערט מיין ברוסט האבען ווילד,
דיין גרויססע און רוהיגע פריינדשאַפט
מיך טרייסט און באַרוהיגט און קיהלט...

מיין ליעבע צו תמוז־זונן גלייך איז
מיט שטראַהלען ווי גליהענדעס פייער,
דיין פריינדשאַפט — דער שיין פון לבנה
אַ שטיללער, א זיססער, אַ טרייער...

און האָט מיך די ליעבע באַטרונקען,
פאַר׳שכור׳ט מיט לוסט און מיט גליק,
עס ניכטערט מיך אויס אין א רגע,
דיין קלוגער און רוהיגער בליק...

(39)

עכטיגער פון גאָטט יופיטער,
וואָס געוואָרפען האָט אַ ציטטער,
מיט די געטערבליקען זיינע,
זיך געפיהלט האָב איך ווענן דיינע
היממעל־בלויע אויגען פלעגען
שטראַהלען מיר ענטציקט אַנטקעגען,
ווענן דו פלעגסט מיך שטילל באַקוקען,
ווי דו וואָלסט פאַר מיך זיך בוקען...

איינמאָל האָב איך דיך געטראָפען,
פראָסטיג ווי דער ווינד פון צפון,
און מיט איינגעצאַהמטען צאָרען
האָסטו מיר געזאָגט: „פאַרלאָרען
האָסטו יענע מאַכט וואָס צווינגען
פלעגט מיך דיר קרבנות ברינגען,
און זיך ווי אַ וואָרעם שפירען
וואָס איהם ג ר ו י ס ט אַ גאָטט׳ס באַריהרען.“

כ׳וואָללט די אַכטונג פון מילליאָנען
מוחל זיין ווענן איך זאָל קאָנען,
ד׳אַלטע געטער־ראָללע שפיעלען,
ווידער הערשען אויף דיין ווילען,
דאָך די אויגען דיינע זאָגען:
„האָסט דעם צויבערבאַנד צושלאַגען;
„ס׳האָט געפלאַצט די ש ע נ ס ט ע סטרונע
„פון מיין ליעבע — די אמונה...“

(40)

ליבער איז דאָס קריינקעניסס
וואָס מיך האָט לאַנג געגאַללט,
אָהן שמאַכטעניסס אָהן ביינקעניסס,
דערמאהן איך איהר געשטאַללט.

ניט וויללענדיג ניט וויססענדיג
איהר בילד שוועבט אומעדום
מיך גריססענדיג, און גיסענדיג
דורך הערץ און זינן, פאַרפום.

עס איז ניט די אַמאָליגע
וואָס פלעגט אין קאַלטער בראַנד
פון וועהטאָגען אָנצאָהליגע,
מיר וואַרפען נאָכאַנאַנד...

אַ ריינע אַ גענעזענע,
פון אַלע פסולת פריי,
מיין ליעבע די געוועזענע,
צובליהט זיך פון־דאס־ניי.

איך וויל צו־מאָל איהר פנים מעהר
ניט אנזעהן אויפען וואהר,
עס וועט פיעללייכט דערמאָהנען מיר
די צרות פון בעפאָר...

דענן וואָס זי איז דערוויטערטער
אַלס שענער שפיגעלט אב,
אַלס מילדער און געלייטערטער
איהר בילד זיך אין מיין קאָפּ...

(41)

האָסט צו שנעלל אוועקגעשאָנקען
מיר די אוצרות פונעם גליק,
אָהן יסורים אָנגעקוממען
מיר איז, איבער דיר דער זיעג.

ניט פאַרשטאַנען האָט דיין אונשולד:
פאַרמאַסקירען זיך אויף לאַנג
און מיט פאַלשע צניעות־בליקען
אויפצורייצען מיין פערלאַנג...

יענער קוניץ געווען איז פרעמד דיר,
האָסט מיט פלאַממען זיך אַנטפּלעקט,
און דערצעהלט מיר פון דיין ליעבע
איידער כ'האָב צו־מאָל געפרעגט...

דאָך דו האָסט געזאָללט איהם קענען,
יענעם דיכטערשען קאַפּריז,
וועלכער וויל זיך תמיד צאַפּלען
און איהם זיינען שמערצען זיסס...

ווענעם יעדע לוסט אפילו
מוז מיט לייד געפעפערט זיין,
ווענעם ליעבע מוז געווירצט זיין,
מיט דעם צווייפעל'ס שאַרפע פיין...

האָסט דעם דיכטער ניט פאַרשטאַנען,
און דו האָסט דיין שטראָף פאַרדיענט,
מעג דיך גאָטט אַלליין באַשירמען
פון זיין ווילדען גייסט, מיין קינד.

(42)

אויב דו וואָלסט געשטאָרבען דאמאלס
ווענן דו ביסט מיין „אַלץ“ געוועזען,
און אין דיינע אויגען פלעג איך
טאָג פאַר טאָג מיין גורל לעזען—

וואָלטען צערטליכע זכרונות
אַלס ירושה מיר געבליבען,
און די זיססע פיין פון יענע
וואס אָהן האָפענונגען ליעבען—

דאָך פאַרוועללט האָט זיך דעם שיקזאַל
מיט אונזביידען שפּאַסס צו האָבען,
דיך געלאָזען האָט ער לעבען
און מיין ליעבע לאַנג באַגראָבען.

זעה איך איצט דיך—פונעם קבר
וואו מיין ליעבע ליעגט אַ טויטע,
הער איך טייפעלשעס געלעכטער:
„ווער עס ליעבט דער איז אַ שוטה.“

(43)

איך בין דיר דיין גוטסקייט איצט מוחל,
דיין זיססע רחמנות מיך קריינקט,
איך וויל קיין נדבה ניט נעהמען
פון שפעטיגע ליעבע געשיינקט...

פלעגסט לאַכען ווענן מיר פלעגט צוברעכען
דאס הערץ זיך פון שמערץ אָהן א שיעור
ביי דיר איז אַ שפילכעל געוועזען
מיין ענדלאָזע ליעבע צו דיר...

נאָר איצט ווענן פערמוטשעט, דער׳הרג׳ט
אין יעדער פערלאַנג אין מיין ברוסט,
און מיר איז פון צרות פאַרגאַנגען,
פון לעבען און ליעבען די לוסט...

איצט קוממסטו דיין מיטלייד צו צייגען,
און ביסט אַזוי ווייך אַזוי מילד,
איצט קוממסטו ערפיללען דעם וואונש מיר
וואָס דו האָסט אַ מאָל ניט ערפיללט.

נאָר כ׳בין דיר דיין גוטסקייט איצט מוחל
דיין זיססע רחמנות מיך קריינקט,
וואָס איך האָב אַמאָל ניט גע׳פועל׳ט,
וויל איצט איך ניט נעהמען געשיינקט...

(44)

איך האָב דיך לאַנג געגוג באַדאַרפט
אום דיך צו קענען מאָלען,
ווי ס'דאַרף דער קינסטלער וואַלד און פעלד
און שעהנע בערג און טהאלען...

ווי דער וואָס קנעט די ליים־געשטאַלט,
וואָס וועט א וועלט ענטציקען,
בעדאַרף דעם שעהנעם גוף וואָס דיענט
אַלס מוסטער זיינע בליקקען.

דאָך ווענן דאָס בילד געענדיגט איז
און גליהט אין פאַרבען־פלאַממען,
ווער פרעגט זיך אויף די שטריכען נאָך
פון וועלכען אָרט זיי שטאַממען?—

און ווענן דער גאָטט, די נימף, דער העלד
שטעהט פרעכטיג אויסגעמייסטערט,
ווער זוכט דעם מקור וועלכער האט
דעם סקולפּטאָר'ס ווערק באַגייסטערט?-

איך האָב דיך לאַנג געגוג באַדאַרפט
אום דיך אַלס בילד צו האָבען;
עס לעבט מיין ליעד... און ד ו קענסט געהן...
דו ליעגסט אין איהם באַגראָבען...

(45)

ס איז געווען אַ ליכט־מאָמענט,
אַ שטראַהל פון געטטער־גליק,
וואָס דריקקט אַריין אַ'ן אייביגקייט
אין קורצען אויגענבליק...
וואָס פלאַטטערט דורך און פלאַקקערט דורך,
און קוממט ניט מעהר צוריק...

און איך און דו מיר האָבען לאַנג
אין זוכעניסס פאַרבראַכט,
און אָבגע'חלומ'ט גאַנצע טעג,
און גאַנצע נעכט געוואַכט
און אַלץ נאָך י ע נ ע ם רגע'לע
פון זיססער פרייד געשמאַכט...

און ס'איז געקוממען און פאַרביי...
איצט בלאָנדזשען מיר, אַ־פּאַרט,
צושיידט, אין לעבענ'ס פינסטערנים...
דאָך ליעגט אין ברוסט פאַרשפּאַרט
דאָס ק ו ר צ ע גליק וואָס אַזוי ל אַ נ ג
האָב איך און דו דערוואַרט..

שימער און שאטטען

פריהלינג

(1)

פונעם צפון יאָגט אַ שטורעם,
טרייבט אַ גראָע וואָלקען־סטאַדע,
ס'פּעלצען זיך די בערג מיט כמאַרעם—
דאָרטען שנייט עס שוין אודאי...

ס'איז דער לעצטער כעס פון ווינטער,
לאָזט זיין צאָרען אוים אין ווינטען,
אָנגעגרייט זיין פּלאַץ צו נעהמען
שטעהט דער פריהלינג שוין פון הינטען...

דורך די פענסטער שטעה און קוק איך,
אויף דעם אַלטען ווינטער'ס גסיסה,
לוסטיג שוין פאַר מיינע אויגען
שוועבען פריהלינג'ס בילדער זיססע...

(2)

און איהר הינער־פלעט דעם לאַנגען,
היבט די ערד זיך אָן צו וועקען,
גרינע צייכענס פון ערוואַכען,
נעהמען וואַלד און פעלד באַדעקען...

דורך די וואָרצלען, דורך די צווייגען,
הייבט די ז אַ פ ט זיך אָן צו שפּרייטען
וועלכע שפּעטער זיך באַווייזען
וועט אין בלוממען און אין קווייטען.

און אַ מחנה פויגלעך כלי־זמר׳ט
שוועבט אַרויף און שוועבט ארונטער,
אומעדום ערשיינט דער לעבענס־
גאָטט, דער קרעפטיגער געזונטער...

כ׳פיהל זיין געטטער־אָטהעם... מ י ר אויך
וואָרפט אַ לאַכענדיגען בליקק ער,
און מיט לעבען און מיט פריהלינג
ווערט מיין הערץ און מח שכור...

(3)

עס וויאַנען נאָך אונטען די טויט געלע בלעטטער,
וואָס האָבען געגרינט פאַר אַ יאהרען,
די שטענגלעך וואָס האָבען געבליהט לעצטען זומער
נאָך זיינען פאַרפוילט ניט געוואָרען,
און אויבען שוין ריהרט זיך
דאָס לעבען און צירט זיך,
מיט בלעטטער שוין נייע באַדעקט זיך דער וואַלד,
עס שפּרייט זיך מיט קרעפטיגער יונגער געוואַלט,
דער פריהלינג נאָר־אַקאָרשט געבאָרען...

עס וויאַנען נאָך אונטען די טויט געלע בלעטטער,
און אויבען שוין שמייכעלט דאָס לעבען,
אַ׳ן אייביגער פלאָנטער פון וועלקען און וואַקסען,
אַ מיש־מאַש פון שטאַרבען און שטרעבען...
מיט האַסטיגע טריטט
דאָס לעבען וואָס בליהט
צוטראַמפּעלט דאָס לעבען וואָס האַלט שוין ביים סוף,
עס בייטען די פאַרבען זיך, ס׳בייט זיך דער שטאָף,
נאָר תמיד דאָס זעלביגע וועבען...

(4)

איצט בין איך אליין אין די דופטיגע פעלדער,
פון זיך אַליין שעפּטשען אַרוים מיינע ליפּפּען:
„דו הייליגע אייביגע גרויססע נאַטור־וועלט,
נעהם צו אין דיין שוים מיך און לאָמיך פאַרגעססען,
מיין שפּל'ען מענשליכען איך אויף א ווײַלע,
פאַרטרינקען מיך לאָז אין דיין קוועלענדען ברוננען
פון לעבען, וואָס האָט ניט קיין סוף און קיין אָנהייב—
די קליינצינקע דאגות וואָס תמיד זיך בייטען,
און וואונשען, פערלאַנגען און שטרעבונגען פּוסטע,
וואָס האָבען פון דיר מיט געוואַלט מיך געריססען...“

איך ליעג אויף דער לאָנקע און קוק אויפ'ן הימעל,
מיין הערץ לויפט אַריבער פון שמאַכטען און בייננקען,
פאַרגעהט אין אַ הייססען באַגעהר צו פאַרנעהמען,
נאַטור'ס שטאַרקען פּולס און מיט איהם זיך פאַרבינדען,
און בטל זיך פיהלען אין יענעם אוקינוס,
פון וועלכען דאָס אַ ל ץ וואָס איך קענן נאָר באַמערקען,
מיט אויג און מיט אויער, איז בלויז נאָר אַ טראָפּען.

און באַלד שוין דערפיהל איך אזוי ווי די גראָזען,
מיט צערטליכע זיידענע פינגער מיך גלעטען,
און וויהען מיך איין אין דאָס גרויססע געהיימניסס...
עס טשירקעט דאָרט ערגעץ פון ווייטען אַ פויגעל,

אַ ווייסינקער וואָלקען שטיפט אום אויפען הימעל,
און א י ך פיהל דעם תענוג פון זייער הברותא...
מיר דאַכט זיך אַזוי ווי דער וועלט׳ס גרויססער בוזעם,
מיך הייבט מיט זיין אָטהעם אַרויף און אַרונטער,
דער ריטמוס פון לעבען מיך וויעגט און מיך האָידעט,
אין גלייכע בעוועגונגען... אַלס וואָס מיר בלייבט איז—
נאָר קוקען און הערען און טרוימען און טראַכטען...

(5)

א גאַנצע נאַכט האָבען מיך שוואַרצע מחשבות
מיין מוח האָט פינסטערע תליות געבויט מיר,
ווי בייזע פאַרערגערטע רוחות געשטיקט,
פון שרעקען פאַנטאַסטישע פעטליעס געשטריקט.

נאָר, אָט איז דער ליכטיגער מאָרגען געקוממען,
דער לאַבענדער פריהלינג דער מלאך פון פרייד,
איז לוסטיג אריין דורך די אָפענע פענסטער,
און איבער מיין צימער זיין שיממער פאַרשפּרייט...

און האָט די בייניאַכטיגע מורא׳ס פאַרטריבען,
די שוואַרצע געדאַנקען, פון יאוש באַשטראַהלט,
דאָס הערץ מיר געפיללט מיט אַ גאָרטען פון בלוממען,
דעם מח, מיט לוסטיגע ליעדער פון וואַלד...

און איטליכעס ליעד האָט געשמאַכטעט נאָך ווערטער,
וואָס זאָללען דעם פריהלינג באַזינגען געטריי,
נאָך דופטיגע בליהענדע בילדער וואָס זאָללען,
באַשאַפען אַ צווייטען געשריבענעם מאַי...

אומזיסט אבער האָב איך מליצות געפלאָכטען
און גראַממען געשליפפען און פערזען געפּאָאַרט,
דעם צערטליכען ציטטער, דעם אטהעם פון פריהלינג,
ווי קענן מען זיי מאָהלען מיט אויסדרוק און וואָרט ?...

אָ, פריהלינג, דיך קענן נאָר געהעריג באַזינגען,
דאָס וואַרימע ווינטעל וואָס צערטעלט די גראָז
דער פויגעל וואָס פלאַטטערט צום העלל בלויען הימעל,
און צוויטשערט און טריללערט און ווייס ניט פאַר וואָס,

דיך קענען באַוואוסטלאָזע בלוממען נאָר ריהמען,
מיט זייערע פאַרבען און ריחות א סך,
דאָס טייכעל וואָס טאַנצט אונטער גאָלדענע שטראַהלען,
און שבחים דיר רוישט אויף זיין אייגענער שפּראַך...

די קליינע מוראַשקע וואָס קריכט דיר לכבוד,
ארוים פון דער נאַססער פאַר׳חשכ׳טער ערד,
דאס קליינציגע פליגעל אפילו וואס לעבט נאָר,
א י י ן איינציגען טאָג פון דיין אטהעם גענעהרט.

די וואָלקען, די שטראַהלען... זיי גיבען דיר אַללע
אויף שטומם-לשון אפשר, אַ בעסערען לויב,
ווי איך דער ג ע ק י נ ס ט ע ל ט ע ר בחיר היצורים,
נאַטור׳ס ווילדער מיש-מאַש פון שטראַהלען און שטויב...

אָ פריהלינג, ווי וואָלט איך זיך וועללען פאַרבייטען,
אין ליכטיג-געפאָרבענעם בלאַטט פון אַ בלום,
איך זאָלל ניט מיט ווערטער דיין שעהנקייט פאַרקריפּלען,
נאָר זינגען אין דופטיגען שוויגען דיין רוהם...

(6)

דער פריהלינג קוממט און רעדט און גלעט,
די פינסטערע צייט איז פאַרגאַנגען,
איצט הייבט זיך אָן אַ שטראַהלענפעסט
אַ יום טוב פון לויטער געזאנגען...

עס וועהט אַ ווייכער בשמים־ווינד,
עס סוויסטשען די שוואַלבען און טענה׳ן :
„קומם זינג מיט אונז, פאַריאָג די זאָרג
פון פּנים דעם זויערען דיינעם.“

איך רוף זיך כלומרשט אָב און זינג,
פון פריהלינג דעם נגון דעם אַלטען,
וואָס אין זכרון׳ס אוצר ליעגט,
פון יאהרען צוריק נאָך באַהאַלטען...

דאָך שפּיגעלט זיך די שעהנע וועלט
אין ק אָ פּ נאָר, פון ד מ י ו ן געפאָרבען,
דאָס הערץ איז אבער קאַלט און שטומם,
די יוגענד־התפּעלות געשטאָרבען...

(7)

לעבען דופטענדיג ארום איהם,
פיללענדיג די לופט מיט קלאַנגען,
אויף אַ וויסטען בית הקברות
איז דער פריהלינג אומגעגאַנגען...

האַסטיג האָבען שעהנע קוויטען,
איהם ארויסגעשפּראָצט אַנטקעגען,
אבער אונטען אין די קברים,
איז דער שוואַרצער טויט געלעגען...

האָט געלאַכט פון פריהלינג׳ם שמחה,
פון די בלוממען זיסס־געפאָרבען,
און געזעהן אין יעדער בליהונג
בלויז פאַר זיך אַ נייעם קרבן...

פריהלינגס־נאַכט

ווייך און דופטיג ווי דער אטהעם
פון אַ שעהנע פרויענציממער,
ליעגט די שטיללע נאַכט פון פריהלינג
אָנגעטרונקען מיט פאַרפומען,

מיט אַ פליאָר פון ווייססע וואָלקען
איז באַצויגען די לבנה—
האָט הפנים זיך באַהאַלטען
אום צו קעננען בעססער טרוימען,

ערד און היממעל ביידע שווייגען
האַלטען איין דעם סוד פון פריהלינג...
און פאַרבאָרגען וואַקסט און שפרייט זיך
שפאַרט און שפראָצט דאָס נייע לעבען...

ערד און היממעל און לבנה,
עפּעס דאַכט מיר זיינען אַללע
טיעף פאַרזונקען אין מחשבות
און מיט זיך אַלליין פאַרנוממען...

עפּעס דאַכט מיר, האָט מיין לעבען
גאָר קיין שייכות ניט מיט זייערן
און איך שטעה און זיפץ און פרעג זיך :
ווער דאַרף ד י ך דאָ, קראַנקעס מענשעל ?...

זומער־מארגען

(1)

פון דעם נעבעלדיגען פלאָנטער
אין דעם מאָרגענליכט דעם קאַלטען
וויקלען לאַנגזאַם זיך פאַנאַנדער,
שאַרפע בולטע געשטאַלטען...

רויט און רויטער ווערט דער מזרח,
צינדט פאַנאַנדער זיך ווי צונטער,
און ארום די לאַנדשאַפט טרייסעלט,
ביסלעכווייז די נאַכט אַרונטער...

ס'הייבט די וועלט זיך אָן צו ריהרען,
העללער טאָג זיך נעהמט באַוועגען;
ס'הערט דאס הירזשען פון א פערד זיך,
ערגעץ שפאַנט מען שוין די וועגען.

אָט שוין קוממט די זונן און קלעטטערט
אויף איהר אויר'דיגען לייטער,
מיילענווייט אין ליכט און שיממער
ליעגט דער טהאל אַ'ן אויסגעשפּרייטער...

נאָר די בערג אַריסטאָקראַטען
אונטער בלויע נעבעלדעקקען
שלאָפען נאָך... די שטראַהלען האבען
ניט די חוצפה זיי צו וועקען...

(2)

טרוימענדיג די הימלען הייגנען,
אויף דער דונקעל גרינער ערד,
בלויע בערג אין מערב קוקען
האלב פארשלאפען, האלב פארקלערט...

און אין שטיללער מארגען־אויר,
ליעגען פעלד און וואלד פארשטוממט,
זעלטען־וועגן א פויגעל טריללערט,
זעלטען־וואו א פליגעל זוממט..

פרייער אטהעמט די נשמה,
טרייסעלט אב פון זיך דעם שטויב
פון דער וויסטער מרה־שחורה—
גרעססער ווערט זי גאר, איך גלויב...

און מיר דאכט זיך ערד און הימעל,
בערג און פעלדער שפיגלען אב,
דאס וואס פיהלט זיך אין מיין ברוסט איצט
דאס וואס טראכט זיך אין מיין קאפ...

זונען אונטערגאַנג

(1)

די זונן פאַרגעהט... און וואַרפט אַ שטילען לעצטען בליק,
אַרונטער אויף די לאַנדשאַפט וואָס זי לאָזט צוריק,
עס שמייכעלט זיך געזעגנענדיג איהר רונד געזיכט,
באַקוקענדיג די וועלט וואָס לעבט נאָר פון איהר ליכט,
אַ צוזאָג, אַז נאָר קורץ וועט זיין די זוממער־נאַכט,
און מאָרגען קוממט זי ווידער אין איהר שטאָלצער פּראַכט,
(אַזוי באַטראַכט די מוטטער ס׳קינד וואָס זי פאַרוויעגט
און שטעהענדיג אין טהיר אַ קושש פון ווייטען שיקט.)

פון אַללע עקקען הימעל זאַממלען שטיללערהייד
אַ מחנה וואָלקען זיך, אין גאָלד און רויט געקליידט,
און שטופּען זיך אַלס נעהנטער צו דעם מערב׳ס ברעג,
אום אָנצוזעהן די שעהנע זונן וואָס געהט אַוועג...
דאָך ביסלעכווייז אַלס בלייכער ווערט דאָס גאָלד און רויט,
די פאַרבען שטאַרבען שוין און ווערען גרינליך־טויט
אַראָבגעקלעטטערט האָט די זונן דעם הימעל׳ס טרעפּ,
עס סטאָרטשען נאָר די בלויע בערג אַרוים די קעפּ
ביין ראַנד פון הימעל, ווי מיט שטאָלץ אויף זייער מאַכט,
און קוקען אן מיט געטטערבליק, די זוממערנאַכט...

(2)

א גאַנצען טאָג האָט אויף די זונן
דער ריעזענבאַרג געהאַרט,
אַ גאַנצען טאָג איהר לעצטען קוסס
מיט אונגעדולד דערוואַרט...

איצט קוממט די גליקליכע מינוט,
די זונן קוממט שנעלל אַראָב,
און בולטער און שטאָלצער שטעקט
דער באַרג ארויס זיין קאָפּ...

אָט פאַללט זי פלאַממענדיג אַרויף,
אויף איהר געליעבטענס קאַרג,
און קוסט מיט הייססער ליעבעסגלוט,
איהר חתן־ריעז, דעם באַרג...

(3)

עס האָט די זונן אַ גאַנצען טאג
געלויכטען און געשטראַהלט,
דאָך האָב איך בלויז אומזיסט פּרובירט
באַקוקען איהר געשטאַלט.

איצט געהט זי אונטער, ביסלעכווייז
צום מערב־קבר קריכט,
און כ'זעה זי קלאָר— דאָך זעה איך בלויז
אַ שטערבענדעס געזיכט..

(4)

עס פאַללט אַרונטער אויף דער ערד,
אַ שטיללקייט ווי פון שרעק,
די רונדע פייערדיגע זונן
שטאַרבט ביסלעכווייז אוועק...

דער הימעל האָט איהר טויטענבעט
מיט ליכט ארומגעשטעללט,
און ס'האָט מיט פלאַממען זיך צוברענט,
דאָס גאַנצע מערב־פעלד...

עס שעפּטשעט אין די הויכע גראָז,
דער ווינד באַקלעמט און שוואַך
זאָגט קדיש נאָך דער גרויססער זונן,
אויף אבענד־ווינטען־שפּראַך..

(5)

עס ענדיגט זיך דער שעהנער טאג,
די געגענד ווערט אַנטשוויגען,
דאָס אבענד־ווינטעל זיפצענדיג
די בוימען נעהמט פאַרוויעגען...

עס איילט די זונן מיט שנעללע טריטט,
אין מעריב־תהום צו זינקען,
באַלד וועט זי אין דעם ים פון בערג
זיך פייערדיג דערטרינקען...

און דונקלער, דונקלער ווערט די לופט
עס שטאַרבט דער טאָג פון זוממער,
עס גוסס'ט עפּעס דאַכט מיר אוים
די גאַנצע וועלט אַרום מיר...

עס איז ניט טאג און ס'איז ניט נאַכט—
ווי לאַנג וועט עס געוועהרען?—
איך זיץ אין הוילע קלעמעניסס,
און וואַרט אויף נאַכט און שטערען...

אבענר

(1)

דער טאָג איז געענדיגט, די זונן איז פאַרהיללט,
דער מעריב ווערט גרינער און בלייכער,
אַ הייפעל פאַרקופערטע וואָלקענס זיך שפּיעלט—
אַ זיסם־מעלאַנכאָלישער זכר,
פון זוממער־טאָג וועלכער פאַרגעהט,
און איבער'ן פעלד זיך צווועהט
אַ דופטיגער זיפץ און אַ ווייכער...

די נאַכט שוין מיט מחנות פון שאַטטענס זיך ווייזט,
די וועלט זיך פאַרוויקעלט אין קוממער,
באַלד קוממט די לבנה אַזוי ווי אַ גייסט
פון בלאַססער פאַרצווייפלונג, אַ שטוממער,
באַשיממערט די געגענד נאָר קוים,
אום מיר אין דעם נאַכטיגען רוים,
צו ווייזען דעם אומעט ארום מיר...

אַזוי ווי דאָס שוואַרצע געוועב פון אַ שפּין,
געדאַנקען זיך פינסטערע דרעהען,
פאַרשפּרייטען און פלעכטען זיך איבער מיין זינן,
און פיללען מיין ברוסט אָן מיט וועהען...
אין איטליכען שאַטטען פון נאַכט
און וואו נאָר איך קעהר זיך מיר דאַכט
נאַטור'ס מרה שחורה איך לייען...

(2)

פון מערב'ס זייט פארשוואונדען ווערט,
דער לעצטער פלעק פון רויט,
די נאכט קוממט אָן, די נאכט ברינגט מיט
געדאנקען פונעם טויט...

דער ים ווערט שווארץ, זיין גרויסעס הערץ
באטריעבט א שווער געפיהל—
דאָס וואססער קנייצט זיך, ס'קנייצט דער ים
זיין שטערען אין דער שטילל...

נאָר דאָרטען געהט פאמעלעך אויף,
די לבנה קלאָר און קאלט,
זי קוממט ווי דאָרט פון יענער וועלט,
א הייליגע געשטאלט..

איהר פנים איז ווי גלויבען זיסס,
ווי גלויבען מילד און בלייך,
דער טויט אלליין מיר דאכט ווערט שעהן,
און שטראהלט דאָרט אין דער הויך...

זוממער־נעכט

(1)

לאנגזאַם האָט די קלויסטערגלאָק שוין,
צוועלף אַ זייגער אבגעקלונגען,
רוהיג ליעגט דאָס קליינע שטעדטיל,
פון אַ זיססען שלאָף באַצוואונגען...

אויסגעשטרעקט די פריהלינג־נאַכט ליעגט
אויף איהר בעטט פון גראָז און בלוממען,
דער לבנה׳ס מילדער שיממער,
האַלט זי, זיסס ארומגענוממען...

ערגעץ־וואו פון ווייטען הערט זיך,
מעלאַנכאָליש פיעדעל שפיעלען,
איינעם לאָזען דאָרט ניט שלאָפען,
פריהלינגס־טרוימען און געפיהלען...

(2)

זילבערשטערן פינקלען צערטליך,
ווינקען מיט נאַאיווע אויגען,
וועקען אויף דאָס אַלטע ביינקען,
אַלטע טרוימען לאַנג צופלויגען...

פון דער ווייכער זוממערנאַכט־לופט,
אין דעם בלויען שטערען שיממער,
האַלב פאַרצויגען מיט אַ נעבעל,
שוויממט ארוים אַ פרויענציממער...

פונעם בלייכען פנים גלאַנצען
שוואַרצע אויגען נאַסס פון טהרערען,
שווערע וואָלקענס פון באַטריעבטקייט,
פינסטערען דעם שעהנעם שטערען,

און זי שמייכעלט אַזוי ביטטער,
קוקט מיך אָן אזוי פאַרטרויערט,
טרייסעלט איהרע לאָקקען, ווי זי
וואָללט אי זיך אי מיך באַדויערט...

כ׳האָב דערקענט זי, ס׳איז די יוגענד,
די פאַרוועלקטע, די פאַרבליהטע,
וואָס די נאַכט האָט אויפגע׳כשופ׳ט,
און מיר דאַכט זי זיפצט אַ ביטטע :

„אַלטע טרוימען לאַנג אַנטשלאָפען,
וועק זיי אויף מיט דיכטערקלאַנגען,
וואָס אין ווירקליכקייט איז טויט שוין
זאָלל עס לעבען אין געזאַנגען.“

(3)

אָהן בוימען אָהן גראָזען אַרום ליעגט דאָס לאַנד,
דער נאַכטיגער ווינד האָט זיין אָטהעם פערהאַלטען,
עס האָט די לבנה אַ שיממער אַ קאַלטען
פאַרשפּרייט אויף די פעלדער ווי טויטענגעוואַנד.

די ערד איז געשטאָרבען, דער הימעל נאָר לעבט,
דאָרט גלימצערען שטערען און ס׳ציהען פון יעדעם
אַרונטער זיך דינינקע גאָלדענע פעדעם,
אַזוי ווי זיי וואָלטען מיך אויבען געשלעפּט :

„צו אונז קומם... דאָרט אונטען איז עלענד און פּוסט,
און טונקסטו זיך נאָר אין די הימעלשע וועללען,
עס הייבען אָן גרויסע געפיהלען צו קוועללען
אַרויס פון דיין קליינצינקער מענשליכער ברוסט...

„דאָרט אונטען איז ענג און די וועלט אַזוי קליין,
דאָך צווישען די שטערען געראַם אַ מחיה,
דאָרט ווערט דיין נשמה אַ ברייטע אַ פרייע,
און שטערענדיג גרויסס ווי דער הימעל אַלליין...“

(4)

די דונקעלע לאַנדשאַפט ליעגט רוהיג און טויט,
אַ טרוקענער מדבר אין שאַטטענס פאַרדעקט,
די קראַנקע לבנה איהר וועקסענגעזיכט
אַרוים אויפען הימעל־זוים שטעקט,
אַזוי ווי אַ בליק אויף די איינזאַמע וועלט,
מיט פחד און שרעק וואָללט איהר פּנים פאַרגעלט,
און קריכענדיג לאַנגזאַם פון אונטער דער ערד,
אין ספק זיך וואָללט זי באַקלערט...

און פלוצלינג זיך האָט זי באַשלאָססען און שפּרינגט
אין גאַנצען ארוים אויף דער הימעלשער שוועלל,
די וועקסענע געלקייט פאַרשוואונדען איז באַלד,
איהר פּנים ווערט ליכטיג און העלל...
זי קלעטטערט און קלעטטערט, איהר צערטליכער שיין
די געגענד מיט מאַנטעל פון זילבער דעקט איין,
און איבער די פעלדער פאַרשפּרייט זיך, מיר דאַכט,
אַ כשוף פון טויזענד איין נאַכט...

איך וואָללט ניט געוואָללט עס זאָלל בלאָזען אַ ווינד,
דאָס רוישען פון צווייג אָדער בלאַטט וואָללט געשטערט,
די גרויססע לבנה וואָס רעדט זיך צונויף
אויף שטראַהלענדער שפּראַך מיט דער ערד...
איך וואָג ניט צו טראַכטען, מיין מענשענגעדאַנק
וואָללט זיין בלויז אַ פאַלשער און מאוס'ער קלאַנג,
אין זייער האַרמאָנישען געטטער־געדיכט,
פון שפּראַכלאָזע שאַטטענס און ליכט...

(5).

ער לבנה'ס זילבער־שיממער
דורך די גרינע צווייגען קריכט,
אויף דעם סאַמעט גראָז דעם דונקלען,
שטיקט זי קווייטען מיט איהר ליכט.

און געווירציג איז דער ריח,
פונעם פרישען היי און גראָז,
אויססער ריחות אבער שפירט זיך
עפּעס נאָך, איך וויים ניט וואָס...

קריכט אריין אין די מחשבות,
און מיט ווייכער קינסטלער־האַנד
מאָלט אין מה פּאַנאָראַמעס
פינזעלט אוים אַ צויבערלאַנד.

פאַלט ארונטער ווי אַ שלאָפטרונק...
ליולעט איין מיט זיססער מאַכט,
וואָס איך טרוים איז גאָר ניט מ י י נ ס מעהר—
ס'חלומ'ט בלויז דער גייסט פון נאַכט...

(6)

ס'דרעמלען אַרום אונז פאַר'חלומ'ט די בוימען,
זיידענע שאָטטענס דעם וואַלד דעקען איין,
איבער דעם וואַססער, אין גלאַנציגע פאַססען
גיססט די לבנה איהר צערטליכען שיין...

ס'שיפפט זיך די לאָדקע אויף וועללען פון זילבער,
ס'קלאַפּפען די רודערס פאַנטאַסטיש צום טאָקט,
פון די טומאַננע מחשבות וואָס ליעגען,
ערגעץ אין ווינקעל פון מח פאַרפאַקט...

שפּילענדיג גרייזעלט דער נאַכטווינד די גראָזען,
ס'וויגען די ווערבעס פערשלאָפען דעם קאָפּ,
טויזענדער גילדערנע אויגען אין הימעל,
פינקלען און שפּיגלען אין וואַססער זיך אָב...

רייד ניט אַ וואָרט איצטער... האַלט אויף אַ רגע
איין פון התפעלות דאָס זיססע געפיהל,
טהו ווי דער הימעל, דער טייך און די ווערבעס,
איטליכער חלומ'ט זיין טרוים אין דער שטילל...

(7)

פון דעם שעהנעם זוממער־היממעל,
ווינקען חן'עוודיג די שטערען,
ס'טראַכט דער וואַלד: זיי מיינען איהם בלויז,
און ער רוישט זיי ליעבע גערען.

ס'טראַכט דער טייך: די קליינע אייגלעך,
מיינען איהם און ניט דעם וואַלד,
און אַ שטאָלצער ליעבע־שמייכעל,
קנייטשט און קרייזעלט זיין געשטאַלט...

נאָר די הויכע בערג אין מערב,
שטעהען פינסטערע און שטומם,
ס'ווינקען בלויז צו זיי די שטערען,
דאָך זיי קוקען זיך ניט אום...

קענען ניט די זונן פערגעססען,
גרויסם און פייערדיג און שעהן,
און די בלאַססע שטערען זעהען
אַזוי אָרעם אוים און קליין...

(8)

די שטערען האָבען זיך פאַררוקט,
דער הימעל איז שטאָק־בלינד,
און אין דער פינסטער וואָיעוועט
דער בייזער שטורעם־ווינד...

עס רוישט און קרעכצט דער אַלטער סאָד,
און טוליעט זיך פון שרעק,
צוטומעלט שפּרינגט אַרוים דער טייך,
און שליידערט זיך צום ברעג...

און ס׳קלייבט זיך אין דער חשך׳ניסס
אַ וואָלקען־חיל שנעלל,
וואַרט אָב מיט שוואַרצער אונגעדולד
דעם ערשטען שלאַכט־באַפעהל...

און פלוצלינג שימערט אויף אַ בליץ,
דער דוננער גיט אַ קנאַלל,
די כמאַרעס די פאַרערגערטע
געהאָרכען דעם סיגנאַל...

עס פליוכעט גאַנצע עמערסווייז...
די מבול און די נאַכט,
פאַרשלונגען האָבען וואַלד און פעלד
אין זייער טייפעל־מאַכט...

(9)

אריבער איז דער שטורעם־ווינד,
דער רעגען איז פארביי,
די ווארעם־פייכטע זוממער נאַכט
היינגט שווער אַזוי ווי בליי...

פון דונער די שיריים נאָך
זיך קייקלען ערגעץ ווייט,
אַ מאַטטער שיממער וואו־ניט־וואו
בליצט דורך די פינסטערקייט...

עס טריעפען מרה־שחורה'דיג,
די בוימען פאַרען הויז,
די זשאבעס קוואקען זייער ליעד
פון נאָהנטען טייך אַרויס...

און ס'בראַדזשעט דורך אַ וואָלקענזוומפּ,
די לבנה אין דער הויך,
שטעקט ווענן־ניט־ווענן אַרויס דעם קאָפּ
און קוקט מסוכן־בלייך...

(10)

אויסגעפוצט זיך נאָכטן רעגען,
האָט דער הימעל שטיללערהייד,
אָנגעטהון זיין זילבער צירונג
און זיין בלאָע יום־טוב־קלייד...

די לבנה אויף דער ברוסט איהם,
שיממערט ווי א העללער קנאָפּ,
ווייססע וואָלקען־קרייזלעך טראָגט ער
ווי תכשיטין אויף זיין קאָפּ...

ריין גע׳טובל׳ט, פּריש פאַרצוואָגען,
שלאָפט דער דונקעל־גרינער וואַלד,
דאָ און דאָרט אַ רעגען־טראָפּען
ווי אַ דימענט בליצט און שטראַהלט...

ס׳שווייגט דער ווינד, די פויגלעך דרעמלען,
פונעם רעגענוועטטער מיעד,
בלויז די גריללען אין דער פינסטער,
קלאפּען זייער זוממערליעד...

(11)

מיט רויכיג־שוואַרצע וואָלקענס איז
די מערב־וואַנד פאַרהאַנגען,
בגנבה הינטער זיי די זונן
איז אין די בערג פאַרגאַנגען,

די געגענד ליגט אין גרויען ליכט
צו־וואָרפען אָהן אַ סדר,
עס טהוט זיך אָן די גאַנצע וועלט
אין אַלטע שטורעם־קליידער.

די בוימען שאָרשקען רוגזה'דיג:
וואו קענן מען זיך אַהינטהון,
עס קוממט אַ נאַכט, אַ שוואַרצע נאַכט
פון רעגען און פון ווינטען...

אָט פלאַקערט שוין אַרוים אַ בליץ...
באַלד קוממט ער דער מחבל,
דער ווילדער שטורעם פון די בערג,
און ברינגט מיט זיך אַ מבול.

(12)

אָבגעטוממעלט האָט דער שטורעם
האָט זיין כעס שוין אויסגעלאָזען,
זיססע זוממער־נאַכט־מנוחה
שמעקט פון בוימען און פון גראָזען...

ניט אַ זכר פון אַ וואָלקען...
פון די בלאָע היממעל־בייטען
הייבען אָן ארויסצושפּראָצען,
טויזענד גאָלד־ און זילבער־קווייטען...

נאָר די בערג אין מערב שטעהען
פינסטער שוואַרץ ווי תפיסה־טהורעמס,
אינעווייניג פעסט פאַרשלאָססען
ליעגען אָנגעקייט די שטורעמס...

(13)

דער נאַכט לויתן אין זיין בויך
פאַרשלונגען האָט די טהאלען,
ווי ווילקאלאקעס גרויס און שוואַרץ
פון ווייט די בערג זיך מאָלען.

אַ מנין קליינע שטערען צאַנקט
און ראַנגעלט מיט דער נאַכט זיך,
דער באַרג־שטראָם פליוסקעט מיט אַ קול
פון תקון־חצות, מיר דאַכט זיך.

די גריללען קלאַפען נאָכאַנאַנד
דעם אומעט צו פאַריאָגען,
און פרעגען אַללע ווײלע זיך :
ווענן הייבט שוין אָן צו טאָגען.

די ערסטע פליעג

די זונן האָט מיט פינגער פון שטראַהלען
געוועקט און געוואַרעמט די וועלט,
געקוססט און געמונטערט די בוימען
פאַר'חלש'ט פון ווינטער און קעלט.

די ערד האָט געשמייכעל'ט, ווי ס'שמייכעלט
אַ קינד, וואָס ערוואַכט און דערזעהט
דעם צערטליכען בליקק פון זיין מוטטער,
און פיהלט אויף זיין פנים איהר גלעט.

און אויפען לאַזור־הימּמעל האבען
זיך, ווייססינקע וואָלקענס געשפּיעלט;
עס האָט אין דער לופט זיך די בשורה,
פון פרעהליכען פריהלינג געפיהלט...

אַ קליינציגע פליגעלע, אַקאָרשט
געבאָרען, ווי ס'וואָלט זיך געפרייט
מיט לעבען און פרייהייט, האט לוסטיג
די זיידענע פליגלען צושפּרייט
אַנטקעגען דאָס ליכט פון דער זונן, און
זיך טראָגענדיג הין און צוריק,
געזוממט אויפען לשון פון פליגען
פון פריהלינג און יוגענד און גליק...

נאָר באַלד איז זי טרויריג געוואָרען,
באַטריבט אויף אַ גראָז זיך געשטעלט,
עס איז איהר דער חשק פאַרגאַנגען
צו זוממען, איהר האָבען געפעהלט
צו זיך אַ פּאָר אַנדערע פליגען,
וואָס זאָללען איהר זוממען פאַרשטעהן,
און אומעדיג איז איהר געוואָרען,
צו ריהמען דעם פריהלינג אַלליין.

איהר פליגענעם מח'ל אפשר,
באַטריעבט דער געדאַנק האָט, אַז מאַי
וועט ברינגען נאָך טויזענדער פליעגען;
ביי זיי וועט דאָס לעבען זיין ניי,
ווען זי וועט פאַרטריקענט שוין ליעגען,
און טויט אויף אַ בערגעל פון מיסט...

* * *

ווער דענקט פון די פליעג וואָס האָט פריהער
פון אַללע, דעם פריהלינג באַגריססט?...

די ביהן

פון איהר קליינעם קעמערעל,
זוממענדיג א זמר׳ל
קוממט אַרוים די גאָלדענע
ריהרעוודיגע ביהן...

זעהט זי וואו אַ בייטעלע,
שפירט זי וואו אַ קווייטעלע,
שפרייטענדיג די פליגעלאך,
לאָזט זי זיך אַהין.

שמעקענדיג און זוכענדיג,
לעקענדיג און ניוכענדיג,
אונטער יעדען גרעזעלע
אונטער יעדען בלאַטט—

נעהמט זי נאָר וואָס וויכטיג איז,
ריכטיג־זיסס און ציכטיג איז,
קלייבט זי נאָר וואָס ניצליך איז
מיידט זי אוים וואָס שאדט...

ביז, זיך פלייססיג מיהענדיג,
זויגענדיג און ציהענדיג,
אין איהר קליינעם מיילכעלע,
זאַפּט פון גראָז און בלומם—

שאַפט זי אין איהר מעגענ׳דעל
זיך אַ קליין פאַרמעגענ׳דעל,
שטאָפען אָנגעקליבענע
פון דער וועלט ארום...

דאַנן ווענן אבגע׳פטר׳ט זי
האָט דאס קלייבען — פלאַטערט זי
מיט איהר גרויססען אוצר׳ל
אין איהר קליינעס הויז—

ווענן זי האָט געפונען שוין
וואָס זי דאַרף, אין זוננענשיין,
אַרבייט זי אין פינסטערניסס,
זיססען האָניג אוים...

אסיען

(1)

עס בייט זיך דאָס וועטער,
עס פאַללען די בלעטטער,
דער שטורעם איז מספּיד דעם זוממער,
עס ציהען די וואָלקענס אין שטוממער
פאַרצווייפלונג אַריבער,
און ווערען אַלס טריבער—
מיר דאַכט זיך עס טרויערן די געטער...

דאָס לוסטיגע לעבען,
דאָס פליהען און שוועבען
פון טויזענדער פויגלאַך און פליגען,
געוואָרען איז אַלסדינג אַנטשוויגען—
די וועלט איז זיך מכין,
דעם ווינטער דעם בלייכען
און קאַלטען זיך איבערצוגעבען...

עס קאַפּעט אַ רעגען,
די בוימען באַוועגען
די נאַקעטע צווייגען ווי מיעדע,
און מורמלען ווי זאָגענדיג ודוי :

„וואָס טויג אונז אַ לעבען,
אָהן וואַקסען אָהן שטרעבען?—“
מיר דאַכט זיך, איך הער, ווי זיי פרעגען.

„דאָס לאַנגזאַמע קרענקען,
דאָס גריבלען און דענקען,
און בלויז מיט זכרונות זיך לאבען,
פון בלוממען וואָס זיינען באַגראָבען,
פון דופטען און קלאנגען,
וואס זיינען פאַרגאַנגען,
וואָס טויג אזא ל ע ב ע ן פון ב י י נ ק ע ן?...“

(2)

אקעטע טרייסלען ביים וועג זיך די בוימען,
ס׳יאממערט א קינה דער ווינד דורך די צווייגען,
אונטער די פיסס מיינע קנאַקען און קרעכצען,
בלעטטער פאַרטריקענטע געלע און ברוינע,
וועלכע דער אָסיען האָט איבער דעם קבר,
פונעם געשטאָרבענעם זוממער פאַרשפרייט...

שטילל קלאגט דער אָסיענווינד... קוים וואָס מע הערט איהם,
שטילל ווי דאָס קלאָגען פון בלייכע אבלים,
ווענן ס׳האָט דער וועהטאָג זיין קול שוין פאַרלאָרען,
טיעפער זיך אבער באַגראָבען אין ברוסט.

שטילל קלאגט דער אָסיענווינד... אויבען דער הימעל
היינגט אַזוי בלוי און אָהן וואָלקען ווי זוממער,
ליכטיג ארום איז די געגענד, פון וויטען
זעהען די בערג זיך, די שומרים פון הימעל,
אבער פון הימעל און בערג די מנוחה,
איז פונעם טויט נאָר די פראָסטיגע רוה,
איז נאָר אַ בילד וועלכעס מ אָ ל ט פאַר די א ו י ג ע ן,
יענע פערצווייפלונג און וויסטקייט און קוממער,
וועלכע דער אָסיען־ווינד ווינט אין מיין א ו י ע ר.

שטילל קלאָגט דער אָסיענווינד... חזר׳ט און חזר׳ט
תמיד דעם זעלביגען טרויריגען צושפיעל,
ביז אין מיין הערצען געפינט ער א׳ן אבקלאנג,
ביז מיין פאַראומערטער כח הדמיון
ז ע צ ט יעדען מינדעסטען שאָרך פון די בלעטטער
א י ב ע ר אין ביטטערע ווערטער פון יאוש.

אסיען־נאכט

באַדעקט איז מיט שמאַטעס דער הימעל,
די וועלט איז פאַר׳צרה׳ט און אַלט,
די לבנה פאַררוקט אין די וואָלקען
איהר מאוס׳ע געלע געשטאַלט.

צולאָפען די שטערען פון אימה,
דער ווינד פייפט אַ טויטענמוזיק,
און שאָקעלט און טרייסעלט די צווייגען,
אכזריות׳דיג הין און צוריק...

איך וויל ניט קיין ליכט אין מיין צימער,
איך קוועלל פון דער העסליכער נאַכט,
די מאוס־פאַר׳חשכ׳טע וועלט איז
דער שפיגעל פון דעם וואָס איך טראַכט.

אויפ'ן ים

דער ים איז שטילל,
עס געהט די שיף,
מיט שטאָלצער רוה איהר וועג,
און לאָזט נאָך זיך
אין גרינעם ים
אַ ווייססען לאַנגען פלעק...

פון וויטען זעהט
אַ אינזעל זיך,
באַדעקט מיט גרינעם וואַלד,
די לופט איז פריש,
דער היממעל בלוי,
די זונן זי קוויקט און שטראַהלט...

עס וויעגט מיין זינן
זיך מיט'ען ים,
אין זיססען „הין־און־הער“,
און אויפען דעק,
שטעה איך און קוק,
און ווער פאַרטרוימט אַלץ מעהר...

איך ווייס ניט וואָס,
איך ווייס ניט ווי,
עס טראַכט און פיהלט זיך סתם,
עס שטרעקט און שפּרייט
דער גייסט זיך ברייט
און רוהיג ווי דער ים...

איך שפּיר אין זיך,
דעם שעהנעם וואַלד,
דעם בלויען הימעלצעלט,
די שטראַהלען פון
דער גרויססער זונן,
דאָס ברייטע וואַססער־פעלד...

שניי

שניי אין דער פריה איז געפאַללען,
אַזוי רוהיג און ליכטיג,
און קלאָר־ווייס און ציכטיג,
ווי קינדערשע אונשולד אלליין...

דאַנן זיינען געקוממען די שטראַהלען,
געשטיפט, און אומאַרעמט
דעם שניי און צו־וואַרעמט—
דער שניי האָט גענוממען צוגעהן...

באַוויזען זיך איינציגווייז האָבען,
די בלאָטיגע קויטיגע פלעקען,
דער שמוץ וואָס געווען איז פאַרגראָבען
דעם שניי האָט גענוממען פאַרמעקען...

געבליבען נאָר גאַנץ,
איז דער פראָסטיגער גלאַנץ
פון שניי, וואו עס האָט איהם,
דער וואַרעם־געפעהרליכער אטהעם
פון זונן, ניט דערגרייכט צו באַריהרען
און קוססענדיג איהם רואינירען...

* * *

פאַרבליבען דער שניי דאָרט איז אונשולדיג־ווייס
און ציכטיג—דאָך קאַלט און פאַרפראָרען אויף אייז...

(2)

ווייסע בלוממען פונעם הימעל,
פאַללען איבער וואַלד און פעלד,
העלפט צוגעהען און פאַרשווינדען,
העלפט פאַרפרירען אין דער קעלט...

אויסגעשטאָרבען איז די לאַנדשאַפט,
וואו־ניט־וואו אַ'ן איינזאַם הויז,
ווייסם פאַרשנייט ווי אַ מצבה,
סטאָרטשעט פון דער ערד אַרויס...

אויסגעפוצט מיט גרינס און בלוממען,
איז דאָס פריהלינגס־לעבען שעהן,
דאָך פון ט ו י ט די שטיללע שעהנקייט
מאָלט דער ווינטער נאָר אַלליין...

שליטטען־גלעקלעך

זיסס באַצויגען איז די וועלט
מיילענווייט ארום,
איינגעפראָרען אין דער קעלט
ליעגט די געגענד שטומם...

דער לבנה'ס ערנסט בילד,
בלייך און רוהיג שטראַהלט,
און די שטערען פינקלען מילד
פראָסטיג־זיסס און קאָלט...

און פאַרדעקט מיט בלויען ליכט
גלאַנצט דער הארטער שניי,
און עס גלימצערען געדיכט
פונקען אַללערליי...

שליטטענס קוממען פון דער ווייט
ווי פון טרוימלאַנד אן,
דורך די קלאָרע רוהיגקייט,
הילכט דער גלאָקען־טאָן...

און אַלץ נעהנטער נעהנטער קוממט
אין דעם קאַלטען רוים,
דאַנן ווערט שוואַכער און פאַרשטוממט,
און ס'פאַרגעהט דער טרוים,

אבער ווי פאַר'כשופ'ט לאַנג
בלייבען הערץ און זינן,
נאך דעם שליטענגלאָקענקלאַנג,
ציהט עס מיך אַהין...

נאַציאָנאַלע און צייט ליעדער

דער פאלקסגייסט

זעה דעם גרויססען שטאַרקען טייך,
וויא ער ציהט זיך קרומם און גלייך,
וויא ער געהט זיין שטאָלצען וועג,
צום באַשטימטען וויטען צוועק—
ווייסטו וויא צוערסט געבאָרען,
איז דער ברייטער טייך געוואָרען?—

ערגעץ־וואו אין בערג באַהאַלטען,
פון די טיעפע פעלזען־שפּאַלטען,
רינט אַ וואַסערעל און פאַללט,
פונעם זוננענליכט באַשטראַהלט,
בליאַסקעט פינקעלט און זיך דרעהט,
וויא אַ גאָלד־געשמידטע קייט,
באַלד אַהין און באַלד אַהער,
וואַקסענדיג אַלץ מעהר און מעהר...
פּלוצלינג ווערט ער גאָר פאַרפאַללען,
פון די העללע זוננענשטראַהלען,
ווערט פאַרבאָרגען אין דעם תהום,
דאָך עס וואַקסט דער וואַססער־שטראָם,
ניט מע זעהט איהם, ניט מע הערט,
דאָך זיין גבורה זיך פערמעהרט,
אין די הייהלען פון דער ערד...

אזוי געהט ער מיילען, מיילען,
און די וועללען זיך פארוויילען
אין דער פינסטער, דאך זיי איילען
דארטען אונטען אין דער שטילל
אונגעשטערט צו זייער ציעל...
שטענדיג מעכטיגער און שנעללער
ביז עס איז די צייט געקוממען,
וועגן מיט קולות און מיט ברוממען,
און מיט רעש'ען און מיט רוישען,
שפרינגט א ברייטער שטראם א העללער,
פון דער טיעפער ערד ארויס־שוין.

* * *

אין דער פינסטערניסס פארבארגען,
נעהרט זיך לאנג פון פאלק דער גייסט,
ווערט פון וואונדער־מן געשפייזט ;
אויבען כלומרשט טויט־דערווארגען,
קלייבט ער אונטען נייע קרעפטען,
וואס זיך זאממלען און באהעפטען,
און זיך מאכען שטיללערהייד,
פאר דעם צוקונפט־קאמפף בארייט...

איינגעקריפעלט, אבגעזונדערט,
פון יאהרהונדערט צו יאהרהונדערט,
טראגט דעם גורל ער דעם הארטען,
לערנענדיג געדולדיגווארטען,
און די כחות זיינע שפארט,
ביז דער רעכטער צייט און ארט...

דאַמאָלס שפּרינגט ער ווי אַ גבור,
אונ מיט מוטה אַ וועג זיך ברעכט,
צייט פון ווארטען איז אַריבער
אונ דער ריעז פאַרלאַנגט זיין רעכט...

מאַכט איהם ווארע... לאָזט איהם שטרעבען!
זיין צונויפגעדרעהטעם לעבען,
פון זיין ענגען שטייג דעם שמאָלען,
ווילל זיך פריי פאַנאַנדערראָללען...
אונ די גאַנצע וועלט צוזאַממען,
קענן דעם פאָלקסגייסט ניט פאַרצאַמען...

דער לעצטער שלום

צווי בעטטען שטעהען אין שפיטאל,
אויף איינע האלב־געשטאָרבען,
די אויגען שטאַרר, דאָס פנים געל,
די ליפּפּען בלאָ־געפאַרבען,
אַ איד זיך מאַטטערט... פון פּאָגראָם
אַ פריש געבראַכטער קרבן...

און אויף דער צווייטער קרעכצט אַ קריסט—
געבראַכט איהם האָט דער וואגען,
צוגלייך מיט יענע וועלכע ס'האט,
זיין מערדער־האַנד געשלאָגען,
צוגלייך מיט יענע וועלכע ר'האָט,
אומזיסט אַ האַסס געטראָגען...

שוין פלאַטטערט איבער יעדענ'ס קאָפּ,
דעם מלאך המות' פאהנע,
דער איד זאָגט ודוי... און דער קריסט
זיך צלמ'ט מיט כונה...
און ס'וועט נאָך יעדען וויינען באַלד,
אַ'ן עלענדע אלמנה...

די גוסס'ע באַקוקען זיך...
פון אויג און הערץ פאַרשוואונדען
איז יענע שנאה וועלכע ס'האט,
דאס לעבען אנגעצונדען—
עס זעהען זיך מיט מיטלייד אָן,
צוויי בית־הקברות קונדען...

און ביי דעם סאַמע קבר־שוועלל,
וואו אַללע אונטערשיידען,
פון איד און קריסט זיך גלייכען אוים,—
די שותפות'דיגע ליידען,
צום ערסטען מאָל, צום לעצטען מאָל,
פאַרבונדען האָבעןביידען...

דער שטן גיפטיג האָט געלאַכט,
עס האָבען די טייוואָלים,
פון זייער שוואַרצע טיעפעניסס
געענטפערט אויפען קול איהם :
„די לעבעדיגע קוילען זיך,
די גוססה— זי מאַכט שלום...

דער בלוממענשטאק

עס חשכ'ען אין פייכטער ערד
די וואָרצלען שטוממערהייד,
זיי ווייססען ניט ווען מאָרגען קוממט
ניט ווענן דער טאג פאַרגעהט...

זיי אַרבייטען סיי טאָג סיי נאַכט,
און פלייססיג ווערט געשאפט,
דער ב ל ו מ מ ע נ ש ט אָ ק, ער קען זיך ניט
באַגעהן אָהן וואָרצעל־זאַפט...

און אויבען וויעגט דער יחסן זיך
און לופט און ליכט געניססט:
אַ גאַנצע מחנה שקלאַפט פאַר איהם
אין פינסטערניסס און מיסט...

שעהן דעקלאַמירט, אבער...

פאַרטראַכט זיינען אַללע אין צימער געזעססען,
מיר האָבען צו ציהען דעם אטהעם פאַרגעססען,
ווענן זי האָט איהר ליעד דעקלאַמירט,
אַ בילד פון דעם אַרבייטער־לעבען דעם שווערען,
געשילדערט אין ווערטער געטונקטע אין טהרערען,
מיט בלוטיגע פאַרבען קאָלירט...

איהר תמיד צולאָזענעם בליק האָט באַצויגען,
אַ נעבעל פון מיטלייד, ווי שווער וואָללט געוואויגען,
דער שיקזאַל פון פאָלק אויף איהר ברוסט,
אַזוי ווי זי וואָללט אין דעם הערצען די משא
געטראָגען פון יענער פאַר׳חשכ׳טער מאַססע
און זי וואָלט זיי העלפען געמוזט...

אַ קינד וואָס געוועהנליך פלעגט לאַכען און שטיפען,
אַ לוסטיגע מיידעל מיט לייכטע באַגריפפען,
ווער האט זי געמאַכט צו פאַרשטעהן,
אַז אויססער גירלאַנדען פון בלוממען און קוויטען,
געפינען אויף דער וועלט זיך בייטשען און קייטען,
און אויססער געלעכטער — געוויין?—

און זי האָט געלעזען אַלץ זיססער און שענער,
געוואָרען אַלץ ריהרענדער זיינען די טענער,
עס האָט אונז צו וויינען געמאַכט...
דאָך... באַלד האָט דאָס מיידעל געענדיגט איהר לעזען,
איז ווידער שוין לוסטיג ווי תמיד געוועזען,
ווי תמיד געשטיפט און געלאַכט.

איצט האָט זי געטאַנצט און אַ „גאַססליעד" געזונגען,
עס האָט זיך צוריק אויף דעם פנים דעם יונגען,
דער שמייכעל פון לייכטזינן פאַרשפּרייט;
„דער פאָלקסשמערץ ער לעזט זיך אַזוי שעהן אין גראַממען,
צו וואָס אָבער טויג זיך דאָס לעבען פאַר'סם'ען,
מיט פרעמדע יסורים און לייד..."

אלימפּוס און חורב

איך בין פונעם לעבען אַנטרונענען...
אַ בלוטיגער מבול די וועלט האָט פאַרטרונקען,
און הויפענווייז זיינען די לעבענס פאַרזונקען,
דערגרייכט האָט דעם שוואַרצען פערוואָלקענטען הימעל
פון גוסס׳ע מאַססען דער ווילדער געטיממעל...
דאָך מיר האָט פון זיססע דמיונות מיין מח
אַ תבה געבויט ווי פאַרצייטען האָט נח,
און האָט מיך אַריבערגעטראָגען די וועללען,
צום דופטיגען באַרג צו אָלימפּוס דעם העללען,
וואו איך האָב נאָך פריידען געפונען...

די לעבענס וואָס געהען דאָרט אונטען פאַרלאָרען,
דאָס גוסס׳ען... מיר זיינען ארויס פון זכרון
די לאַכענדע געטטער אין מענשענגעשטאַללט,
מיר האָבען תענוגים געוואונקען,
און לוסטיגע נימפען מיט זיססער געוואַלט,
מיך האָבען מיט תענוג באַטרונקען...

אָלימפּוס איז שעהן,
די לופט איז דאָרט ריין,
עס לעבט זיך גאָר לוסטיג אויף איהם,
דאָך פלוצלינג מיך וועקט
אַהן מיטלייד און שרעקט,
אַ׳ן אַלטע פאַרגעסענע שטימם... :

„אַ באַרג איז אַ צווייטער פּאַראַנען,
עס לאַכען קיין נימפען דאָרט ניט,
די בלוממען וואָס וואַקסען דאָרט וויאַנען,
נאָך איידער זיי האָבען געבליהט...
דאָרט שמעקען די גראָזען מיט מתים־געררוך,
די ווינטען דאָרט בלאָזען אַ'ן אייביגען פלוך,
דעם באַרג רופט מען חורב און אָפטמאָל זיך הערט,
אַ קול דאָרט אַזוי ווי פון אונטער דער ערד:
„אַזש וועה, צו די קינדער וואָס זיינען פאַרטריבען,
אַזש וועה, צו די לעבענס וואָס ווערען צורריבען,
און ווערען אין תהום פונעם שיקזאַל פאַרטראָגען,
און האָבען צו־מאָל ניט ווער ס'זאָלל זיי באַקלאָגען...

„דו האָסט דיינע לאָקקען מיט לאָרבער באַקראַנצט,
פאַרגעססען די ליידענדע ברידער,
פאַר דיר האָט די וועלט און דאָס לעבען געטאַנצט,
געפלאָכטען נאַר האָסטו די ליעדער,
אַזוי ווי אַ זאָרגלאָזעס קינד,
קלייבט בלוממען אין פעלד און פאַרבינדט,
און האָט ניט קיין אנדערען ציעל
אין זיננען, ווי לוסטיגען שפיעל...
דאָך האָבען דאָרט ווייט דיינע ברידער געשמאַכט,
און טהרערען פאַרגאָססען ווען דו האָסט געלאַכט...
און איטליכעס טרייסט־וואָרט וואָס דו וואָללסט געזונגען,
זיי וואָללטען מיט דאַנק און מיט דורסט עס פאַרשלונגען,
עס האָבען די טויטע געוואָרט,
דו זאָללסט זיי אַ הספד כאָטש זינגען,

עס האָבען די קראַנקע געהאַרדט,
דו זאָללסט זיי ערלייכטערונג ברינגען,
עס האָבען די קעמפּפער געגאַרט
זאָללסט זאָגען : דער שטרייט וועט געלינגען.

„און אַלעמען האָסטו גענאַררט...

„און מיינסטו דיר וועללען באַקוממען,
די געטטער און נימפען און בלוממען ?—
ס'וועט לאַנגזאַם אַזוי ווי דאָס גיפט פון אַ שלאַנג,
דער שמערץ פון דיין פאָלק זיך פאַרשפּרייטען
דורך איטליכעס ליעד דיינס, דיין יעדעס געזאַנג,
אַ טרויער־מוזיק וועט באַגלייטען...
און דער וואָס וועט לעזען וועט זאָגען
און טייטלען אויף דיך מיט די פינגער :
דער אָרעמער אידישער זינגער,
עס ווילט זיך איהם לאַכען, דאָך קלאָגען
ניט וויללענדיג מוז ער, דער צאָרניגער גייסט
פון ליידענדען פאָלק, האָט נקמה
גענוממען פון דיכטערס נשמה
און תמיד פאַר איהם זיך אין חלום באַווייזט...“

זכר לחורבן

א פאָלק פון אבילות נאָר ביסטו מיין פאָלק,
וואָס טרויערט אפילו אין פריידען,
דיין אויסזעהן, דיין הלוך, דיין ריידען, דיין קוק,
זיי קענען זיך קיינמאָל ניט שיידען,

פון יענעם פאַרשאָלטענעם איכה־מאָטיוו
וואָס איז דיר פאַרקראָכען אין בלוט שוין,
פון שלאַנגען זכרונות וואָס הערען ניט אויף
דיין מח צו טאָטשען און מוטשען...

אָט קוממט אָן אַ פסח, פון סדר די נאַכט,
עס שיממערען אַללע פיער ווינקלען,
דער טיש ווי ביים קייזער געדעקט מיט כל טוב—
ווי פרעהליך די קעלישקעס פינקלען!...

און „אונזערער" זיצט ווי אַ מלאך און טהראָנט,
אַרום איהם זיין קליינע מלוכה,
די ווייב אין תכשיטין, די קינדער פאַרפּוצט—
ווער דאַרף נאָך מעהר גליק און מנוחה?...

דאָך קוקט אויף זיין מלבוש... אַ טויטענגעוואַנד,
אַ קיטטעל אַ קלייד פונעם ארון,
דער מלאך הדומה, דער קבר, דער טויט
גאָטט ווייסס וואָס איהם שפוקט אין זכרון...

און קוממט שוין צו נעהמען אַ ביססען אין מויל,
אַ'ן איי איז די ערסטע הקדמה...
א זכר פון חורבן, פון טרויער, פון שלעג,
צו גאָר פון יציאת נשמה...

און זכר לגלות און זכר לטיט
און אַללערליי וויסטע ענוים,
אַבי צו פאַרגאַללען די רגע פון פרייד,
פאַרשטערען דאָס ביסעלע רוה איהם.

* * *

אַ פאָלק פון אבילות נאָר ביסטו מיין פאָלק,
אפילו אין שמחות פאַרטרויערט,
דאָס פינסטערע פאָרעל פון חורבן און טויט
ליעגט ערגעץ אין ברוסט דיר פאַרלויערט...

די בלוטיגע איינוויהונג

איך האָב אַ ווילדען טרוים געהאַט...

איך בין געשטאַנען אין אַ וויסטען טהאל,
אַ ברייטע גרוב פון פעלזען איינגעשלאָססען...
אַ חשכ׳ניסס געדיכט און שטיקעדיג
און שווער ווי בליי פאַרגליווערט האָט די לופט...
און ווי דער קוואַק פון זשאבעס אין אַ זומפּ,
באַלד דומפּ געהילכט, באַלד שטומם געוואָרען,
איז פון אַ טויזענד גוסס׳ע דער קרעכץ...

איך בין דער איינציגער געווען
וואָס האָט געלעבט צו בלויז געזשאַפּעט נאָר,
מיין אטהעמצוג דער איינציג הויך
פון וואַרעמקייט, און טויט און קעלט ארום,
און מיך אַ ל ל י י ן מיין אטהעם האָט געשטיקט
מיט שוועבעל און מיט גיפט געדוך...

און דורך דער פינסטערניסס געגלאָצט
די שטערען האָבען דונקעל־רויט,
ווי גרויססע פונקעלדיגע אויגען,
מיט אָדערען פון בלוט פאַרלאָפען...

און אויסגעוואקסען פלוצלינג איז,
פון אונטער מיר א ריעזיגע געשטאלט,
איהר פנים איז פארהילט געווען און איך
האב בלויז געזעהן איהר מורא׳דיגע גרויסס...

דאנן שטרעקענדיג א האנד צום רויטען הימעל,
ארויסגעפליקט האט די געשטאללט א׳ן אויג,
א רויטען פונקעלדיגען שטערען,
וואס האט זיך שנעלל צופלאקערט אין א פלאמם...
און טראגענדיג דעם שטערען שטאטט א ליכט,
געגאנגען איז זי רונד ארום דעם טהאל...

און כ׳האב דערזעהן פאר זיך א פעלד,
מיט טויזענדער הרוגים אנגעווארפען,
געפאקט אזוי געדיכט אז ס׳האט מיין אויג
קיין איינציגען באזונדער ניט געזעהן—
איין גרויססע בלוט־געטונקטע מאססע בלויז
געצוקט האט אין די לעצטע טויט־יסורים,
איין גרויססער מענשען־בארג זיך האט
געקייקעלט אין א לעצטער פיין...

דאנן האט די ריעזיגע פיגור,
פון ערגעץ־וואו ארויסגעשלעפט א כוס,
און בייגענדיג זיך צו די קערפערס,
ארויסגעדריקט פון איטליכען א טראפפען,
ביז פולל געווארען איז דער בעכער,
מיט פורפור־רויטען בלוט צום ראנד,
דאנן האט זי אויפגעהויבען הויך,

דעם אָנגעפּיללטען בעכער און איך האָב
דערהערט אַ קול, ניט ווייסענדיג פון וואַנען:

„מיט מענשענזאַפט איז פולל מיין כוס,
„מיט רויטען בלוט מיין קידוש־גלאָז,
„די גרויססע צוקונפט מיט דעם וויין
„פון טויזענד לעבענס ווייה איך איין...“

דאַנן איז פאַרשוואונדען די געשטאַלט,
דער שטערען האָט זיך אויסגעלאָשען,
און ווי דער קוואַק פון זשאַבעס אין אַ זומפּ,
באַלד דומפּף געהילכט באַלד שטומם געוואָרען,
איז פון די שטערבענדע דער קרעכץ...

די העלדען פון זשיטאמיר

א, טויטע העלדען ווען איך לייען,
אין בוכשטאַבען פאַרבלוטיגט רויט,
די נייס פון אייער גבור־טויט,
איך מוז אי וויינען, אי זיך פרייען...

און שטעהענדיג אין שמערץ געבויגען,
אויף אייער קבר מיר ערשיינט,
דער מאָרגענדיגער לוין פון היינט,
מיר גלאַנצט דער צוקונפט'ס רעגענבויגען...

און אין די שוואַרצע איכה־קלאַנגען,
פון אונגליקליכען פאָלק וואָס מאַכט
„אל מלא רחמים“ אייך, מיר דאַכט
צוגלייך זיך הערען ווי געזאַנגען,

וואָס וועקען ווי מוזיק די אויערן : —
„דאָס שקלאַפענפאָלק עס האָט ערוואַכט
און ברעכט מיט זעלבסטבאַוואוסטער מאַכט,
פון זיין געפענגעניסס די טויערן...

מיט אויפגעהויבען שטאָלצען שטערען,
מיט יונגער קראַפט אין יעדען גליעד,
מיט מעכטיג־פעסטע שמשון־טריטט
זיך געהט עס קעגען שונא וועהרען...

און פֿאַדערט „עין תחת עין“
אוּן דאָרטען וואו דער יושר פֿעהלט,
זיין אָרעם האָט עס אויפגעשטעלט,
צו זיין דער ריכטער און דער דיין;...

אַ, שטאָלצער טאָג אי זיסס אי ביטטער,
ווענן זעלבסט־באפרייטע גלות־קנעכט,
מיט שמחה געהען אין געפעכט,
און פֿאַללען קעמפפענדיג ווי ריטטער...

אין הערצען מוטה, אין האַנד כלי־זיין
און אין די אויגען יענער ברען,
וואָס איז פון תמיד אָן געווען,
דער סמן פון אַ פֿאָלק אַ פרייען...“

* * *

אַ, טויטע העלדען ווענן איך לייען,
די נייס פון אייער גבור־סוף,
איך פלוך און בענש, איך האַסס און האָף,
איך מוז אי וויינען, אי זיך פרייען...

נאָך דער לויה

באַגראָבען די הרוגים שוין,
פאַרשאָטען די קרבנות,
פאַרגאָססען אמת־אידישלעך
פון טהרערען אַ׳ן אוקינוס...

דעם לעצטען קדיש אָבגעזאָגט,
מע שליסט שוין דעם בית־עולם...
אַ זיפץ, אַ קרעכץ... און איינציגווייז
אַהיים צוגעהט דער עולם...

אַ ווײלע די צואוואָרפענע,
א י י ן וועהטאָג האָט פאַרבונדען,
אַ ווײלע די פאַרפראָרענע,
א י י ן פלאַמם האָט אָנגעצונדען...

איין יאוש און איין האָפענונג,
איין חשק צו מלחמה,
א י י ן שטאָלץ, א י י ן כעס, א י י ן שטורעם פון
דער גרויססער פאָלקס־נשמה...

איצט שליססט מען דעם בית־עולם שוין...
אַ גאָטט, ווי לאַנג געדויערן
וועט יענער א ח ד ו ת־פונק וואָס שטאַממט,
פון ש ו ת פ ו ת׳ד י ג ע ן ט ר ו י ע ר ן?...

וויסטע צייטען

ולא מצאה היונה מנוח
ותשב אל התבה.
(נח קאפ. ח.)

אין תבה קוממט צוריק די טויב
מיט בלוט באַנעצטע פליגלען,
זי וואָרקעט און זי כליפּעט שטילל...
אין איהרע אויגען שפּיגלען
זיך גאַנצע טייכען פולל מיט גאַלל
און גיהנום׳ם מיט יסורים...

„זאָג, טייבעל־קרוין, צי האָט זיך נאָך
ניט איינגעשטיללט דער שטורעם,
צי וועט די תבה אונזערע,
נאָך לאַנג אין מבול שווימען?...
צי זעהט זיך ניט קיין גרינע בלאַטט
קיין פרישער לעבענס־סמן...“

זי וואָרקעט און צוכליפּעט זיך:
„פאַרהיינג די תבה־שויבען,
ניט נאַרר זיך מעהר פון יעדען שטראַהל
און שיק ניט מעהר קיין טויבען...

„דער ווילדער שטורעם לאָזט זיך ערשט
פאַנאַנדער אין זיין צאָרען,
דער מבול איז שטאַטט וואַססער איצט
אַ מבול בלוט געוואָרען...

„עס איז די צייט פון אשמדאי,
דעם מלך פון צושטערען,
זיין שפּייז איז מאַרך, זיין ווײן איז בלוט,
זיין זיסע לאבונג — טהרערען...

„פאַררוק זיך אין דיין תבה־שטייג...
אין שטיקענים און שימעל,
אין האַנד פון טייפעל וועללען לאַנג
זיין לופט און ערד און הימעל...“

דאס נייע ליעד

די צייט זי קלאפט אויף יעדער טהיר:
„שטעהט אויף, אבלים שוואכע,
פארזיצט ניט אויף דער שבעה־באנק
די לוסט פון קאמפף און ראכע...

ניט לאזט א'ן איינציג ווייבער־טהרער,
דעם מענער־וועהטאג מינדערן,
ניט לאזט דאס הויכען פון א זיפץ,
די פיין די הייססע מינדערן...

נאר קרעפטיג גורט די לענדען זיך,
מיט וואפפען און געוועהר אן,
און לאזען אללע קינד און קייט,
און יונג און אלט זיך שווערען:

ניט זינגען מעהר קיין אבל־ליעד,
ניט צעהלען די קרבנות,
ניט טראגען שווארצע פלאגען מעהר
נאר בלוטיג־רויטע פאהנעס.

און מארש! — אין ערסטע רייה פון שלאכט,
דארט וואו דער פרייהייט'ס ריעזען
אונז האבען צו דעם גבור־טויט
דעם שטאלצען וועג געוויעזען...

דאָרט איז דער פּלאַץ פאַר איטליכען—
דאָרט וואו די קוילען סווישטשען,
דאָרט וואו די הערצער זיינען גרויס,
און אויגען מוטהיג בליסטשען...

דאָרט וואו דאָס שוואַכע גוסס־וואָרט,
פון דעם וואָס פאַלט אַנידער,
מיט לעצטער מאַכט, טרייבט אָן אין שלאַכט,
די לעבעדיגע ברידער,

דאָרט איז דער פּלאַץ פאַר איטליכען —
ניטאָ קיין צייט צו קלערען,
עס איז קיין צייט פון בויען ניט,
די צייט איז פון צושטערען.

די אלטע די פארפעסטיגטע
בנינים אבצושאַפּפען,
מיט וואָס מע קען און ווי מע קען,
ניט קלייבענדיג קיין וואַפּפען...

מיט וואָס מע קענן און ווי מע קענן,
ניטאָ קיין צייט צו וועהלען—
קומט, ברידער, גורט די לענדען אָן,
הערט אויף די טויטע צעהלען...

פידעל און שלאכט־טראמפּייט

מיט קאַמפף־געפילדער קנאַללט די לופט,
דער שלאַכט־טראָמפּייט ער שאַללט און רופט,
עם הילכען זיינע קולות;
און אויף דער וואַנד אַ פידעל היינגט,
און איז מקנא איהם און דענקט:
„דעם שלאַכט־טראָמפּייט ווי וואויהל איז...“

דאַנן האָט די פידעל זיך באַקלערט:
פיללייכט איז מיר ווי איהם באַשערט,
אַ טהייל פון שלאַכט צו טראגען,
צום העלדענטויט רופט דער טראָמפּייט,
איך װעלל די העלדען טויטערהייד
מיט זיססען קלאַנג באַקלאָגען.

זיין הערץ

זיין הערץ געוועזן איז אַ וואולקאַן
וועגן ער האָט אנגעפאַנגען;
זיין הערץ איז ווי אַ פייערווערק
אין פונקען בלויז פאַרגאַנגען...

זיין הערץ געוועזן איז אַ וואולקאַן,
זיך אַנגעגרייט צו ווערען
די פייערדיגע מאַכט, וואָס וועט
די וועלטען איבערקעהרען.

נאָר האָט ער אין ראַקעטען בלויז
זיין פייערגייסט פאַרשווענדעט,
ער האָט די וועלט ניט רעפאָרמירט —
ער האָט זי בלויז פ א ר ב ל ע נ ד ע ט —

ווייט פון פאלק

פון ׳עם גרויסען ים דערווייטערט
וואו די כוואליעס שלאָגען ווילד,
ערגעץ ליעגט אַ מייער־קעפּיל
דאָך עס פיהלט,

ווענן די שטאָלצע וועללען יאגען,
אין אַ מעכטיגען גאלאָפּ—
און דאָס קליינע מייער־קעפּיל
ענטפערט אב...

לעגט עס נאָר צום אויער הערט איהר,
ווי עס הוזשעט— עס געדענקט
זיינע אַלטע קאַמעראַדען
און עס ביינקט...

* * *

ווייט פון פאָלק, פון דאָרט וואו ס׳וואָרצעלט,
פּולל מיט זאַפט זיין אַלטער שטאַמם,
פיהל איך ווי דאָס מייער־קעפּיל
צו דעם ים...

שטייגט צי פאַללט פון פאָלק דער דופק,
וואַקסט זיין שטאָלץ צי פאַללט זיין מוטה,
מיין נשמה חזר'ט איבער
וואָס עס טהוט...

פון זיין דענקען, פון זיין שטרעבען,
ציטטערט דורך מיין ברוסט דער שטראַהל
און איך לעב דאָס גלות-לעבען
פון דעם כלל...

נאַציאָנאַל-געפיהל

איך ווייסס אַ בלום וואָס שפּראָצט און בליהט
און וואַקסט אָהן טהוי און רעגען,
זי דאַרף קיין פרישע ווינטען נישט,
קיין זונן וואָס שיינט אַנטקעגען...

זי וואַקסט אין שטורעם און אין שניי,
ווענן אַללע בלוממען שטאַרבען,
דער שטורעם גיט איהר זאַפט און קראַפט
גערוך און זיססע פאַרבען...

און ווענן עס האָגעלט, דוננערט, בליצט,
און שטאַרקע בוימען פאַללען,
דאַנן הייבט זי ערשט צו לעבען אָן,
דאַנן הייבט זי אָן צו שטראַהלען...

די בלומם הייססט ליעבע צו דעם פאָלק,
זי שפּראָצט ארויס אין שטורעם,
זי ציהט חיונה פונעם שמערץ
און נעהרט זיך פון יסורים...

מאַי אין גלות

שוין פאַרגאַנגען טויט און ווינטער,
און די וועלט איז ווידער ניי,
שוין געענדיגט די אבילות,
ס'קוממט דער יונגער קיניג־מאַי...

בשמים וואַרפט ער וואו ער קעהרט זיך,
וועקט די טהאלען מיט געזאַנג,
גראָז און בלומען שפּראָצען לוסטיג
אָנגע'שכור'ט פון זיין טראַנק...

דער הימעל פון אויבען,
וועקט צוטרוי און גלויבען,
וועקט האָפען און שטרעבען,
די גרינע ערד אונטען
זי רופט צום געזונטען
און מונטערען לעבען...

פרייהליך קוממט דער מלך־פריהלינג,
נעהמט אַרום מיך מיט געזאַנג—
דאָך מיין קראַנק־צוואוועהטאָגט ברוסט איהם
ענטפערט ניט קיין ווידער־קלאַנג...

דאָרטען תמיד ליגט פאַרמויערט,
יענער גייסט וואָס אייביג טרויערט,
יענער שמערץ פאַר וועלכען פריהלינג
ברינגט קיין באַלזאַם ניט, קיין שטילונג...
און פון בלוממען דער גערוך,
דאָרט באַגעגענט בלויז אַ פלוך...

פלוך אויף דעם פון וועמענס פינגער,
ס'בלוט פון מיינע ברידער טריפט,
פלוך אויף יענע וועלכע האָבען
זיי די פריהלינג־פרייד פאַרגיפט...

זיי דעם תענוג פונעם לעבען
אויף דער שעהנער ע ר ד פאַרגאַללט,
און אין ה י מ מ ע ל גליקען זוכען
זיי געצוואונגען מיט געוואַלט...

פלוך אויף יענע וועלכע האָבען
אויף מיין אָרעם פאָלק געבראַכט,
יענע גלות־מרה־שחורה,
וועלכע ווייסט ניט ווי מע לאַכט.

* * *

בעט ניט כ'זאָלל דעם מאַי באַשרייבען—
ס'נעהמען זיך אַרום מיר קלייבען,
די קרבנות פונעם גלות,
און מיך סטראַשעט ווי אַ כאָרום,
פון אַ גאַנצען בית הקברות:
„זינג ניט, ש י ל ט מיט טויטע קללות..."

* * *

ליכטיג איז די וועלט אַרום,
דופט און שיממער און געזאַנג...
איך נאָר, אידיש־קינד, טראָג אום,
האַסס און קללות אין געדאַנק.

זיסס דאָס פריהלינגס ווינטעל בלאָזט,
גרין פאַרפּוצט איז יעדער צווייג,
אין מיין ברוסט נאָר פוילט און ראָסט
יענער פלוך וואָס איך פאַרשווייג...

א תפלה

א גאָט פון ליעבע און גענאַד,
פאַרנעהם מיין ארעם תפלה—
איך וויל קיין רייכטהום ניט קיין גאָלד
איך בעט דיך ניט אפילו,

דו זאָללסט פאַרגרינגערען די לאַסט
וואָס ברעכט מיר אַלע גליעדער,
דו האָסט באַשעערט— ווי קען מיין וואונש
זיך שטעללען דיר דערווידער?—

דאָך, גאָט פון ליעבע און גענאָד,
ניט לאָז מיין זעעל פאַרזינקען,
אין יענעם טייך פון גאַלל און גיפט
פון וועלכען איך מוז טרינקען;

ניט לאָז מיך, אין אַ שמאָלען האס
מיין גייסט צוזאַמענקנוילען,
ניט לאָז די געטטליכקייט אין מיר,
אין מענשען־שנאה פוילען...

וויש אָב דעם פלוך מיר פונעם מויל
וויש אב פון די מחשבות,
די קללה וועלכע שווייגט און איז
דעם לעבענ׳ס סם־המות...

טריף בלויז אַ טראָפּענדעל אַריין
פון יענעם אור הגנוז,
פון יענע ליעבע וואָס אויף איהר
געשטעלט דיין הייליג טהראָן איז,

אין מיין פאַרפעסטיגטען געדאַנק—
און לייטער מיך, און לערען,
דורך שוואַרצע וואָלקענדעקען זעהן,
די תמיד העללע שטערען...

אָ, גאָט פון ליעבע און גענאָד,
גיב יעדע גיהנום־פּיין מיר
נאָר פון דיין ליעבע לעג אין ברוסט
א נצוץ בלויז אַריין מיר...

חלום, פריינד!

חלום, פריינד, בוי לופטשלעססער
ווי לאַנג דיין יוגענד דויערט,
די קאַלטע וועלט די פּראַקטישע
וואָס לאַכענדיג באַדויערט
דיין טרוים ווי קינדערשפּיעל— זי איז
מקנא דיר, דעם דיכטער,
די רייכע שכרות פון דיין גייסט,
דענן זי איז אָרעם ניכטער...

חלום, פריינד, מאל פאַרביג שוין
דיין לופט־בנין דעם שטיללען,
די גרויססע טהאַטען וואָס דו זעהסט
געשאַפט פון שטאַרקען וויללען,
זיי זיינען אויך אַ מאָל אלס טרוים
געוואַקסען אין דעם שאַטטען,
פון ערגעץ איינעם'ס מח — און
די וועלט אַרום פלעגט שפּאָטטען...

חלום, פריינד, און איידער ס'וועט
די ווירקליכקייט דיך וועקקען,
באַמיה זיך מיט דיין גרויססען טרויים
דעם עולם אָנצושטעקען,
פיעללייכט אַ גלאַנץ, אַ פאַרב, אַ פונק
זיי וועט אין מוח בלייבען,
בעפאָר זיי וועללען שפּאָטטענדיג,
דיין חלום־בילד פאַרטרייבען...

בלוממען־אפּפער

פיעל קוויטען האָט צוטראַמפּעלט
דער ווילדער פערד פון שלאַכט,
פיעל העללע בלומענקעפּלעך
אַ גיכען סוף געמאַכט...

דאָך שטאַרבענדיג די בלוממען
געווינשט איהם האָבען גליק:
צוטרעט, צוטראַמפּעל, שלאַכטפערד,
נאָר געה געווין דעם זיעג...

צווילינג־נאטורען

די האַנד פונעם גורל, זי קנעט און זי גיססט,
נשמות אין אַללערליי פורעמס,
טהייל האָט ער פאַר זיססע מנוחה געמאַכט
טהייל שאַפט ער בכיון פאַר שטורעמס.

און דער וועלכער איז פאַר מנוחה געמאַכט,
איז פעסט פונעם שטורעם פאַרריגעלט,
און דער וועלכער איז פאַרען וויכער געמאַכט,
איז תמיד פון אומרוה באַפליגעלט...

און טרעפען זיך ביידע באַדויערט מען זיך—
„אַ לעבען פון שטילקייט איז שיממעל“
זאָגט איינער, דער צווייטער איהם ענטפערט : „דאָס גליק
עס ווייכט פון גערויש און געטיממעל.“

און צווילינג־נאַטורען געפינען זיך אויך,
מיט רוה און מיט שטורעם אין זיננען,
זיי ביינקען נאָך ביידען און קענען דאָס גליק,
אין קיינעם פון זיי ניט געפינען...

אין טאג פון לוין

עס קוממען אָן די שעהנע טעג,
איך גלויב באמונה שלמה,
עס קלערט און לייטערט זיך די לופט
פון פינסטערניסס און אימה...

עס קוממט די צייט די ליכטיגע
פון פרייד און פאַרגעניגען
און שטיללען גליק... נאָר, ברידער, איך...
איך וועלל אין קבר ליעגען...

און ס'ליעד מיינס שוואַרץ פון פולווער־רויך
און פול מיט שלאַכט־געשרייען,
וועט אויך שוין לאַנג געשטאָרבען זיין
ווענן ס'וועט דאָס פאָלק זיך פרייען...

דאָך כ'בין צופרידען מיט מיין טהייל
ער איז מיר זיסס און הייליג,
און ווענן די צוקונפט טהיילט איהר לוין,
נעהמט, ברידער, אויך מיין חלק...

די בערען און די שעפּסעלע

די פרייהייט (וואָס איז שוין ביי אונז ניט קיין נייעס)
ניט לאַנג ערשט צוריק האָט פאַרשפּרייט זיך אין וואַלד,
און האָט מיט געדאַנקען „מאָדערנע“ באַשטראַהלט
די ביזהער פאַרווילדערטע קעפּ פון די חיות,
און אַלע (דער אינגערער דור איבערהויפּט)
וואָס האָבען ביז עתה געצוקט און גערויבט,
זיך האָבען גענוממען
צו בריללען און ברוממען,
פון פרייהייט און גלייכהייט וכולהו וכולהו —
און האָבען באַשלאָססען צו ברייגען די גאולה,
און ברעכען די אייזערנע מאַכט פון דעספּאָט,
דעם לייב, וועלכער האָט מיט איין מאַך פון זיין עק
געוואָרפען אויף יעדען א פינסטערע שרעק,
אַזוי ווי אַ גאָטט—

„גענאָססען פון וואַלד“—האָט דער פוקס זיי געראטען—
„דער שונא איז מעכטיג און איהם צו באַזיעגען
איז נעטהיג פיעל מיטהעלפער נייע צו קריעגען,
לכן איז מיין ראַטה, שיקט אַרוים דעלעגאַטען,
צוויי אַלטע בכבוד'ע בערען,
וואָס זאָללען ערקלעהרען
די שעפּסען און ציעגען, די קיה און די פערד,

(וואָס ליעגען נאָך טיעפער פון אונז אין דער ערד),
אַז אוים אונטערדריקער, אוים שקלאַף און טיראַן,
ס׳איז מעהר ניט קיין שוואַכער און שטאַרקער פאַראַן,
צי חיה, צי בהמה,
ס׳וועט יעדע אָהן אימה
געניסען איהר גליק אונגעשטערט.
דער כלל : עס וועט יעדער זיין פריי,
נאָר שטעלט זיי איין איינציגען תנאי :
זיי מוזען אין איינעם מיט אונז זיך באַהעפטען,
דעם לייב צו פאַרניכטען מיט אַלערליי קרעפטען...״

כך הוה, און וואו נאָר עס זיינען געגאַנגען
די בערען, מיט כבוד זיי האָט מען עמפּפאַנגען.
אַ קליינינקייט עפּעס אַזוינע געזאַנדטע...
מיוחסים, און פריינטלען זיך, מעשה באַקאַנטע
און ריידען פון גלייכהייט... מען שפּיעלט זיך אַ ביסעל,
אַ נכנע, אַ שעפּס, מיט׳ן בער חבר־לאַווער,
מיט איהם צוגעניסען דעם זעלביגען אויר,
און אפשר נאָך עסען פון זעלביגען שיססעל !...

און באַלד זיך צופלאַקערט דער קאַמפּף האָט דער ווילדער,
און מוטהיג און שטאַרק האָט די מחנה פון ציעגען
און שעפּסען געשטריטטען אום פרייהייט צו קריעגען,
עס האָבען פאַר זייערע אויגען,
אין שעהנע קאָלירען געצויגען,
פון בערישען צוזאָג, די רייצענדע בילדער...
ביז ענדליך דער לייב האָט געהאַט אַ מפּלה,
פאַרשוואונדען אויף אייביג זיין ווילדע ממשלה,

אין לאַנד איז געוואָרען א שמחה וששון,
דאָס ב ע ר ע ן־לאַ נ ד ענדליך האָט פרייהייט גענאָסען.

דאַן האָט זיך אַ שעפסעל — אין דרייען געבויגען
פון מיעדקייט צי אפשר פון בושה — דערוואויגען
צו זאגען: רבותי,
די פרייד איז א גרויסע,
ס'איז טאַקי אַ נחת,
מיט אייך זיין יד־אחת,
נאָר האָט קיין פּאַראיבעל... ווי דענקט איהר זיך פיהרען
פון איצטער מיט אונז, מיט די שוואַכערע טהירען...

„מיט אייך —האָט געקייכט פון געלעכטער אַ בער—
וועט בלייבען דער מנהג אַזוי ווי פאָרהער.
איז אפשר פּאַר אייך ניט גענוג וואָס מען האָט
ערלויבט אייך צו קעמפּפען אַקעגען דעספּאָט?..."

דער קאַמפּף־מענש

(1)

מיין אויער גליהט דיין פלאַמענשפּראַך: —
„ווענן ס'וואָללט אַ מלאך מיר געבראַכט
דעם קעמפּפער'ס גורל אין איין האַנד,
דעם קעמפּפער'ס נויט און טויט אין שלאַכט,

„און אין זיין צווייטער וואָלט געווען,
אַ וואונדערבאַרער שלוממער־טראַנק,
און ס'וואָללט דער מלאך מיר געזאגט
קלייב אויס, וואָס ווילסטו צום געשאַנק? —

„צי ווילסטו פאַללען פעכטענדיג
פאַר דורות ניט־געבאָרען נאָך,
דיין איצטער אָבגעבען, כדי
די „צוקונפט“ פריי זאָלל זיין פון יאָך?—

„צי ווילסטו איינגעהמען דעם טראַנק,
און דורכשלאָפען די גרויססע קריעג,
און אויפשטעהן ווענן די נייע וועלט
געניססען וועט די פרוכט פון זיעג?—

„איך וואָלט זיך ניט צו־מאָל באַקלערט,
איך וואָלט דעם שלאָף־טרונק ניט פאַרזוכט,
איך וואָללט געזאָגט: גיב מיר די שלאַכט,
גיב אַנדערע פון קאַמפּף די פרוכט...“

(2)

איך קימערט ניט אין וואָס דו גלויבסט—
דו גלויבסט— און איך, דער צווייפלער, זויג
די גלויבענס־שטראַהלען פון דיין בליק
דעם פלאַקקער פון דיין יונגען אויג.

און ווענן פון דיין ענטציקטער צונג
זיך גיססט אַ לאַווא־שטראָם פון רייד,
איך הער קוים איין, בלויז דיך און זיך
פאַרגלייך איך דאַמאלס שטיללערהייד...

דו פיהלסט זיך אַזוי וואויל אין שטראָם,
וואָס יאָגט אָהן רוה צום ווייטען גבול,
אין שטראָם וואו שטאַרק נאָר איז דער כלל,
און יעדער פרט פאַר זיך— אַ נולל...

און איך בין בלויז אַ טראָפּענדעל,
ארויסגעשפּריצט פון גרויססען ים,
אַ פונק וואָס לעשט זיך בּיסלעכווייז—
דערווייטערט פון זיין מקור־פלאַמם...

(3)

אָ, נעהם מיך מיט דו אדלער מענש,
פאַרבינד מיך צו דיין פליגעל פעסט,
רייסס אב דאס שווערע „איך“־געוויכט
וואָס ערד צו מיין נשמה פּרעססט.

אָ, נעהם מיך מיט דו שטראַהלען־מענש,
אין ליכטיגקייט און העללען שיין,
וואו ס׳איז ניטאָ קיין „איך“ און „דו“
וואו ס׳איז ניטאָ קיין „דיין“ און „מיין“.

און הייב מיך אויף אין יענעם רוים,
וואו מעכטיג איז דער בליקק און ווייט,
וואו בטל ווערט דאָס קורצע „איצט“,
אין צוקונפט און פערגאַנגענהייט.

פאַרטראָג מיך, שטאָלצער ריעזענגייסט,
אין נעסט וואו דיין געדאַנקען בריהט
די טהאַטען וועלכע איך באַמיה
זיך, נאכצומאלען אין מיין ליעד...

אָ נעהם מיך מיט מיט זיך, צוברעך
מיין צווייפלענדיגע דיכטער־פען,
און שיינק דיין גלויבען מיר, דיין מוטה,
דיין בליק — מיט איהם די וועלט צו זעהן.

פערשיעדענע ליעדער

עמיגראַציאָנס פּלענער

(אַ משל.)

רב יענקעל דער קבצן געלעגען איז חרוב,
אוּן האָט אין דער שטילל שוין אַ ודוי געשטאַממעלט,
שוין האָבען זיך חברה מתעסקים פערזאַממעלט,
געוואַרט אויף דער פּטירה... נאָר איינער אַ קרוב
האָט איינגעלעגט וועלטען, און ליאַרעמס געמאַכט:
„גזלנים, איהר וועט דאָך אַ׳ן עגלה ערופה
פאַר גאָטט מוזען ברינגען; איהר זוכט ניט קיין תרופה
דעם קראַנקען צו היילען, איהר האָט ניט געבראַכט,
אַ דאָקטאָר צו־מאָל, אום אַ׳ן עצה צו פרעגען,
און אַלסדינג וואָס אייך איז געלעגען
אין זיינען, איז איהם צו באַגראָבען,
און אויפ׳ן בית־עולם איהם געבען פּאַראַד,
כדי איהר זאָללט האָבען
אויף וועמען הספדים צו קלאָגען,
און קענען, זיך ריהמען און זאָגען:
מיר האָבען אַמאָל אַ רב יענקעל געהאַט...“

דער עולם האט טאקי נדבות גענוממען
גלייך קלייבען, און ס׳זיינען דאָקטוירים געקוממען,

וואָס האָבען (דעם עולם צו בלענדען די אויגען
די פנים'ער וואַזשנע פאַרצויגען,
און האָבען געקנאַקט אויף לאַטיין,
מיט פראַזען וואָס האָבען געצויגען
זיך לענגער פון גלות אַליין,
(וואו איטליכעס וואָרט האָט אַ צענטער געוואויגען,
און מעהר ווי א לויטה ניט — דער מיין).
דערוויילע, אזוי ווי דער שטייגער,
האָט איינער געהאַלטען א זייגער,
און יענקלען ביין דופק געטאַפּט;
אַ צווייטער באַקוקט איהם די צונג,
אַ דריטטער האָט פלייססיג געקלאַפּט
דעם חולה'ס צובראָכענע לונג.
און ענדליך געוועזען איז אללעמענ'ס ראטה,
אַז יענקעל מוז בייטען אויף שנעלל דעם קלימאַט,
אין שווייץ, אין איטאַליען, אין פראַנקרייך פיעללייכט,
וואו מילד איז דאָס וועטטער און ניט אַזוי פייכט...

דער היציגער קרוב וואָס האָט זיי געבראַכט,
האָט פלוצלינג זיך ביטער צולאַכט:
„וואָס טויגען אונז אייערע גליקקען?—
„אין וייטע מדינות איהם שיקקען?—
„מיר האָבען צו־מאָל ניט געהאַט צו באַצאָהלען
„פאַר אייער וויזיט,
„פון וואַנען־זשע נעהמען זיך זאָללען
„די קלינגער, דערמיט
„דעם קראַנקען אין וואַרעמע לענדער צו פיהרען?

„איהר בעסער אַ מיטטעל גיט ווי
„דעם חולה צו העלפען דאָ היע,
„און קענט איהר קיין עצה ניט געבען,
„ווי דאָ איהם צו האַלטען ביין לעבען,
„די איינציגע זאַך וואָס אייך בלייבט
„איז שווייגען... צי אפשר פאַרשרייבט
„רפוּאות וואָס זאָלען אָהן לײדען,
„איהם אָבשיקען גלייך אין גן־עדן...“

דער הייליגער באק

(אַ פאַבעל)

רבותי, געדענקט איהר דעם הייליגען באָק
דעם בכור פון די ציגען וואָס פלעגט
שפּאַציערען מיט רחבה אין מיטטען פוֹן טאג,
און אויסעססען לעכער
פון שטרויענע דעכער,
באַטראַכט אומעדום מיט רעספּעקט ?—

און לאה די קרוממע וואָס זיצט אויפען מאַרק
מיט באבעס און עפּעל און בארען,
און מיהט זיך צוזאַמענצושאַרען
פאַר זיך און די קינדער חיונה,
קוקט צו מיט נאַאיווער אמונה,
ווי ס׳טראַמפּעלט דער באָק אויף די עפּעל,
און ברעכט אָפּט איהר וואַרעמעס־טעפּעל,
דענן אַלס וואָס ער טהוט,
איז כשר און גוט,
זי וואַגט איהם צו־מאָל ניט צו שלאָגען,
קוים האָט זי די חוצפּה צו זאגען:
„אָ הייליגער באָק, ווי דיין גבורה איז שטאַרק...“

זיין צ י ג ע נ ע ג ר ו י ס ק י י ט האָט ווענין פאַרשטאַנד,
דאָך שמעקען איהם עפּעל און באַרען און באָב,
און ס'איז איהם פאַרדאַרט ניט געוואָרען דער קאָפּ
דעם ממזר'שען סוד צו דערגעהן,
אַז לאה וועט צעהן מאָל געשווינדער,
פאַר'הרג'ן די אייגענע קינדער,
פאַר עססען אַ'ן עפּעל צו פיעל,
צי גנב'ן אַ באָב אין דער שטילל
ווי קענען דעם באָק אויפצוהייבען איהר האַנד,
ווער רעדט שוין פון ווארפען אַ שטיין...

נו געהט ער מיט גדלות ארום,
און שאָקעלט זיין נאַררישען באָרד,
דער עולם אין שטעדטיל איז פרומם
און מאַכט איהם מיט אבשיי אַ'ן אָרט,
און ביסלעכווייז האָט זיך דער בכור
מיט צ י ע ג ע נ ש ט אָ ל ץ איינגערעדט גאָר,
אַז ע ר איז די אויבערסטע חריין...
און ס'האָט זיך איהם זעהר פאַרוועלט
אַוועקלאָזען זיך אויף דער וועלט
און ברייטליך אין שאדענס פאַרגעהן...

* * *

דעם סוף פון דעם באָק ווילט איהר וויססען? —
אזא פינסטערעס יאהר אויף די שונאים —
געהאַט האָבען מורא נאַראָנים...
עס האָבען זיך קלוגע געפונען,
וואָס זיינען אזוי ניט געזוננען,

ווי לאה די קרוממע געווען ;
זיי האָבען די שאדענס געזעהן,
וואָס אָנגעמאַכט האָט זיי דער בכור,
און גאָר ניט געפרעגט אויב מע טאָר
אָדער ניט, און געשווינד
ארויסגעשיקט הינד,
וואָס האָבען דעם יחסן צערריםסען...

דער פייגעל'שער שמשון

(אַ פאַבעל)

פֿאַרשטאַנען האָט שלמה המלך די שפּראַך
פון אַלערליי פויגלען און חיות,
פאַרטייטשען געקענט די העויות
פון אַלסדינג וואָס לעבט אויף דער ערד,
און האָט ער דאָס זינגען געהערט
פון פויגלען, געוואוסט האָט ער שנעלל
די מיינונג פון איטליכען טרעלל...
איין מאָל אויף דעם גילדערנעם דאַך
פון מאַרמאָרנעם פּאַלאַץ וואָס ער האָט געבויט,
באַמערקט ער אַ פּאָארעל וואָס שמועסט פאַרטרויט,
אַ פייגעלשער ע ר און א פייגעלשע „ז י“;
„דו מיינסט—פאַר זיין כלה באַריהמט זיך הערר „פליה“—
„אַז שלמה המלך ביי מיר איז אַ העלד?—
„אפילו דער פּאַלאַץ וואָס ער האָט געשטעלט,
„אָט לאָמיך אַ שטויס איהם נור געבען און באַלד,
„מיט העקעל און פּעקעל דער בנין צופאַללט.“

די נאַררישע כלה זי פרעגט ניט קיין שאלות,
און כאַפּט פון איהר פויגעלשען שמשון התפעלות,
דאַנן האָט מען צוקוססט זיך אַזוי ווי עס פיהרט זיך
ביי אַללע געליעבטע, דער כוואַט האָט געשפּירט זיך

אַ גבור וואָס טראַמפּעלט די וועלט מיט די פיסס,
ווייל „זי“ האָט געגלויבט איהם אַז ער איז אַ ריעז.

נאָר באַלד איז געוואָרען די שמחה צושטערט.
פון אונטען דער קול פונעם מלך זיך הערט:
„אַהער קומם דו חצוף און זאָלסט מיר ערקלערען,
„אויף וואָס פאַר אַ׳ן אַרט דו מיין שלאָסס קענסט צושטערען,
„דו קליינער דו שוואַכער צוקראָכענער עוף,
„אַלס מורד במלכות זאָל טויט זיין דיין שטראָף.“

„אדוני המלך — גענומען האָט שטאַממלען
„דער פויגעל פון אימה און שרעק — ווענן פערזאַממלען
„זיך זאָללען די פייגלעך פון איטליכען לאַנד
„זיי וואָללטען צו־מאָל ניט צוקראַצען אַ וואַנד,
„ווער רעדט חרוב מאַכען דיין שלאָסס
„נאָר (דאָ האָט די כלה פאַרדרעהט מיט דער נאָז)
„וואָס אַארט דיך אַז איך האָב באַריהמט זיך אַלס גבור,
„כדי מיין געליעבטע מיך קריגען זאָל ליעבער...“

דער פויגעל — אַזוי ווי איהר קענט שוין פאַרשטעהן,
געבליבען איז לעבען... דאָך קענן ניט דערגעהן
מיין שכל... פון וועמען ס׳איז דאָ מעהר צו לאַכען,
פון שלמה דעם העלד צי פון פייגעל דעם שוואַכען.

גלייכהייט אבער ניט די ריכטיגע

(אַ פֿאַבעל)

ס'איז אַ'ן אַלטע געשיכטע פֿאַראַנען,
אַז אין סדום איז געשטאַנען
אַ'ן אייזערנע בעטטעל
פֿאַר אורחים וואָס קוממען אין שטעדטעל,
האָט דאָרט זיך אַ פרעמדער געטראָפֿען,
פֿלעגט קוממען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע,
איהם וועיזען די שעהנע אכסניא,
וואו ס'בעטט איז געשטאַנען צום שלאָפֿען.

געוועז איז דאָס בעטט ניט צו ברייט ניט צו שמאָל,
ניט צו לאַנג ניט צו קורץ—פּונקט פינף פוסס מיט אַכט צאָהל.
איז אבער געוועזען דער גאַסט
אַ לאַנגער, און האָט ניט געפּאַססט
אין בעטט, האָט מען גלייך איהם געפּאַקט,
און פּשוט די פיסס אָבגעהאַקט;
איז דער אורח געוועזען אַ קליינער,
מיט קורצינקע שמאָלינקע ביינער,
האָט מען איהם אַזוי לאַנג אויסגעצויגען,
ביז דער טויט פלעגט איהם שליססען די אויגען.

אין סדום מוזט איהר וויססען, געווען איז אַ כלל,
אַז גלייכהייט מוז זיין דאס געזעץ איבעראַלל—
יעדער איינער מוז האָבען אַ גלייכע געשטאַלט,
אויב מיט גוטען, געווים רעכט, אויב ניט מיט געוואַלט,
כדי איינער זאָלל זיין אַקוראַט ווי דער צווייטער,
ניט קירצער ניט לענגער, ניט שמעלער ניט ברייטער.

שמח בחור בילדותך

איז דאָס לעבען בלויז א שכרות,
פרעג ניט פיעל, באַרויש זיך גערען,
היינט זאָלל הילכען דער געלעכטער,
מאָרגען וועללען פלייצען טהרערען...

ווילסטו יוגענד לאָזען וועלקען,
שטענדיג אבלעגען אויף שפעטער?—
ווילסטו דיינע פריידען זאַממלען
אין דער שפּאַרבאַנק פון די געטטער?—

דאָך די געטטער באַנקראָטירען
וועללען. ווענן די צייט וועט קוממען,
דיר מיט דאַרע דערנער צאהלען,
פאַר די אָבגעקאַרגטע בלוממען...

בלוממען בליהען נאָר אַ וויילע
און פאַרלאָזט דו זיי צו קלייבען
קריגסטו פרוכט פיעללייכט... דאָך פרעמד דיר
וועט דער בלוממענדופט פאַרבלייבען...

טרינק זיך אָן מיט זייער ריח,
ריים זיי האַסטיג אָהן חשבונות,
ווענן עס קוממט די צייט פון וועלקען,
וועסטו האָבען כאָטש זכרונות...

ווילסטו נוצען ברינגען

ווילסטו דעם פאָלק ברינגען נוצען
נִיט האַלט אין איין שרייען „עס טויג ניט“
געזוואַוין דיין פּאָעטישע אויג ניט,
צו זעהן נאָר די פלעקען און שמוצען.
שטאָט טאַדלען געוואוין זיי צו לויבען,
שטאָט צווייפלען, זיי לערען צו גלויבען,
זוך אוים און באַוויז זיי די שטראַהלען,
און האָסטו אמונות צובראָכען,
פאַרשאַף זיי אַ נייעם בטחון,
גיב אַנדערע זיי אידעאַלען.

דענן ס'באדט זיך די וועלט שוין אין טהרערען
פאַרגאַלט זיינען אַללע געדאַנקען,
און ווער אין דער וועלט וועט דיר דאַנקען,
ווענן דו וועסט די גאַלל נאָך פאַרמעהרען?—
און גלויבסטו, ווענן ס'פאַלמעסט דיין מעססער
דאָס לעבען אויף שטיקקער, אַז בעססער
דערפון וועט עס ווערען, און ריינער?—
דו זוכסט בלויז די קרעץ און די פלעקען
אין אונזער געזעלשאַפט אַנטפלעקען,
פאַרגעססט די געזעלשאַפט אַלליין נאָר.

די מענשהייט איז נאָך ניט געשטאָרבען,
ניט שנייד און ניט פאַלמעס די גליעדער,
וואס שלאפט קענן נאָך אויפוואַכען וויעדער,
וואָס פעהלט קענן נאָך ווערען ערוואָרבען.
דאָך וואַקסען קיין פלאַנצען אין קעלט ניט
פון פראָסטיגען צווייפעל די וועלט ניט
אַ'ן איינציגען טריטט קענן געווינען.
זינג צוטרוי... זינג אמת... און אמת
אין מיסטקאַסטען זוך ניט וועגן טהעמאַס
נאָך קענסטו אין בלוממען געפינען...

לויטער הכנות

דער מענשליכער גייסט צו אַ פּיעדעל איז גלייך,
דאָס לעבען איז גלייך צו א נגון,
ניט אַללעמען אבער געלינגט אין דער צייט
די ריכטיגע טענער צו קריגען...

דעם גליקליכען וועלכער געפונען האָט חן,
פאַרגעהט בלויז די יוגענד אין פּראָבען,
דאַנן קוממט די האַרמאָניע פון וועלכער אי ער
אי גאָטט און די מענשען זיך לאבען...

די אַנדערע אבער— און ס'זיינען דער רוב—
זיי זיינען נאָר אייביג זיך מכין,
זיי שטעללען די סטרונעס יאהר איין און יאהר אויס,
און קענען קיין טאָן ניט דערגרייכען...

צייט און געדולד

עס רייסט און קאָכט דער ווילדער שטראָם,
די פעלזען בלייבען שטוממע;
עס קיממערט די גבורים ניט
די נאַרישע מהומה...

זיי הערען שוין צעהן טויזענד יאהר
איהם פילדערען פראָטעסטען,
זיי רייצען מיטען וואססער זיך
פון זייער פלאַטץ דעם פעסטען...

און ס׳שרעקט ניט אָב דער פעלזענשטאָלץ
דעם שטראָם דעם איינגעשפּאַרטען;
ער האָט צעהן טויזענד יאהר געוואַרט
וועט הונדערט טויזענד וואַרטען...

וועט הונדערט טויזענד יאהרען זיי
ניט געבען קיין מנוחה,
און זאַמד פאַר זאַמד אַוועגשווינקען
די שטיינערנע מלוכה...

חבוט הקבר

מיין הערץ איז אַ גרויססער בית עולם,
פון האָפּענונג, יוגענד און פרייד,
דאָרט ליעגען פיעל שעהנע חלומות,
פון לעבענס־ערפאַהרונג געטייט...

נאָך אָפטמאָל, איך ווייסס ניט פון וואַנען,
לעבט אויף דער בית עולם — איך שפיר,
ווי ס׳וויגען און וועקען פאַנאַנדער
זיך אַלטע חלומות אין מיר.

דאַנן שטויסט זיך אַ לוסטיגע מחנה
אַרויס פון די קברים אין ליכט,
איך רוף דאָס אַ „תחית המתים“,
די וועלט רופט עס אָן אַ „געדיכט“...

נאָר שנעלל ווערט פאַרשוואונדען דער צויבער,
דער לוסטיגער טומעל צוגעהט,
און ס׳שטאַררען די אַלטע מצבות,
פון פראָסטיגען יאוש באַשנייט...

עס בענקט אבער לאַנג די נשמה,
פאַרגעסט ניט דעם טרוים אַזוי גיך,
און איטליכער „תחית המתים“
ברינגט חבוט הקבר מיט זיך...

א פאַמיליען־לעבען

(פון ניו יאָרקער געטאָ)

ער אַרבייט ביי־טאָג ווי אַ׳ן אייזעל,
זי זוכט נייע פריינד אויף דער גאַסס...
און קוממט ער אַ היים אַ פאַרשוויצטער,
איהם געהט זי אַנטקעגען מיט כעס.

דאָ פעהלט איהר אַ קלייד, דאָ אַ מאַנטעל,
דאָ פעהלט איהר אַ רינג, אַ בראַסלעט,
זי האָט ניט אויף דחקות געריכט זיך,
ווענן מ׳האָט איהר דעם שדוך גערעדט...

און אָפטמאָל זיך בייטען די ראָללען,
דער מאַנן לאָזט דאָס ווייב און פאַרשווינדט,
ער האָט שוין זיין פרעהליכע חברה,
ער האָט שוין זיין נאָרע פון זינד...

און קוממט ער האַלב־נאַכט אין זיין וואוינונג,
פאַרהוליעט און שכור ווי לוט,
זי שילט ער: „דו לעבסט פון מיין פראַצע
און איך מוז זיך מיהען צום טויט“...

זיי זיינען זיך חושד איינאַנדער,
און לעבען איינאַנדער פאַרשטעלט,
און קיינער ניט ווייסס די חטאים
פון צווייטענס פאַרבאָרגענער וועלט...

דעם שניידער'ס מיידעל

(פון ניו יאָרקער געטטאָ)

ער טאַטע — אַ שניידער בר אורין,
ער אַרבייט ביי טאָג — און ביי נאַכט
טהוט אָן ער די גרויסע שפּאַקולען,
און זיצט אויף אַ ספר פאַרטראַכט...

ביין זעלביגען טיש ווי דער אַלטער
זיין טאָכטער ביי טאג זיצט און נייהט,
ביי נאַכט פונעם הויז ווערט זי נעלם,
און מאַכט זיך ארוים שטיללערהייד...

פאַרטיעפט איז דער אַלטער אין ספר,
די טאָכטער מאַכט יום־טוב אַלליין,
בתמימות זיך וואונדערט ער אָפט מאָל
אַוואו אַזוי שפּעט קענן זי געהן...

און לעגט ער זיך שלאָפען פאַרמאַטטערט,
אין קריאת־שמע דערמאָנט ער זיין קינד,
דאָך ערגעץ־וואו הוליעט די טאָכטער
פאַרקויפט די נשמה צו זינד...

איין מאָל אין א שעהנעם פריהמאָרגען,
דאָס בעטטעל פון מיידעל איז לעער...
געבראָכען דער טאַטע געהט נייהען
און זעהט שוין זיין טאָכטער ניט מעהר...

בירושה

די באָבע —דערצעהלט מען— געווען איז
אַ ווילדע קאָקעט אין איהר צייט,
פלעגט חצופיש זיך פאַרבען די באַקען,
און קאַממען די לאָקען פאַרשייט...

דאָך ס'איז נור ביין פוצען געבליבען,
מע האָט נאָר אַ ביסעל באַרעדט...
דאָך טריי צו דעם מאַנן און די קינדער,
געוועזן איז אין תוך די קאָקעט...

עס וואָרצעלט זיך אין דער משפחה,
די טאָכטערקע, זי פראָגרעססירט,
אַנטלויפט מיט אַ שטיללען געליעבטען
און קינדער און מאַנן רואינירט...

דאָס אייניקעל האָט שוין געזויגען
דעם גיפט מיטען מילך פון דער ברוסט,
און פיהרט שוין אַ'ן אָפענעם לעבען
פון שאַנדע און זינדיגע לוסט...

מאשינאווע פערזען

(איבערגעמאַכט פון ענגליש.)

אַמאָל, נאָך מיט טויזענדער יאהרען צוריק,
ארוים אויף אַ סטרייק זיינען אַללע פּאָעטען,
צי האָבען זיי מעהר פאַר אַ שורה פאַרלאַנגט,
צי קירצערע שורות געבעטען,

צי האָבען זיי סתם זיך געפוילט „מאַכען פיסס" —
דאָס איז ניט נוגע צום ענין, דער עיקר
איז אבער, זיי האָבען זינט דאמאלס ניט מעהר
געשריעבען א ליעד, כאָטש זיי פערטעל אויף שטיקער.

און טויזענדער יאהרען פאַרנוצט האָט מען אַלץ,
אַוואו נאָר אַ ליעד איז פאַרוואַלגערט געוועזען,
און דאַנן איז אַ הונגער באַפאַלען די וועלט,
אַ דורסט —לא עלינו— אַ ליעדעל צו לעזען...

און יעדער רעדאַקטאָר געקריגען האָט בריעף
פון „שטענדיגע לעזער": „איך זאָג אייך דעם אמת,
„אדוני רעדאַקטאָר" מיר וויללען ניט מעהר
„די צייטונג, אויב איהר וועט ניט געבען פּאָעמאַס."

די וועלט אבער שלאָפט ניט און איינעם'ס אַ קאָפּ
ענטדעקט האָט א גאונ'ישע קלוגע מחשבה,
צו מאַכען געדיכטען אָהן קאָפּ און אָהן הערץ,
אָהן הענד און אָהן פיסס נאָר גלאַטט—מ אַ ש י נ אָ ו ע.

זינט דאמאלס שוין שיטטען זיך פערזען ווי באָב,
פון גראַם־הונגער וועט שוין דער עולם ניט שטאַרבען,
גיט בעססער אַ'ן עצה זיי זאָללען זיך ניט
פון צופיעל געדיכטען דעם מאָגען פאַרדאַרבען.

אמת־זוכען

דו ווילסט די שאָלעכץ דורכברעכען, מיין פריינד,
פון וועלט־טהעאַטער הייבען די גאַרדינען,
דעם אמת ווילסטו זעהן ניט ווי ער שיינט,
און שלאָגט זיך אָב אין קרוממען מענשען־זיננען,
נאָר אין זיין קדשי־קדשים וואו ער טהראָנט,
דאָרט ווילּסטו זוכענדיג פאַרקריכען —
אָ, קראַנקער נארר, אומזיסט דיין שכל שפּיאָנט.
דו ביסט צו יענעם האָהן געגליכען,
וואָס, שטעהענדיג אַקעגען גלאַטטען שפּיעגעל
דערזעהט זיין אייגען בילד מיט קאַמם און פליגעל,
און בייגט זיך הינטער׳ן שפּיעגעל־גלאָז דעם קאַלטען,
צו זעהן דעם האָהן דעם אמת׳ע׳ן באַהאַלטען.

שפּעטערע ליעדער

אויפ׳ן עמיגראַנטען שיף

עס רוישען די וועללען פֿאַרערגערט,
ארום הענגט אַ נעבעל געדיכט,
דאָס שיף שפּאַלט דאָס פֿינסטערע וואססער,
ס׳באַוועגט אויפען דעק זיך אַ ליכט...

אַ הויפען בעטריבטע געשטאַלטען,
אין אייניגע אויגען אַ טרעהר,
אין מיטען אַ ארון פֿון ברעטטער,
אין ארון — איין בורא ווייסס, ווער?...

אַ איד, דאַכט זיך, איז ער געוועזען,
מען ווייסט ניט פֿון וואַנען ער קומט...
ס׳איז איינער אַ קדיש מנדב,
און ווי נאָר זיין קול ווערט פֿערשטומט,

זינקט לאַנגזאַם דער ארון ארונטער...
שוין האָט איהם פֿערשלונגען דאָס מעער,
דאָס שטוממע געזעממעל צוגעהט זיך
און דענקט פֿונ׳ם טויטען ניט מעהר...

אַלליין נאָר דער איד וואָס האָט קדיש
געזאָגט נאָכ׳ן בר־מנן שווערט,
אז טיעף פֿון די רוישענדע וועללען
ער האָט ווי אַן „אָמן" געהערט...

ספרד'ישע טרייהייט

(ווען קעניג אלפאָנזאָ פון שפּאַניען
האָט ניט לאַנג צוריק בעזוכט לאָנ־
דאָן, האָבען די שפּאַנישע אידען
דאָרטען געשיקט צו איהם א פּאַ־
פּיער, אין וועלכען זיי האָבען אויס־
געדריקט, אז די טרייעסטע בירגער
פון שפּאַניען זיינען אידען, א.ז.וו.)
(פון א צייטונג.)

אַלפאָנזאָ, קליינער קעניג'על,
ניט זיי ביי זיך געפאַלען,
דיין קרוין (אויב ניט פאַר'משכונ'ט נאָך)
פון לויטער פרייד מעג שטראַהלען...

דען גאָט האָט פלוצלינג דיך באַשעערט
מיט נייע אונטערטהאַנען
(דער זכות פון טאָרקוועמאַדאָ איז
געווים דיר בייגעשטאַנען).

אין לאָנדאָן איז א קהלה דאָ,
אַ ספרד'ישע פון יאָהרען,
וואָס האָבען זייער טרייהייט נאָך
צו שפּאַניען ניט פארלאָרען.

זיי שטעלען יאָהרצייט יעדעם יאהר
נאָך פערדינאַנד דיין זיידען,
און איזאַבעללא׳ן (ליכטיג זיין
זאָל זיי דאָרט אין גן עדן),

וואָס האָבען אַזוי זודיג־היים
מיט אידען זיך באַגאַנגען
(ניט איינער איז אין זייער פלאַם
פון ליעבע אויסגעגאנגען).

און ס׳זאָל חלילה אין דעם לאַנד
ניט טרעפען אונז א סיבה,
ארויסגעיאָגט אונז האָבען זיי
מיט גרוים גענאָד און ליעבע...

און וויסענדיג ווי שווער די לאַסט
פון „יוצאי בחפזון“,
אונז האָבען זיי קיין צופיעל געלד
ניט מיטנעהמען געלאָזען.

אַלפאָנזאָ, קליינער קעניג׳על —
אברבנל׳ס משפחה
פאַר דיר זיך וואַלגערט אין דעם שטויב,
און גיט דיר די הבטחה,

אַז טהייער איז געבליעבען זיי
דאָס לאַנד פון לויטער קריסטען,
די ערד וואָס אידיש מאַרך און בלוט
פלעגט דורות לאַנג פאַרמיסטען...

און פייפט דער דלות אין דיין שראַנק,
ניט זיין קיין בישן, כ'לעבען,
מיר זיינען קרובים דאָך... איין וואָרט—
און ס'אידיש פאָלק וועט געבען...

— — — — — — — — — — — —

די ספרד'ישע קהלה קומט
צו דיינע פיס זיך בוקען,
אַלפאָנזאָ, ווייז דיין גרוים גענאָד
און טרעט אויף זייער רוקען...

די פּעולה פון טרעהרען

א תשובה אויף א לייט־ארטיקעל „וואָס איז די פּעולה פון טרעהרען?“

וואָס די פּעולה איז פון טרעהרען?
בעטסטו ס'זאָל דיר ווער ערקלערען—
ניט די מאַכט פון יענע וואַפען,
וואָס די שטאַרקע אום דעם שלאַפען
אָפט געברויכען צו צושטערען—
נ י ט די גבורה פונ'ם גבור,
וועלכער טרעט און טראַמפּעלט איבער
זיינע אָפּפער צו זיין ציעל,
ווייל ער ק ע נ ן און ווייל ער ו ו י ל ל...
זוך אַזוינס ניט צו געפינען
אין די טרעהרען, וועלכע ריננען,
דעם געדריקטען פאָלק'ס פּראָטעסט,
מיט געוואַלט אַרויסגעפּרעסט
דורך יסורים, וועלכע שטייגען
איבער יעדע מאָס פון שווייגען...

פונעם הערצענס־תהום דעם טיעפען,
ווען ביים פאָלק די טרעהרען טריעפען,
לאָז עס וויינען... ניט אומזיסט
איז דער הייסער שטראָם וואָס פליססט...

לאָז עס וויינען... ס'איז אַ צייכען,
אַז ס'וועט ביסלעכווייז עררייכען
יענע זעלבסטבעוואוסטע שטופּע,
ווען עס וועט פאַר זיך אַ תרופה
זוכען אין זיין אייגען וויללען,
און וועט שטאַרק גענוג זיך פיהלען,
זיינע טרערען צו פאַרבייטען
אויף כלי־זיין אום צו שטרייטען...
ווען עס וועט ניט מיט געיאָממער
אַפּעלירען צו ישרנות,
און זיך קליאַנען אום רחמנות
און זיך טרייסטען מיט אַ „טאָמער?" —
נאָר מיט שטאָלצען מוטה פערלאַנגען
דאָס וואָס קומט איהם שוין פון לאַנג־אָן,
נעהמען זיך אַלליין דעם חלק,
וואָס צווישען פעלקער הייליג
איז געוואָרען, איהם באַשעערט,
און די וועלט פון רעכט וואָס לאַכט
וועט זיך שרעקען פאַר זיין מאַכט,
וועט זיך בייגען פאַר זיין שווערד...

די טרעהרען וואָס מאַכען
דעם פאָלקס־גייסט דעם שוואַכען,
און קראַנקען, פאַר'צרה'טען לייכטער;
עס בלייבט פון זיי איבער
אַ זכר אַ ליעבער,
אַ זעגען פון הימעל אַ פייכטער...
און איבער די בייטען

פון ד'הערצער זיך שפּרייטען
גאָר דופּטיגע זעלטענע קוויטען.
צוערסט נאָר באַווייזען זיך בלויזע געפיהלען
וואָס ווערען געדאַנקען אין מח אין שטיללען,
און פון די געדאַנקען אַ טאַפּפּערער וויללען
וואָס שטרעבט און וואָס טהוט,
מיט קראַפט און מיט מוטה,
צו ברענגען אַלליין זיך די גאולה...

אָט דאָס איז פון טרעהרען די פּעולה...

דעם לעבענס בשמים

ווען ס'לעבען איז געווען נאָך דופטיג־רייך,
און פולל, און זיס, און זוניג, און איך האָב
בלויז פרייד געזעהן א ר ו ם, געפיהלט אין ז י ך,
און ס'האַרץ איז ברייט געווען און שטאָלץ דער קאָפּ —

געלעזען האָב איך, אז דאָסליידען איז
דעם לעבענס בשמים, אַז דער קוממער גיט
די שאטטענס וועלכע צויבערען דאָס אויג,
די טענער וועלכע קוויקען דאָס געמיטה...

און כ'האָב דעם שמערץ געזוכט, איך האָט געזאָגט
טאָג־טעגליך צו דעם מלאך מיינעם: „נעהם
„אַוועג מיין אונבעפלעקטע יוגענד־פרייד,
„באַפייכט מיט טראָפּענס קוממער־טהוי מיין ברעהם..."

און מיין באַגעהר געוואָרען איז ערפיללט.
געקוממען איז עס, דאָך... ניט סאַממעט־ווייך
ווי וואַלד־שאטטענס, ניט זיס ווי וואַלד־מוזיק,
נאָר אָבגעצעהרט און ביינערדיג און בלייך.

געקומען איז דער שמערץ אכזריות'דיג,
און האָט מיך ווי זיין קרבן אָנגעבליקט,
זיין אָטהעם איז געווען מתים־הויך,
און באלד מיר האָט זיין האַנד די ברוסט צופליקט...

און איינגעפלאַנצט דאָרט קרייטער ביטערע,
וואָס האָבען מיך פערגיפט און אלץ אַרום,
און אָנגעשטעלט דאָרט שפּיגלען טייפעלשע
וואו ערד און הימעל שפּיגלען אָב זיך קרום...

דאַן האָט ער זיך צולאַכט מיט שד־געשפעט:
„די בשמים וואָס דו האָסט געביינקט נאָך ווי,
„דאָ האָסטו זיי — פון ביטערנים, פון פיין,
„פון האַסס, פון יאוש מינים אלערליי...

„דאָס זאַלץ־און־פעפער וואָס דו האָסט געזוכט,
„אַלס צו־ווירץ בלויז, זאָל זיין דיין טעגליך שפּייז,
„די טרעהרען וואָס דיר האָבען זיך פערגלוסט,
„זיי זאָלסטו האָבען גאַנצע עמערס־ווייז...“

דאַס ערגסטע פון דער תוכחה

מיט שקלאַפעריי, ניט שמאַכטען אין אַ ווייטען לאַנד,
מיט קייטען אויף די פיס, מיט פענטעס אויף דער האַנד
ניט שרעקען זיך פאַר יעדען שוואַכען ווינד וואָס וועהט,
ניט ציטערען פאַר נאַכט ווען העללער טאָג פאַרגעהט,
און קוים קומט אָן דער טאָג שוין וואַרטען אויף זיין סוף—
ניט דאָס, פערשאָלטען פאָלק, וועט זיין דיין ערגסטע שטראָף...

נאָר דו וועסט זעהן אַ מאָל דיין אייגען פלייש און בלוט,
די פרוכט פון דיינע לענדען וואָס אויף איהם גערוהט
האָט אָפט דיין אויג, מיט שטום פערצווייפעלטען געבעט,
ווען דיך אין שטויב געוועלצט האָט יעדער פוסס וואָס טרעט,
ווען שקלאַפען־טרעהרען האָבען דיין געזיכט געווייקט,
און שקלאַפען־שוואַכקייט האָט צו דר'ערד דיין קאָפּ געבייגט,—
וועסט איהם זעהן, איהם דיין אייגען קינד, דיין גואל־דם,
דעם לאַנג ערוואַרטעטען בעפרייער פון דיין שטאַמם,
זיך אויפהויבען מיט אַדלער־מוטה, מיט לייבען־מאַכט,
און זיין דער ערסטער אין דער ערסטער רייה פון שלאַכט,
און געבען פריי זיין בלוט, און בלוטען פולל מיט פרייד,
דאָך ניט פאַר דיר, נאָר דאָרט אַוואו דיין שונא שטעהט...
און הויבען וועט ער אין דער הויך אַ פאָהן דיר פרעמד,
און דו וועסט צוזעהן פון דיין שקלאַפענשטייג פאַרשעמט,
און שילטען דאמאלס וועסטו איהם—דיין איינציג טרייסט,
דיין לעצטע האָפענונג צו ווערען אויסגעלייזט:

„אָ, שלאַנגען־קינד, פעררעטהער פון דיין שטאַמם און נעסט !
„די תוכחה פון גאָט, וואָס האָט אַריינגעפרעסט
„איהר גאַנצען גיפט אין מיר, און לייב און זעעל פערגאַללט,
„זאָלל פאַללען איבער דיר מיט דאָפפעלטער געוואַלט...
„זאָלל דריקקען ווי אַ באַרג פון שאַרבענס אויף דיין ברוסט...
„און היינגען זיך אָן אַלסדינג וואָס דו טראַכסט און טהוסט...
„און י ע נ ע וואָס דו האָסט געקעמפפט אין זייער רייה,
„אוועקיאָגען דיך זאָללען מיט אַ האַסס־געשריי...
„און ד׳ערד די פרעמדע וואָס דיין בלוט האָט פעטגעמאַכט,
„דיך שטויסען זאָלל צוריק — אַוואו עס שמאַכט
„דיין אייגען פאָלק, און וועלקט אָהן קאַמפף און אָהן געפעכט,
„געדריקט פון אונטערדריקטעסטען—אַ קנעכט ביי קנעכט...

א טויטעס לעבען

ווען אין דיין אויג פערהטריקענט איז דער לעצטער טרעהר,
און האסט קיין כח ניט, קיין לוסט צו וויינען מעהר —
ווען אויסגעשאלטען שוין איהר לעצטע קללה האט
דיין צונג, און קלעפט דיר צו דיין גומען פלוך־באנקראט;

ווען אויף דעם זעלבען בית־הקברות, וואס פארדעקט
דיין ליעבע, ליגט שוין אויך דיין האס, דיין האס וואס פלעגט
ווי גיפטיג קוועקזילבער פולסירען דורך דיין בלוט,
און במקום־ליעבע פיללען דיך מיט כלומר׳שט־מוטה;

ווען דארט וואו דיין אמונה האט אמאל געבליהט
און ליגט פארוועלקט אצונד, ליגט אויך דער צווייפעל, מיעד
און אבגעשלאפט, און דריקט די בלאע ליפפען צו,
און גריבעלט ניט און פרעגט ניט מעהר און זוכט בלויז רוה;

ווען רעכט בעגייסטערט ניט דיין ווארט צו דיין געדאנק,
און אמת איז פאר דיר א גלייכגילטיגער קלאנג,
ווען אונרעכט רייצט ניט מעהר קיין צארען אין דיין ברוסט,
און אלסדינג נעהמסטו מיט: „אזוי האט זיין געמוסט“ —

וואס בלייבט דיר נאך, דו קיינעם׳ס שונא, קיינעם׳ס פריינד?
קיין מארגען האסטו ניט און טויט שוין איז דיין היינט.
וואס ציהט דיך צו דעם „זיין“, ווי ס׳ציהט די פלאמם צום קנויט?
וואס קייט דיך צו א לעבען טויטער ווי דער טויט?

אקטאבער, 1906.

דאס לעצטע ווארט

(איבערקוקענדיג די איללוסטרירטע פאגראם־נומער פון „דאָס לעבען“.)

איך מיש די בלעטטער און איך מיש,
א וועלט מיט מתים שטאַררט מיך אָן.
זאָגט, בר־מנן׳ס פערקריפּעלטע,
זאָגט וואַכסען־געלע פּנים׳ער,
וואָס ווילט איהר איך זאָל טהון? —

איך מיש די בלעטער און איך מיש,
מיך נעהמט אַרום דעם קבר׳ס גרויל.
זאָגט, פינסטערע, פערגליווערטע,
מיט אויגען האַלב־פערשלאָססענע,
מיט ווילד־צושפּרייטען מויל,

וואָס איז געווען דאָס לעצטע וואָרט,
וואָס האָט אויף אייער צונג געברענט?
וואָס איז געווען דער לעצטער וואונש
וואָס איהר האָט אויסדריקען געוועללט
און האָט ניט מעהר געקענט?...

צי ליעגט אַ קללה ניט דערפלוכט
אין אייערע פערקריצטע ציין?
צי האָט איהר פון אַ שפּעטען דור
נקמה, כאָרכלענדיג, פערלאַנגט,
פאַר אייער טויט געביין?...

איך מיש די בלעטטער און איך מיש,
און פלוצלונג דאַכט מיר, ווי איך הער:
„זיי האָט פון מויל קיין וואָרט פון פלוך,
קיין ראַכע־רוף אַרויסגעפּרעססט
פון תליון דאָס געוועהר...

„דאָס וואָרט — דאָס ניט דערערעדטע וואָרט,
געוועזען איז אַ שלאַכט־געשריי:
ניט לאָזט די אַרבייט אין דער העלפט,
ניט לאָזט דעם קאַמפף אין מיטטען שטעהן,
נאָר קעמפפט און פאַלט ווי זיי...“

מערץ, 1906.

וואס מעהר שאטען

ושחמתה מרובה מצלתה פסולה.
(סוכה)

ווען ס'קומט דער ערשטער סוכות-טאָג,
מיר קומט אַרויף פון אינגעל-צייט
אַ מעשה אויפען רעיון —
דערמאָן איך זיך, ווי לאַנג צוריק
גע'פסל'ט אונזער סוכה האָט
ר' שלמה'לע דער דין...

דעם אַלטען דין אונזערען —
אַ ליכטיגער גן-עדן איהם —
האָט עמיצער גע'מסר'ט,
אַז אין דער סוכה אונזערער
פאַללט דורכען סכך דער זוננענשיין —
נו, האָט ער זי גע'אסר'ט...

אַ סוכה — האָט גע'פסק'נט ער —
אַן עהרליכע, א כשר'ע
ווי גאָטט אונז האָט געבאָטען,
מוז זיין אַן אמת-דונקעלע,
מוז זיין וואָס מעהר אין פינסטערניסס,
מוז זיין וואָס מעהר אין שאטטען...

אַ שיין, מהיכא תיתי, מאַכט ניט אוים...
אַ קאַפּעצקע... גענוג צו זעהן
די ווערטער בלויז פון קדוש...
דאָך לאָזען מעשה הפקר־יונג
די זונן מיט עזות דורכשיינען—
פּע, כ׳לעבען, ס׳איז ניט אידיש...

די שטראַהלען און די פּליטערלעך,
די צאַצקעדיגע קווייטעלעך,
דאָס זיינען פאַר די אומות...
דאָס פאָלק ישראל דאַרף זיי ניט,
עס פּיהלט זיך דוקא היימיש דאָרט,
וואו פינסטערניסס אַרום איז...

אָקטאָבער, 1906.

א יום כפור מעשה׳לע

זיין תפלה זכה אָבגעזאָגט
מיט טרעהרען און כונות...
דער עולם צו כל נדרי שוין
מאַכט זיפצענדיג הכנות...

דאָך לײדיג איז די מזרח־שטאָדט
פון אַלטען רב ר׳ ניסן,
דער גבאי שיקט דעם שמש שנעלל
די סבה צו דערוויססען...

מינוטען, שטונדען ציהען זיך
ווי קריכענדיגע שלאַנגען,
אַ וויסטע אַנגסט בעפאַללט די שוהל
און דריקט דאָס הערץ מיט צוואַנגען...

דער חזן שטעהט אין קיטטעל בלאַסס
און מישט די מחזור־בלעטטער...
די וואַכס־ליכט שפריצען אין דער שטילל,
די נאַכט ווערט שפעט און שפעטער...

נו, אָט איז שוין דער שמש דאָ:
„זאָגט, וואָס פּאַססירט האָט, שנעללער?“
דער שמש סאָפּעט און דערצעהלט:
„אין שול־גאָס פון אַ קעללער,

„דערהער איך פּלוצלונג אַ געזאַנג,
א זיסס כל־נדרי נגון,
ווי אימיצער וואָלט דאַוונענדיג,
אַן עופ׳עלע פערוויעגען...

„איך געה אַראָב און טהו אַ קוק,
כ׳בין פון שרעק פאַרגאַנגען...
ר׳ ניסן שטעהט און וויעגט אַ קינד
מיט היילינע געזאַנגען...

„די מאַמע איז אוועק אין שוהל,
איהר הערץ דאָרט אוסצוגיססען,
און ס׳קינד האָט נעבעך, שרייענדיג,
די גאַלל זיך איינגעריססען...

„נו, קלערט איהר וואָס?... דער גרויסער רב,
דער גרייז, דער עוקר הרים,
דערהערט דעם קול און נעהמט דאָס קינד
מיט ליעבשאַפט אויף זיין אָרעם...

„ער האָט דאָס קליינע נפש׳ל
אין טלית איינגעטוליעט,
און זינגענדיג כל נדרי איהם
געניאַנטשעט און געליולעט...“

סעפּטעמבער, 1906.

סוף זוממער

עס פעקעלט זיך דער זומער שוין
אין זיפצענדיג זיך זעגענט;
די שוואַלבען פליהען מחנות־ווייז
אוועק אין דרום־געגענד.

די דאַרע בלעטטער, פאַללענדיג,
מיט שוואַכען יאוש רוישען,
עס קוקען צווייגען נאַקעטע
פון יעדען בוים אַרוים שוין.

די לעצטע בלום וועלקט אויף איהר שטאַם,
עס טריקענען די גראַזען,
די זוננען־שטראַהלען פאַללען קרום,
און קיהלע לופטען בלאָזען...

אָ, אָסיענווינד, איך וואַרט אויף דיר,
דיך גריסט מיין מרה שחורה,
קום פילל די טעג מיט אומעט אָן,
פילל אָן די נעכט מיט מורא...

מיט כמאַרעס וויקעל איין די זונן,
פאַרדונקעל אַלע שטערען,
און סוויסטשע דיין טייוואָלים־ליעד,
און פליוכע רעגען־טרעהרען—

דו ווערסט מיין לעבענס־אָבקלאַנג זיין,
מיין שמערץ אַקאָמפּאַנירען,
און ווען דו קומסט מיט קלאַפּערײַ,
אויף פענסטער און אויף טהירען,

אין וויסטע נאַסע אָסיען־נעכט,
מיין איינזאַמקייט צו שטערען,
דאַנן דריקען צו דער קאַלטער שויב
וועלל איך מיין הייססען שטערען,

און איינגראָבען אין חשך־ים
די שמערץ־צופלאַמטע אויגען,
און איטליכען יללה־טאָן
פערצווייפעלט — דורשטיג זויגען...

סעפטעמבער, 1906.

כי תצא למלחמה!

(דברים, כ"ד.)

און ווען דו געהסט ארויס אין שלאכט
אונ ווילסט די קריגסלייט וועהלען,
ניט צעהל דעם מספר פון די הענד,
די הערצער זאלסטו צעהלען.

רוף אויס אין לאגער אויפ'ן קול,
די מחנות זאלען הערען:
ווער ס'האט א פרוי און בייגקט נאך איהר,
ער זאל אהיים זיך קעהרען.

ווער ס'האט געפלאנצט א וויינגארטען
און וויל די טרויבען קלייבען,
ער זאלל קיין רגע אין דער רייה
פון דיינע קעמפפער בלייבען.

ווער ס'האט פאר זיך א הויז געבויט,
און וויל דאס הויז באנייען,
ווער ס'טרוימט פון גליק און רוה און היים—
איהם גיב ניט קיין כלי־זיין.

און ווענן דו האסט זיי דורכגעזיפט,
און פריי פון פסולת שטעהען
די מוטהיגע, די מעכטיגע,
דאנן שטעלל זיי אויס אין רייהען,

און בלאָז די חצוצרות מיט געהילך,
לאָז שאַללען די טראָמפּייטען,
און איטליכען פון חיל זאָלל
דיין שטרענג באַפעהל באַגלייטען:

„קיין ווייב, קיין קינד, קיין היים פאַר אייך,
קיין בייּנקען און קיין שמאַכטען,
דער קעמפּפער טאָר פון ליעבעסלוסט,
פון היים און רוה ניט טראַכטען...

פאַרשלינגען זאָלל זיין קליינעם איך
די גרויסע פאָלקס נשמה,
בעצווינגען זאָלל זיין לייב און זעעל
די פלאַממענדע מלחמה...“

אויגוסט, 1906.

שומר מה מליל

...שומר מה מלילה, שומר מה
מליל ?...
אמר שומר אתא בקר וגם לילה.
(ישעיה, כ"א)

וואָס הערט זיך, וועכטער פון דער נאַכט ?
קוק אום זיך, פאָלקס־פיקעט, גיב אַכט,
וואָס זעהסטו פון דיין טהורעם־צימער ? —
האָט ערגעץ־וואו אַ שיין ערוואַכט,
אַ שפּראָץ פון מאָרגענשיממער ?—

וואָס הערט זיך, וועכטער פון דער צייט,
וואָס זעהסטו אין דער פינסטערקייט ?
אונז שטאַרבט דער מוטה, די כחות וויאַנען,
זאָג, איז ניט ערגעץ אין דער ווייט
א גואל אויפגעשטאַנען ?...

דער וועכטער פון זיין טהורעם זאָגט :
„עס האָט געשיממערט און געטאָגט,
„און ס'איז שוין ווידער נאַכט געוואָרען...
„דאָך איז, מיין פאָלק, די האַנד, וואָס טראָגט
„דיר הילף, נאָך ניט געבאָרען...

„נאָך לאַנג דער וועג, דער קאַמפּף נאָך שווער
„גרייט אָן זיך מוטה, גרייט אָן געוועהר,
„אַ הערץ פון שטאָהל, אַ קאָפּ פון אייזען,
„און ברענג קרבנות מעהר און מעהר—
„ביז ס'וועט זיך ליכט בעווייזען..."
8טען יולי, 1906.

אלטע פסוקים—ניי פערטייטשט

והן לא יאמינו לי
ולא ישמעו בקולי.
(שמות, ד׳ א׳)

און ס׳וויגערט זיך דער נביא: „גאָטט אַללמעכטיגער,
דו ווילסט איך זאָל אין פּתום און אין רעמסס געהן,
איך זאָל דיין וואָרט אַנטפּלעקען פאַר די ליים־קנעטער,
וואָס האָבען אין דעם ליים פערזונקען לייב און זעעל...
איך זאָל דערצעהלען זיי, די שלאַפּע קאַרליק׳לעך,
די אָבגעמיהטע שקלאַפען־אייניקלעך,
פון עלטער־עלטער־זיידעס ריעז־מענשען,
מיט ברייטע שולטערען, מיט אויגען אָדלערשע,
וואָס האָבען איבער באַרג און איבער טהאָל
אַרומגעוואַנדערט מיט׳ן פאַסטוך׳ס שטאָק,
און מיט׳ן יעגער׳ס פייל־בויגען—
פאַר גאָט און לייט א פרייד...

איך זאָלל פון מעננער־מוטה, פון מענשען־שטאָלץ,
און פון דער זונניגער פערגאַנגענהייט,
צו יענע רעדען, וועלכע בעטען בלויז,
אַ שטונדע וועניגער פון ליים־קנעטען אין טאָג,
אַ צעהנדליג ציגעל פון דער צאָהל געשענקט,
אַ הייפעל שטרוי מיט רחמים צוגעלעגט,
אַ שוטר וועלכער שמייסט מיט חסד כאַטש...

איך זאָל צו יענע קומען מיט דיין גאָטט־געשאַנק,
וואָס זעהען אין דעם טרוים פון העכסטען גליק,
אַ שמייכעל פון גענאַד אויף פּרעה׳ס ליפּ,
צו ד׳ אמות מעהר אַרום די גשן־ווענד,
אַוואו צו קענען אָטהעמען
דעם פּעסט־געררוך פון נילוס־טייך,
די שטיקענדע און דריקענדע,
די פייכטע און פאַרדומפּענע,
פאַרשקלאַפּענדע מצרים־לופט...
אַוואו צו קענען צוהערען
די קוואַקעריי פון זומפּען־פרעש,
די שוואַרצע און די פינסטערע
הרטומים־פרעפלעריי...

און איך וועל קומען און וועל זאָגען זיי:
„אַ סוף פון ליים־קנעטען זאָל זיין,
„פון שטרוי און ציגעל און פון שוטר־שמיץ,
„פון שקלאַפּען־דאַנק פיר שמיץ געשאַנקענע,
„פון פּתום־אַרבייט און פון גשן־רוה...
„דען איהר זייט אַלע קעניגען,
„איהר אַלע זייט איין פּריעסטער־שטאַמם,
„און איטליכער פון אייך
„מיט פּרעה׳ן איז צוגלייך,
„אַ פרייער גאָט־געזאַלבטער פּרינץ,
„און היגטער מדבר וואַרט אויף אייך
„אַ קעניגרייך אַ ליכטיגע—
„אַ קעניגרייך וואָס אייך געהערט...

און איך וועל ווייטער זאָגען זיי:
„קיין שוטר וועט איהר מעהר ניט האָבען איבער אייך,
„קיין ריטער אייך צו טרייבען אויפ׳ן וועג,
„קיין מספר ציגעל מוזען צושטעללען,
„מיט הענד צובלוטיגט פון דער בייטש —
„נאָר יעדער וועט זיין שוטר מוזען זיין,
„און געהן פון קיינעם ניט געיאָגט;
„און שווערער אַרבייטען און פלייסיגער,
„ווי ביי דעם קלעפּיגען מצרים־ליים...
„און שלעפּען זיך מיט לעערע אינגעווייד,
„מיט דאָרשט־צופּלאַצטע ליפּען טעג און נעכט,
„און ווייב און קינד פער׳חלשט זעהן,
„און זיך ניט אָ ב ב ע ט ע ן,
„ניט ו ו ע ל ע ן אָבבעטען,
„ניט פאַדערען קיין טאָג־לוין ווי אַ מאָל,
„ניט בייגקען נאָכ׳ן פוללען גשן־טאָפּ...
„נאָר געהן אַוואו גאָט הייסט,
„וואו איך, זיין נביא, פיהר...

אַלמעכטיגער, וואָס שיקסטו מיך? —
ווער וועט מיר גלויבען פון דעם גשן־פאָלק?
ווער וועט זיין אויער צולעגען? —
ווער וועט זיין צוגעוואָהנטע קנעכטיגקייט,
זיין צוגעוואָהנטען שוטר־שרעק,
פערבייטען אויף דאָס שטראַהל־געפלאָכטענע,
דאָס לופט געוועבטע חלום־בילד
פון שעהנעם קעניגרייך, וואָס ווייט,
פאַר טויזענד מיילען מדבר ליעגט?...“

2.

און דונער'דיג געענטפערט האָט די שטים פון גאָט:
„פון באַרג וואו דו ביסט געזעסן לאַנג,
פון ליים קנעטען, פון יאָך און אַרבייט ווייט,
אין שטאָלצער איינזאַמקייט,
אין פרייער אָבגעזונדערטקייט,
אין אונבעפלעקטער לויטערקייט —
פון באַרג וואו דו האָסט אַליין
געטרונקען מיינע וואָרט־שטראַהלען,
און הימעל־לייטערס פון געדאַנקען אויפגעבויט—
אין פתום און אין רעמסס זאָלסטו געהן...
און צווישען זיי, די ליים־קנעטער,
דיא שמוץ־בעשפריצטע שקלאַף־מענשען,
מיט דיינע הענד די ציכטיגע,
פאַנאַנדערטהיילען יענע רייכטהימער,
וואָס דו האָסט איינגעזאַפט...

„זאָלסט זיין דער בלאָז־זאַק און דער שמעלצטיגעל,
און זאָלסט דער אַמבאָס און דער האַממער זיין...
דיין אויג זאָל פון א ר ר ט־ב ע ר ג מיט אַש,
אַ פ ו נ ק אַן א י י נ צ י ג ע ן אַרויסשפּיאַנען,
און איהם פאַנאַנדערמינטערען,
פאַנאַנדערוועהען און צופלאַקערען,
אין פלאַממען הימעלגרייכענדע...
און שמעלצען וועסטו זיי,
די קנעכט־הערצער, די ליים־מוחות,
און לייטערען און רייניגען,

אין פייער אין דעם גלוטיגען,
וואָס דו האָסט אויפגעפּאָכט...

„און זאָלסט דער אמבאָס און דער האַממער זיין,
און האַממערען און אויסשמיעדען
פיגורען שעהנע העלדישע,
פיגורען שטאַרקע פרייד־פוללע,
ווי דו האָסט אויף די בערג געזעהן
אין דיינע גאָט־טרוימען...

„העך דו זאָלסט זיין ניט בלויז אַן אויסלייזער..
צו־ריהרען זאָלסטו ערשט,
אין פוילקייט און אין קנעכטיגקייט,
די לוסט די לאַנג פערגעסענע
צו ווערען אויסגעלייזט...

„דו זאָלססט ניט יענער גואל זיין,
וואָס ווערט מיט פרייד־געשריי בעגריסט,
וואָס ווערט געטראָגען אויף די הענד —
וואָס ווינקט און ס'געהט דאָס פאָלק איהם נאָך...

„זאָלסט זיין פיעל מעהר, פיעל מעכטיגער,
דו זאָלסט בעשאַפען ערשט דאָס פאָלק,
וואָס דו ווערסט אויסלייזען...“

פעברואַר, 1907.

דעם נביא׳ס גורל

ושמה לא תבוא.
(דברים, ל״ב.)

ניט דו — ניט דו וועסט זעהן דאָס לאַנד כנען,
ניט דו, אין וועלכענס ברוסט עס האָט צוערסט
אַרויסגעשפּראָצט דער טרוים דער גאָלדענער,
פון פרייע שבטים און פון גליקליכע,
פון לאַנד וואָס פליססט מיט האָניג און מיט מילך,
פון גרינע בערג באַדעקט מיט וויינגערטנער,
פון תבואה־פעלדער און פון קוואַל־וואַססער,
ווען דיר אַרום געלעגען איז די וויסטעניי,
אַ טרוקענע, אַ זודיג־זאַמדיגע,
ווען אָנגעפילט די ברענענדיגע לופט
האָט בלויז פון שקלאַפען־שטיממען דער גערויש...

ניט דו, וואָס האָט אין שטוממע מדבר־נעכט
צום שטערנהימעל צוגעקעהרט זיין בליק,
און פאַר זיין נביא־אויג געזעהן פאַרשפּרייט,
אין העללער פּראַכט, אין פאַרבען בולט׳ע,
די פּאַנאָראַמע פון די צוקונפט־טעג...

ניט ד ו, וואָס איז אין שווערע מדבר־טעג,
אין טעג פון הונגער און פון דורסט און פיין,

אין טעג פון צווייפעל און פארצווייפעלט זיין,
געווען דער איינזאמער, דער איינציגער,
וואס האט געגלויבט דעם צוזאג פון א לאנד,
געבענשט פון גאט, געפיללט מיט רייכטהימער—
ניט דו ווערסט זעהן דאס שעהנע לאנד כנען...

און ווייסטו וואס דיין נביא־גורל איז? —
פארגעהן אין מדבר וועט דיין לעצטער הויך,
דאס וואיען פון די חיות אין דער וויסט,
דאס גיפטיג שיפען פון די מדבר־שלענג,
נאך וועסטו הערען אין דיין גוסס־שעה...
דעם מידען שפלות׳דיגען שקלאפען־בליק,
פון צעהנדליג טויזענד־קעפיגען המון,
פאר וועלכען דו האסט פרייהייט פראפעצייט,
נאך וועסטו צוזעהן פון דיין טויטען־בעט...
דאך דו וועסט שטארבען בענשענדיג, געבענשט,
דען בליהען וועט פאר דיין פארגלאזטען בליק,
און גליהען אין דיין פריהרענדיגען בלוט,
דיין היים־געליעבטע, פעסט־געגלויבטע לאנד,
דאס פרוכט־באדעקטע לאנד כנען...

ניט דו, אין וועמענס ברוסט עס האט צוערסט
ארויסגעשפראצט דער שעהנער טרוים, וועסט זעהן
דאס לאנד עררייכט...
ניט דו, דאך ערגעץ וואו
געפאללען איז א קערען אין דער שטילל
פון דיין פראפעטען־גלויבען און עס בליהט...
און ס׳וואכסט שוין נאהנט פון דיר דער יונגער העלד,

וואָס טרינקט דיין וואָרט און זעפטיגט זיך מיט איהם,
און קרעפטיגט זיך פאַר טהאַטען מעכטיגע...
ער פלאַנט מיט קלאָרען גייסט, מיט קאַלטען מוטה,
ער קלייבט כלי־זיין שוין און חיל אוים,
ער חלום'ט ניט—ער חשבונ'ט אוים דעם וועג,
און גרייט זיך טהון וואָס דו האָסט בלויז געטרוימט.

ניט דו, ניט דו, דער זעהער און פראָפעט,
נאָר ער, דער גבור־מענש, דער מאַן פון טהאַט,
דער שטאַרקער יורש פון דיין נביא־טרוים,
וועט פיהרען ס'פאָלק צום שענעם לאַנד כנען...

אָקטאָבער, 1906.

אַ ווינטער טרוים

(חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא.)

באַוויזען האָט זיך מיר אַ בילד אין טרוים:

פון איין ברעג הימעל ביז צום אַנדערען
אַ גרויסער מלאך אומגעפלויגען איז.
די ווייססע ברייטע פליגלען אויסגעשפרייט,
געבלישטשעט האָבען אין דעם זונענשיין,
און צו די ליפּפען זיינע צוגעדריקט
דער מלאך האָט אַ שטראַהלענדען טראָמפּייט.

און פּלוצלונג דורכגעקלונגען האָט די לופט
אַ העללער טאָן, אַ קלאָרער זילבערקלאַנג,
וואָס שטאַרקענדיג און שפּאַלטענדיג זיך האָט
גע׳כופל׳ט אין אַ גרויסען כאָר־געזאַנג:

„שטעהט אויף, איהר מתים, פון דער קאַלטער גרוב
„און הייבט זיך אויף פון אייער קבר־הייהל
„טהוט אָן אַ נייעם לייב, אַ נייע הויט,
„שטרעקט אויס די גליעדער מעכטיג און געזונד,
„און קומט ארויס וואו פריש דער אויר בלאָזט,
„וואו ס׳וואַרט אויף אייך דאָס לעבען און דאָס ליכט,

„דען אָנגעקומען איז דער גרויסער טאָג,
„ווען לעבען האָט זיין פיינד, דעם טויט, בעזיעגט,
„און נעהמט די מענשען־אוצרות אָב צוריק,
„וואָס לאַנג פערשלאָססען האָט די וויסטע גרוב.“

געבלאָזען האָט דער מלאך זיין טראָמפּייט,
און מחנות־ווייז מלאכים הינטער איהם,
מיט קערב פון היממעל־בלומען דופטיגע,
אַראָבגעפלאַטערט האָבען אויף דער ערד,
און פלייססיג וואו א קבר אויפגעזוכט,
און אומעטום דאָס טויטע פאָלק געוועקט.

מיט זיעבען העללע קרוינען אויף זיין קאָפּ,
און מיט אַ ליכט־גירלאַנד באַקראַנצט,
געזעססען איז דאָס לעבען אויף אַ טהראָן,
אין רעכטען מיטטען פונעם היממעל־רוים
און האָט מיט זוננענאויגען נאָכגעקוקט
די שלוחים זיינע און געוואַרט... געוואַרט...

און פּלוצלינג האָבען זיינע קרוינען זיך
פאַרצויגען ווי מיט פלעקען דונקעלע,
דער קראַנץ פון ליכט אַרום זיין שטאָלצען קאָפּ
געוואָרען איז אַ שוואַרצער וואָלקען־שטרייף,
די קלאָרע זוננענאויגען האָבען זיך
פאַרשלייערט מיט אַ פייכטען נעבעל גראָ,
און טיעפגעבויגען האָט ער צוגעהערט
ווי ס׳כליפּען די מלאכים אויף דער ערד:
„דאָס מתים־פאָלק פאַרגעססען האָט דאָס ליכט,
„עס גלויבט ניט מעהר אין לעבען און אין קראַפט,

„עס פוילט, צופריעדען מיט זיין קבר־רוה,
„און ווילל ניט אויפשטעהן פון זיין ווערים־בעטט.“

געוואָרען שטום איז דער טראָמפּייטען־קלאַנג...
פון אומעטום געטראָגען זיך צוריק
מלאכים האָבען גאַנצע מחנות־ווייז
צום לעבענס־טהראָן, און שטיללערהייד געוויינט...
פאַרדעקענדיג מיט פליגלען דאָס געזיכט,
פאַרהיללענדיג דעם קוממער און די שאַנד...

פריהלינג

קום, פריהלינג, קום מיט ווייכע טריט,
דו זיסער צויבערמייסטער,
וועק א י י ן מאָל נאָך דאָס אַלטע ליעד,
די טויטע יוגענד־גייסטער...

קום גלעט און קרייזעל מיינע האָאָר
מיט דיינע באַלזאַם־פינגער,
קום קוסס אַ לעצטען אַבשיעדס־גרוסס
דיין גוסס־קראַנקען זינגער.

דען שנעלל פאַרוועהט דיין זיססער הויך,
שנעלל ווערט דיין ליעד פאַרקלונגען,
און שנעלל דער טויט וועט האָבען מיך
אין שוואַרצען שטראָם פאַרשלונגען...

קום, פריהלינג, קום מיט סאַמעט־טריט,
באַטרעט מיין קראַנקענצימער,
דערוויסען לאַז דיין שטיפעריי,
דיין שפיעל פון שאַלל און שיממער...

דערוויסען לאַז דיין פריידענקלאַנג,
דיין לוסטיג־ווילדען ליאַרעם,

צו מיר קום שטילל און מילד און לינד,
אין צערטליך, ווייך און ווארעם...

און זינג מיר ניט פון האָפענונג,
פון שטרעבען און געלינגען,
דענן דעם, וואָס זאָגט זיין ודוי שוין,
וואָס קען די צוקונפט ברינגען?...

מיר זינג און רעד פון יענער צייט,
וואָס לאַנג שוין איז פארשוואונדען,
ווען דורך די חורבות פון מיין ברוסט
באַטריעבטע זיפץ־פאַרפיומען...

מיר זינג און רעד פון עבר־צייט,
וואו אַלסדינג טויט און שטיל איז,
און טרייסט און ווען מיר זיסע רוה—
די רוה פון קבר־תפלות...

צו עשו'ן

א עשו, כ'מוז זיך מודה זיין,
כאָטש ס'איז אַ שאַנד צו זאָגען,
מיר ווילט זיך אָפט אַ ווײלע בלויז
דיין עשר־פויסט פאַרמאָגען.

פאַרזוכען כאָטש אויף איין מינוט
ווי זיסס און ווי געשמאַק איז,
צו זיין אַ בעל מטופל מיט
געזונדע צוויי קולאַקעס...

אָ, עשו, באָרג דיין כח מיר,
און זעהסטו, כ'מאַך אַ פשרה;
דיר האָט דער בורא איינגעטהיילט
מיט גבורה אָהן עין־הרע.

געשענקט דיר לאַפּעס פערדישע
און פון אַ מילב געהירען,
און מיר געגעבען פליעגען־קראַפט
און מאַרך גענוג פאַר פיערען...

נו מאַך מיט מיר אַ קורצען בייט
דו זאָלסט מיין כח נעהמען,
און מיר אַנטלייה דיין גראָבע האַנד
און זעה — ווי איך וועל פלעמען,

ווי איך וועל בוכצען דאָרט וואו קלעפּ
נאָר קענען איבערצייגען,
ווי איך וועלריידען פּ ו י ס ט ע ן־שפּראַך,
וואו פּענן און צונג מוז שווייגען...

סעפּטעמבער, 1907.

ממעמקים קראתיך ה׳

פון פינסטערנים, פון טיעפענים
גערופען האָב איך דיך, דו גאָטט פון ליכט:
„שטרעק אוים באַהילפיג מיר דיין האַנד,
און קעהר אויף מיך דיין לייטזעליג געזיכט...

„בעוויז זיך ווי אַ פייער־זייל,
צו בלויז אַ פונק, אַ סימן אַז דו ביזט
פ אַ ר אַ נ ע ן ערגעץ־וואו, און א י ך
בין ניט פאַרלאָזען אין דעם לעבענס־וויסט...“

אין פינסטערנים, אין איינזאַמקייט,
געליטען האָב איך וויסטע טעג און נעכט,
און דו, אין וואָלקענס איינגעדעקט,
פאַרבאָרגען האָסט דיין פנים פון דיין קנעכט...

דאָך האָט מיין גלויבען ניט געוואַנקט,
און גלויבענדיג געפונען האָב איך טרייסט,
איך האָב גע׳חזר׳ט: „פון דיין טהראָן
רחמנות׳דיג באַקוקסטו מיך און ווייסט...“

אין טיעפענים, אין פינסטערנים,
דיין נאָמען רוף איך צווישען מיין געוויין,
דאָך וואַכסען, וואַכסען, ביסלעכווייז
ניט וויללענדיג דעם ספק'ס שלאַנגען־צייהן—

עס גריזשעט ערגעץ אַ פּראָטעסט...
און ס'שטאַרבט די תפלה אויף מיין קראַנקער ליפּ.
אָ, גאָטט, אויב דו מיך זעהסט און הערסט,
באַווייז אַ מיטלייד־פונק, אַ צייכען גיב...

אָקטאָבער, 1906.

הנרות הללו

לא לראותם בלבד
אלא להשתמש בהם.
(נייער נוסח)

די שטוב איז וואַרעם, יום־טוב׳דיג,
די ליכטלעך ברענען מונטער,
דער טאַטע געהט פאַר׳דבקה׳ט אום,
און זינגט צופריעדען אונטער:

„די ליכטעלעך די דאָזיגע,
וואָס שיממערען און שיינען,
צו זעהן בלויז און צו אַכפערען,
געשטעלט פון דורות זיינען.

„ניט ליכטיגקייט, ניט וואַרימקייט,
ניט נוצען צו פערשפרייטען,
נאָר יאָהרצייט־קנויטען הייליגע
פון עבר דעם פאַרווייהטען...

„עראינערונגען דופטיגע,
דאָס אידיש הערץ צו קוויקען,
ווי עכאָ־קלאַנגען לופטיגע
פון לאַנג שוין טויטע גליקען...“

אָ טאַטעניו, ניט זינג אַזוי,
דעם נוסח זאָלסטו בייטען,
די ליכטלעך זאָלען מעהר ניט זיין
וויא טויטענליכט פון ווייטען...

זיי זאָללען אין א לעבענס־פלאַם
זיך ווילד פאַנאַנדערגליהען,
זיי זאָלען דורכען גאַנצען פאָלק
פון הערץ צו הערץ זיך ציהען...

און אָנצינדען אין יעדער ברוסט
א שטאָלצעם זעלבסטפערטרויען,
און האָפענונג, און מוטה, און לוסט,
א צוקונפט אויפצובויען,

נאָך שטאַרקער און נאָך מעכטיגער,
ווי דאָס וואָס איז פערלאָרען,
נאָך שענער און נאָך פרעכטיגער,
ווי בילדער פון זכרון...

יא, טאַטעניו, דעם נוסח בייט,
דיין ליעד אַזוי זאָלל קלינגען:
„די ליכטלעך זאָללען דוקא אונז
אי ליכט, אי נוצען ברינגען...

„זיי זאָלען זיין ניט יאָהרצייט־ליכט,
ניט צאַנקענדע זכרונות,
ניט נאַכט־פונקען, וואָס גליהען אום
אויף מאַכיגע חורבונות...

„נאָר פייערדיגע פּאַקעלען,
וואָס פלאַקערען און ברענען,
כדי דאָס פּאָלק זיין צוקונפט זאָלל
און זיך אַלליין דערקענען...

„כדי דאָס פּאָלק זאָלל זעהן דעם וועג,
די מיטטלען און די וואַפּפען,
און שפּירען קראַפט גענוג אין זיך
זיך פרייהייט צו פערשאַפּפען...“

דעצעמבער, 1905.

דער ליכט כאָר

(אַ חנוכה אַללעגאָריע)

דאָס שמש ליכטעל:

דער שעהנער אָנהויב איז געמאַכט,
מיין אַרבייט איז פאַרריכט,
געשאָנקען האָב איך יעדען קנויט
דעם ערסטען פונק פון ליכט.
איך האָב מיין הייליג פליכט ערפיללט—
דאָך איי'רע הייבט ערסט אָן.
געוויססענהאַפט זאָל איטליכער
זיין פלאַממענאַרבייט טהאָן...

ערסטע ליכטעל:

לאַנג איז דער קנויט אין פינסטערנים
געוועזן צונויפגעדרעהט,
געוואַרט ביז דו וועסט ברענגען איהם
די פייערדיגע פרייד.
איצט זיי בעגריסט, און זיי געבענשט—
דו האָסט מיט פלאַממענצונג
אַרויסגעקוססט אין לעבען אונז,
צופלאַקערט מיט דיין פונק...

צווייטע ליכטעל:

די פינסטערע פערגאַנגענהייט,
דעם מאַטטען גראָען היינט,
באַלוינען זאָלל די צוקונפט אונז
וואָס שטראַהלענדיג ערשיינט.
אָ, קוקט נאָר אָן ווי יעדער קנויט
זיך הויך און העכער שטרעקט,
פאַרגעסען איז דער עבר שוין,
זיין זכר אויסגעמעקט...

דריטע ליכטעל:

דער מקור פון דעם העללען קוואַל
איז אין דער שוואַרצער הייהל,
דער אָנהייב פון דעם העללען קנויט
ליעגט אין דעם נאַססען אייל...
די צוקונפט איז דער צוועק און ציעל,
דאָך אין דער טיעפער נאַכט
פון עבר פלעכט זיין וואָרצעל זיך,
און ציהט פון דאָרט די מאַכט...

פיערטע ליכטעל:

פערגאַנגענהייט און געגענוואַרט
און צוקונפט, אַללע דריי,
זיי זיינען שוועסטער לייבליכע,
זיך בלייבען תמיד טריי,
דאָך טאָר דעם עבר'ס מאָנומענט
ניט זיין אַ שטרויכעל־שטיין,
וואָס וועגט דעם שוואונג פון איצט אַראָב
און לאָזט ניט פאָרווערטס געהן...

פינפטע ליכטעל:

אָ, וואונדער־זיסס די אַרבייט איז,
אונ שעהן דאָס לעבען ווערט,
ווען גליהענדיג פאַר אַנדערע,
דער קנויט אַליין זיך צעהרט,
און רעכטס און לינקס איהם ביי דער זייט,
אַ גלייכער שכן שטעהט,
וואָס הויכט ווי ער מיט פלאַממען־מוטה,
ווי ער דאָס ליכט פאַרשפּרייט.

זעכסטע ליכטעל:

בלויז ווען פון אַלע שטראַהלען ווערט
איין ברענענדיגער פונקט,
וואָס וואַכסט און וואַכסט פון איטליכען,
און איטליכען פאַרטונקט;
בלויז ווען פון אַללע פלאַממען ווערט
איין גרויסער ליכטגעשפּאַן,
וואָס שטרעקט זיך מיט וואולקאַנען־מאַכט —
דאָרט איז ערפאָלג פאַראַן...

זיבענטע ליכטעל:

און ווער דערמאָנט דעם איינצעלנען,
פאַרלאָרען אינעם כלל?
ווער ווייסט אין גרויסען פייער־זייל
דערקענען נאָך דעם שטראַהל?
דאָך איז דער גרויסער פייער־זייל
פון שטראַהל־פעדעם געוועבט,
ווי ס'איז דער שטאַרקער פעלזען־באַרג
פון זעמדלעך אויפגעקלעפּט...

אכטע ליכטעל:

דאָס זעמדעל איז צוליעב דעם באַרג,
צוליעב דעם כלל דער פּרט,
די געגענוואַרט איז מיטטעל בלויז,
די צוקונפט רעזולטאַט...
דער טחוער שטאַרבט, דאָך לעבט די טהאַט
און וואַכסט פון יאָהר צו יאָהר,
אַן אונבעמערקטער טאָן־חלק
אין גרויסען לעבענס־כאָר...

די מנורה:

אָ, פולל און רייך דאָס לעבען איז
פון דעם וואָס טהוט זיין פליכט,
און מעכטיגער פון טויט אַ סך
די ברידערשאַפט פון ליכט,
ווען יעדע פלאַמם זיך שפּיגעלט אָב
אין פלאַממען גלייך ווי זי,
און פון צושפּרייטע פונקען ווערט
איין פונקענמעלאָדיע...

דעצעמבער, 1906.

פערגענגליכקייט

ווען כ'דריק דיך צו מיין ברוסט, און ליפּ צו ליפּ
זיך קלאַממערען צונויף מיט ווילדער לוסט,
ווענן איין נשמה מיט דער צווייטער ווערט
אין א י י ן ענטציקטען שטראַהל צונויפגעקוסט—

דאַן פאַלט אַ שוואַרצער שאַטטען אויף מיין פרייד.
און כ'דענק, ווי שנעלל, ניט בלויז די יוגענד־פלאַם,
נאָר ס'גאַנצע לעבען מיינס און דיינס, צוריק
אין זיך וועט איינזאַפּען דער גרויסער ים

פון אייביגקייט, פון טויט און פינסטערנים—
דער גרענצלאָזער תהום פון אַ ל ס און נ י ש ט,
פון וועלכען אונז אַ בלינדע שיקזאַל־האַנד
אַרויסגעשפּריצט האָט און צונויפגעמישט...

און מעסטענדיג דעם קליינעם קורצען שפּאַנן
פון „איך"־לעבען, פון ליעבע, וועה און פרייד,
מיט דער אונענדליכקייט וואָס ה י נ ט ע ר אונז
מיט י ע נ ע ר וועלכע פ אַ ר אונז זיך פאַרשפּרייט,

באַדויער איך דיין יוגענד און דיין חן,
און גלעטענדיג דיין גליהענדעס געזיכט,
שוין שפּירען מיינע פינגער ווי דער פראָסט
פון טויט און נ י ט ־ ז י י ן דורך אונז ביידען קריכט...

און ס׳לעשט זיך די ענטציקונג אין מיין בליק,
עס שטויסט דיך אָב פון זיך מיט שרעק מיין האַנד,
דען בלויז אַ פונק ביזט ד ו, אַ פונק בין א י ך,
אַרויסגעבליצט פון ווימטען תהו־לאַנד...

און וואָלסטו איטליך פאָדעם פון דיין זינן
מיט מיין נשמה טאָג פאַר טאָג געקניפּט,
און וואָלט איך ביז מיין לעצטען לעבענס־הויך
דיך תמיד מיט דערזעלבער גלוט געליעבט,

די טיעפע נאַכט, די אייביגע, זי מאַכט
צום פונקען־זווג אונזערן אַן ענד,
און שלינגט צוריק דעם לעבענס־שיממער איין,
אַרויסגעשפּיגען בלויז אויף איין מאָמענט...

נאָוועמבער, 1906.